בעזהשי"ת

ספר

# מדריך לצניעות בישראל

**והוא חלק ב'**

**מספר „קדושת ישראל השלם"**

ליקוט גדול המקיף דיני יחוד וצניעות ועניני חינוך — שידוכים — חתן וכלה — עצות וסגולות — התעוררות והתחזקות, הנוגעים לכל יהודי מאיש ועד אשה, מקטן ועד גדול.

## דיניו ומנהגיו


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי" **„מכון להודאה בשחיטות ובדיקות"**


בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס.**


ברוקלין נוא יורק • שנת תשמ"ז לפ"ק

— ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל —

יצא לאור ע"י

**וועד משמרת הצניעות ד„האלמין"**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**אזהרה**

**אדם אוסר בדבר שלו, בכן אל ירים איש את ידו להשיג גבולי או גבול באי כחי ולהדפיס ספר הזה או חלק ממנו בלי רשותי והסכמתי, ולהשומע תבא ברכת טוב ושכרו בזה ובבא.**

הרוצה להשיג הספר הזה יפנה אל המוציא לאור:

Editor:
**Rabbi S. Y. Gross**
4711 - 12th Ave. Apt. A-5
Brooklyn, N. Y. 11219
Tel.: (212) 436-8086

© Copyright MCMXXCI

כל הזכויות שמורות

*Printed in the United States of America*

# מפתח — אינהאלט

1. כוס של ברכה ........ ה
2. תחנה ובקשה ציבורית ........ ה
3. מזמור לתודה ........ ו
4. הדרכה לקורא ........ ו
5. אינהאלט פון קונטרס ........ ח
6. פארווארט ........ ט
7. אינהאלט בקיצור ביז פרק טז ........ יא
8. געבעט פונעם לייגער ........ יד
9. פתיחה לשמירת דת משה ויהודית ........ טו
10. רבנים דארפן מוחה זיין — תשובה ........ טז
11. מוחה זיין ........ יט
12. יצה״ר הייסט טאן מצות ........ כא
13. להתודע ולהגלות ........ כא
14. לשון הרע — יחיד ורבים ........ כב
15. די מעלות פון זאגן און אפדרוקן מוסר און הלכות ........ כו
16. מורא׳דיקע רייד וועגן מוסר ........ כז
17. ידער דארף זאגן מוסר ........ כח
18. הערן מוסר ........ כט
19. אפדרוקן מוסר ........ כט
20. פרק א — התנצלות המחבר ........ ל
21. פרק ב — דאקטורים פראבלעמען און עצות ........ ל
22. פרק ג — פסיכאלאגן ........ לג
23. פרק ד — קייראפראקטער ........ לד
24. פרק ה — צו וועלכן דאקטאר זאל מען גיין און ווי אזוי ........ לה
25. פרק ו — יחוד שאלות ........ לט
26. ענף ב׳ פאראייניקטע עלטערן דערציאונג ........ מג
27. פרק ז — עניני קורבה, המתרחשים מדי יום ביומו ........ מה
28. פרק ח — עוד עניני קורבה ........ נא
29. וואונדערלעכע רוח הקודש פון חוזה פון לובלין ........ נד
30. גיין באדן — טובל׳ן ........ נה

# מפתח — אינהאלט

31. קדושת המלבושים ............ נו
32. ענף ב׳ נאך וועגן יחוד ............ נו
33. היתר פון אפענע טיר — פענסטער צו די גאס ............ נז
34. היתר אז דער מאן איז אין שטאט ............ נח
35. אנדערע יחוד־פרטים ............ נט
36. איין מאן מיט פרויען ............ נט
37. אנדערע קרובים — ביי יחוד ............ ס
38. פרק ט׳ וויכטיגע ווארענונגען ............ סא
39. ניבול פה — מיאוסע רייד ............ סא
40. פרק י׳ ענף א׳ חתן — שידוכים ............ סב
41. פרק י׳ ענף ב׳ חופה — חתונה פראקטישע עצות ............ סו
42. פרק י״א פארשידענע וויכטיקע אקטועלע דינים הלכה למעשה ..... עד
43. פרק י״ב עטלעכע נייע הלכות, פון ס׳ דרך פקודיך ............ עו
44. פרק י״ג געקליבענע הדרכות פון הייליקע ספרים ............ עח
45. אויפפירונג אין שטוב ............ עט
46. פרק י״ג ענף ב׳ וויכטיקע עצות און סגולות ............ פ
47. עצות צו האבן ריינע געדאנקען ............ פא
48. פרק י״ד התנהגות פאר פרויען פון „ראשית חכמה" ............ פב
49. פרק ט״ו געקליבענע הלכות, התעוררות, התחזקות ............ פג
50. פרק ט״ז דיני פאה נכרית ............ פז
51. פרק י״ז וויכטיקע ווארענונגען וועגן דיקע זאקן ............ קז
52. פרק י״ח דאס מצוה טאנץ פון חתן־כלה ............ קיט

# כוס של ברכה

הנה מקום אתי פה להביע תודה רבתי לכל המסייעים והעוזרים לי בחיבור זה ובשאר חיבוריי עוסקי במלאכת הקודש באמונה בלתי לד׳ לבדו שלא ע״מ לקבל פרס, בכוונה מזוקקה מטוהרה לזכות הרבים וגם להסר מעצמנו קצת מגודל האחריות של „חיוב מחאה״ וקולר הגדול והכי נורא התלוי בצוארי הבלתי מוחים, (כמבואר בש״ס בבלי, ירושלמי, וזה״ק ושאר ספה״ק, והארכתי בקונטרס „מנוחת שלום״ וכאן ב„פארווארט״ בסופו, ע״ש. ולמטרה זו מגישים טירחם, וזמנם, בלי שום מניעות.

ישאו כוס מלא ברכות ד׳, וימלא ד׳ כל משאלות לבבם לטובה, בשילוח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם, ברוחניות וגשמיות, ויתקדש שם שמים על ידיהם, ויזכו לראות מתוך נחת ובריאות השלימות בנים ובני בנים עד עולם הולכים בצעדיהם, וללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי התורה יהי׳ כל מאוויהם, וגודל כח זכות הרבים יעמוד תמיד נגד פניהם, וזה יהי׳ כל רצוניהם, בכוונה העיקרי לעשות נחת רוח לבוראם, וקוניהם, ולשוב ולעבוד את ד׳ שכם אחד ביראה ואהבה כל ימיהם, ובעל הרחמים יחונניהם, ויסלח לכל עונותיהם, בתוך שאר ישראל אחיהם, ויזכו לבנין ביהמ״ק, והתגלות כבוד שמים במהרה בימיהם, אמן.

# תחנה ובקשה־ציבורית

הנה הוצאת הדפוס רבו כמו רבו עד למעלה ראש, ובאו מים עד נפש מהוצאות הגדולות של דפוס, צילום, כריכה, ועוד.

וע״כ באנו בקריאה נלהבה לאחינו בני ישראל לעזור להוצאות הספר בעין יפה ורוח נדיבה, ובזה יזכו ג״כ להיות ממזכי הרבים, ולשכר הגדול הצפון למזכי הרבים כמבואר בפלא יועץ (אות דפוס) וז״ל: והנה מאחר שעל הרוב קצור קצרה יד החכמים מלהדפיס ספריהם כו׳, וראוי לעשירים כו׳ לפתוח ידיהם אליהם **בעין יפה ובזה** חלק כחלק יאכלו **עם החכם כו׳ והכל לפי מה שהוא הספר**, ולפ״מ שהוא נצרך לרבים, **ולפי התועלת הנמשך ממנו לעבודת השי״ת ודוק ותשכח שכמעט** אין כסף שיהא נחשב למצוה רבה כזו, **שכל הוצאה של מצוה הוא לשעתו כו׳, אבל זה הנותן לצורך הדפוס** צדקתו עומדת לעת **לדור דורים**, והוא מזכה את הרבים, זכות הרבים תלוי בו **כו׳** מה טוב חלקו **קנה שם טוב, קנה לו דברי תורה**, קנה לו חיי העוה״ב, וגם העוה״ז **כו׳ עכ״ל.**

# מזמור לתודה

מעומק לבבינו הננו מגישים תודה רבתי לרבנים הגדולים יושבי על מדין שתרמו מזמנם ומכוחם וטרחו ועמלו לעבור על דברי הספר, והעירו והגיהו לפי רוחב בינתם, וגם לרבות עצות נכונות וישרות ומועילות שהביעו מדעתם כדי שיצא הספר הלזה מתוקן ומהודר בתכלית היופי שיהי׳ ראוי לעלות על שולחן מלכים, וגם לרבות מה שהסכימו בפה מלא להדפסת הספר לזיכוי הרבים, ימלא ד׳ כל משאלות לבבם לטובה ובכל אשר יפנו יצליחו ויזכו להרביץ תורה וקדושה בכרם ישראל עד ביאת ינון במהרה בימינו אמן.

# מסירת מודעה

מקום אתי פה להודיע ולגלות כי רבנים מפורסמים, בעלי הוראה מובהקים, עברו על כל דברי הספר משער לשער, ומאד הוטב בעיניהם, ועוד הוסיפו חיזוק ועידוד באמרם מהרו להוציא הדברים לזכות הרבים ולהרבות הדעת דקדושה, כי רבים יתענגו מטובו, ויהנו מזיוו, ולתועלת גדול מאד יהי׳, כזאת וכהנה דברו אלי וכ״ז חיזקוני ואימצוני שלא להתרפות מדברים העומדים ברומו של עולם, בשגם שמצוה לשמוע דברי חכמים, וגם חזקה עלי דבריהם שמחמת טעמים כמוסים לא אפרסם הסכמתם, ואפילו ברמז, וע״כ לא אוכל לעבור את פיהם ורצונם, ויה״ר שיהא חשוב בעיניכם כאלו הייתי פורטם.

# הדרכה לקורא

הספר הזה הוא פרי עמל ויגיעה כבידה בליקוט מאמרים מפוזרים, מפי סופרים וספרים, שהוא מעבודות הקשות שבמקדש, וע״כ כל תלונה וערעור אם יהיה, אך ורק על הספרים ההם וחף אנכי מפשע, כי עיקר מלאכתי מלאכת אומן לבד, להוריק מכלי לכלי, והדברים עתיקים, ודוגמת מ״ש במסלת ישרים בהקדמה, ומה״ט כל המעיין בספרי אינו סומך על דברי כלל, כי תורה הדין לאו משלי היא, אלא סומך על הספרים שמהם מקור הדברים.

ואין נא אלא לשון בקשה לשום עין עיוני על כל דברי הספר, ואין לשער גודל התועלת שאפשר לקבל ממנו כי הוא בעזה״י מלא וגדוש בדברים טובים ומועילים לרפואת הנפש והגוף, למגדול ועד קטן, ובעיון קצר בדילוג ממקום למקום, וצפצוף העלים, בראיה בעלמא, לא יקנה תועלת הרצוי׳.

ועכשיו נבא אל נקודה רצינית לבאר ולייש קושית העולם על מה ולמה נשנה מסכת קדשים הלזו בלשון המדובר ולא כנהוג בכל דור, להדפיס בלשון הקודש?

והתירוץ פשוט ומובן בקל אולם רק להרוצה להבין, אבל האוהב לטעון ושונא לפרוק, שערי התירוצים לא יספיקו לו, ויהי' לו את אשר לו, אבל המשכילים הנותנים לב להבין, (ואין ממהרים להשיב על כל דבר כדרך הפתאים ברואם דבר חדש, מיד מגביהין עשרה אצבעותיהם, ושואלין ודורשין מה זאת, ולמי זאת, ולמה זאת) יודעים ומבינים שמטבע הטבוע בבנ"א הוא להיות קרוב בקריאה ודיבור ושמיעה, ללשון שמורגל בה מימות ילדותו (ילדותה), מלשון אחרת שאינו רגיל בו כ"כ. הא חדא, ועוד תועלת גדולה מתנוצץ מזה שגם נשים וילדים ירוצו קריאתם בו, וידעו להזהר בהלכות גדולות שנשנו כאן, ושייכים להם, וגם יעזרו ויזהירו בעליהם ג"כ לעשות כמתכונתם, באם בל יתאפשר לו מחמת טירדות הזמן בשום אופן לעיין היטב בכל הדברים הכתובים לפנינו, יהא מלאכתו נעשית על ידי', ועוד טעם להקל על המעיין להבין דבר דבור על אופניו בלי ליאות וטירחא יתירה.

ובכן יה"ר שיתקיים בנו דברי הספר חסידים (סי' רכ"ד) שכ' כל האומר דבר שמועה מפי הקדושים אשר בארץ המה, מתפללין עליו, וממליצים עליו.

וזכות כל הצדיקים וקדושים שדבריהם מובאים בס' הלזה, עם שאר הצדיקים יעמוד לנו ולזרענו וזרע זרענו להדבק בדרכיהם, וללכת בעקבותיהם, לשמור גדרי וחומות הקדושה המורשה מאבות אבותינו, ולעשות נחת רוח ליוצרינו ובוראינו, עד ביאת גואלנו, במהרה בימינו.

# אינהאלט פון דיני יחוד

**א)** אופקלערונג וועגן יחוד. **די סיבות פארוואס מענטשען זענען נאכלעסיג אין איסור יחוד אפילו גאר היימישע אינגעלייט, און אידענעס — איסור יחוד באדייט אז זייענדיג אליינס מיט וועם מען טאר נישט איז מען שוין עובר א איסור דאורייתא, דרבנן — דער יצה"ר איז שטארקער ווי דער מענטש אליינס שטעלט זיך פאר. — די שלעכטע טייל פון בושה ברעכן יסודות פון אידישקייט — פארשידענע אומשטענדן ווען מען פאלט דורך מיט איסור יחוד אומווילענדיג און אומוויסנדיג — דער דאקטער היילט נישט, נאר דער באשעפער — יחוד ביים דאקטער קען ח"ו אפהאלטען די רפואה פון הימעל — אידענעס ערליכע בייזערן זיך אויף מענער וואס ווילען נישט זיין מיט יחוד נאר צוליב אומוויסענקייט — עלטערן דארפען לערנען און ווארענען די קינדער וועגען איסור יחוד, ארויסברענגענדיג ביישפילען פונעם טעגליכען לעבן אין שטיב, ביי די ארבעט, א.ד.ג. און לערנען דעם ריכטיגען וועג — דאס זעלבען די לערערינ'ס דארפען דאס לערנען מיט די תלמידות — די מענער דארפען לערנען מיט די ווייבער — נישט עפענען די טיר פאר משולח, דעליווערי, ארבעטער, אנדערע באזיכער ווען מען איז אליין אינדערהיים —** איסור יחוד **איז געזאגט געווארן אפילו פאר א מאן וואס איז גרויס ווי** משה רבינו **ע"ה, אדער** פרוי **וואס איז אין מדרגת** שרה אמנו **— יחוד איז פינקט אזוי אסור פאר א 90 יאריגען מאן מיט א דריי יאריג מיידעל, אדער 90 יאריג אידענע מיט א 9 יאריג יונגעל, — איידעלע יונגעלייט דארפען נישט זיין אליינס מיט פרעמדע אפילו זיי האבן באקימען א היתר עפ"י שלחן ערוך — באשיידענע צניעות'דיגע אידישע טעכטער ברויכען נישט זיין אליינס מיט א מאן אפילו מיט א היתר, — אלע וואס ריפען זיך חסידישע אידען דארפן עקסטער שטארק מחמיר זיין אין איסור יחוד.**

# פאַרוואָרט

דער דאָזיגער קונטרס איז געווידמעט צו הייבען דעם קרוין פין צניעות און קדושה מיט וואָס אידישע קינדער זענען באַקרוינט פין זייער עקזיסטענץ, ביז'ן היינטיגען טאָג.

אומגעהוירע און אומבאַשרייבליכע צרות האָבען אידישע קינדער מיטגעמאַכט מיט אַ 35־40 יאָר צוריק ווען פין כלל ישראל איז אַוועקגעשניטען געוואָרען דאָס שענסטע און בעסטע, און דאָס אידישע פאָלק איז געבליבען פאַראָרעמט און פאַריתומ'ט אָהנע עלטערן, אָהנע וועגווייזער וויאַזוי זיך צו פירען, ביי יעדן טריט און שריט און צו שטאַרקען די געמיטער זיך צו האַלטען פעלזן פעסט טראָץ אַלע נסיונות, מיט געהעריגע הדרכה.

צו דעם איז נאָך צוגעקימען וואָס דאָס רעשטל פאַרבליבענע זענען געווען צוקלאַפּט און צובראָכען אָהן מוהט, און אויסגעוואַנדערט אין פאַרשידענע עקן פין די וועלט, וואָס יעדעס אָרט פאַרמאָגט זיך זיינע אייגענע נסיונות חוץ די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע מכשולות און פירצות וואָס מען דאַרף קעמפן קעגן ביידע, מיטן לעצטן ביסעל כח און ענערגיע.

מיר האָבען אָבער דורכ'ן כח פין השי"ת'ס הבטחה „ואתם בני יעקב לא כליתם" דערלעבט צו אַ אידיש דור טראָץ אַלע מאַטערנישען, און מיר האָבען זוכה געווען צו צדיקים וואָס זאָלען באַלייכטען פאַר אונז דעם וועג, זאָל אונז טאַקע דער רבש"ע קיינמאָל מער נישט פאַרלאָזען, און נישט צוברענגען ח"ו צו נסיונות, נאָר וואָס שנעלער צואיילען דעם גואל צדק.

א) איינס פין די גרויסע נסיונות היינט צו טאָג איז יחוד, לויט'ן היינטיגען לעבענ'ס שטייגער קימט אויס זייער אַסאַך זיך אָנצוקלאַמערן מיט די הלכה און כמעט נאָר צוליב אומבאַקאַנטשאַפט אין דעם ווינקעל קימען פאָר גרויסע מכשולות אומווילענדיג און אומוויסענדיג וואָס וואָלטען אָהן שום צווייפעל געקענט פאַרמיטען ווערן בלויז דורכ'ן וויסען וואָס און ווען און וויאַזוי מען מעג, און וואָס נישט, און דערפאַר האָבען מיר נישט געזשאַלעוועט קיין צייט, מיה, געלט און אָהנע שיעור טירחא, צו שרייבען און טוהן אין געביט פין יחוד, מיט די איינציגע כוונה צו העלפן אידישע נפשות זיך צו האַלטען ביי די קדושה. עס איז קיין שום ספק נישט אַז דער גרעסטער נח"ר פאַר די טאַטעס און זיידעס און רבי'ס, מיט די אַנדערע קדושים וואָס זענען ברוטאַל אומגעקימען, איז צו פירען זיך אין זייער וועג וויאַזוי זיי האָבען זיך געפירט, און נישט לאָזען אינטער'גראָבען די סאַמע יסודות פון קיום היהדות, וואָס אונזערע זיידעס און באָבעס

האבען זיך דערפאר געהארגעט און געלאזט פארברענען, און דרך אגב האבען מיר שוין אריינגעדרינגען אין אלע זייטיגע טאג טעגליכע ביישפילען וואס בארירען די יסודות פין אידישע הייליגטום, און געזוכט צו פעסטיגען אירע זיילען. און דורכדעם קענען מיר רעכט האפען אז בקרוב וועלען מיר זוכה זיין זיך צו פרייען מיט זיי ציזאמען, און נישט דארפ'ן זיך שעמען זיי צי קיקען אין פנים אריין, (כמו שאנו מתפללין יה"ר שלא נבוש ולא נכלם מאבותינו אמן). דער ס' חסידים שרייבט (בסי' שס"ד) אז אויף יענע וועלט וועלן נאר די וואס זענען אין די זעלבע מדריגה, זיין צוזאמען, און דער טאטע וועט גארנישט זיין צוגעלייגט אויף דעם וואס זיין זוהן איז נישט נעבן אים צוליב דעם וואס ער האט נישט זוכה געווען דערצו, ווייל דער פרייד פין גן עדן, און דער פרייד וואס מען האט הנאה פין די שכינה הק', מאכט פארגעסן יעדן צער. נאך שטייט דארט (סי' ט"ז) אז אין ג"ע וועט קיינער נישט קענען מכבד זיין דעם חבר צי זיצען נעבן אים, נאר יעדער וועט רוען אויף זיין צוגעגרייטען פלאץ.

דערפאר זאלען וויסען די אלע וואס האפען זיך צו זעהן מיט די אבות, אז דאס איז אויסשליסליך נאר ווען מען פירט זיך אין זייערע וועגן, דעמאלטס איז דא האפנונג זיך צו זעהן מיט זיי, אבער ווען מען ווערט ח"ו נאכגעשלעפט פין די בייזע ווינטען וואס בלאזען מיט קראפט, מאדעס און פירצות, מיט די פארשידענארטיגע מאראלישע זומפען, און נאכדעם חלומ'ט מען זיך זיסע חלומות וויאזוי מען וועט זיך שוין ענדליך זעהן — בלויז נאך אזויפיל בענקעניש און צער, מיט די אבות, איז דאס פאנטאזיע, ווייל אין הימעל איז א עולם האמת ווי אלעס ווערט פינקטליך פארשריבען און אויפגעצייכענט יעדן טריט און שריט פינעם לעבן, און נאר די וואס זענען אייניג מיט זייערע מעשים באגעגענען זיך דארט, אפילו אייגענע קינדער מיט זייערע טאטעס לאזט מען נישט ציזאמענטרעפן, ווי דער קדוש אלקי ר' יהודה החסיד זצוק"ל שרייבט קלאר און דייטליך, און לויט ווי עס זעהט אויס פין זוה"ק (בלק ריט) האבען די עלטערן אודאי נישט קיין חשק זיך אראפצילאזען נידריגער כדי זיך צו זעהן מיט די קינדער ווייל יעדע רגע הנאת עולם הבא איז אשאד צו פארפאסען. קומט אויס אז בלויז ווען מען פירט זיך אין די וועגן פין די אבות קען מען נאך זוכה זיין זיי צו זעהן און נישט אנדערש.

ב) און ק"ו בן בנו של ק"ו אז דאס איז א קינדערישע איינרעדעניש דאס דער וואס איז א יחסן א אייניקעל פון גרויסע זיידעס וועט מען מער מקרב זיין אויבען, אויסער אויב מען האט דערצו זוכה געווען מיט אייגענע מעשים טובים.

ע"כ דאַרף מען זיך אַנשטרענגען איבער די כחות נאָכצוגיין די פוס טריט פין די אבות, און שטענדיג שטרעבן צום ציהל פון „מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי" (ווען וועלן מיינע מעשים צוקומען צו די מעשים פין מיינע זיידעס)און נאָר דאַן קען מען האָפען זיך אַמאָל נאָך צו טרעפן און פרייען מיט זיי.

אַריינלייגענדיג זיך ראשו ורובו אין די אַרבעט האָבען מיר איינגעזען אַז ציטירען בלויז אפאָר הלכות פין יחוד וועט ווייט נישט גרייכען דעם ערוואַרטען ציהל, דעריבער האָבען מיר זיך אָנגעשטרענגט ווי ווייט מעגליך אַז מיט השי"ת'ס הילף זאָלן מיר קענען אַרויסקימען מיט אַ קאָמפלעטע אַרבעט, און ב"ה אין אַ גוטע שעה האָפען מיר, דאָס מיר האָבען דערגרייכט דעם מאָטיוו, זאָל השי"ת טאַקע העלפן דאָס אידישע קינדער זאָלן זיך קענען פירען בקדושה ובטהרה ווי זיי ווילען אמת'דיג, און השי"ת זאָל איבערקערן די הערצער פין אַלע פאַרבלאָנזשעטע נשמות, אים צו דינען און דערמיט דערנענטערן אונזער אויסלייזונג אינגיכען אמן.

## אינהאַלט בקיצור

כדי צו האָבען אַ שטיקעל אָהנונג אינעם רייכען אינהאַלט פין חיבור, און דורכדעם פאַרשטיין איר וויכטיגקייט וועלען מיר אַפשרייבען אין קורצען דעם אינהאַלט פין ספר [דאָס איז אויסער דעם לאַנגען מפתח פין יעדן פרט באַזונדער:]

### פרק א־ב:

אַ קלאָרקייט פאַרוואָס איסור יחוד איז פאַרנאַכלעסיגט אפילו ביי איידעלע טייערע חשובע אידען, — און אידענעס, — צוגעבנדיג אַ היפש ביסעל ביישפילען פין יחוד פעלער היינט צו טאָג וואָס אסאך האָבען כמעט נישט געוויסט אַז דאָס איז יחוד (ועיין בזה באריכות בקדושת ישראל ח"א).

1) אַ געוואַלדיגן איבערבליק וויאַזוי די היינטיגע דאָקטורישע באַזוכען זענען פאַרבינדען מיט מכשולות פין יחוד, און נאָך, — פּראַקטישע איבערלעבונגען פין טאָג טעגליכע גייסטיגע טראַגעדיעס דורך דאָקטורים, — אומפאַרזיכטיגקייט פין אויפירונג ביי דאָקטורישע באַזוכען, — אַלעס גענימען פין פאַרלעסלעכע מקורות, אָהנע גוזמאות, נאָר פאַרקערט נאָך מקצר געווען.

### פרק ג:

די גרויסע סקאַנדאַלען וואָס גייען פאָר ביי די פסיכיאַטאר באַזוכונגען, וואָס גרעניצט זיך אויך טיילמאָל מיט מינות ואפיקורסות.

**פרק ד:**

דאָ ווערט אַרומגערעדט וועגן די פּראַקציע פון קיראָפּראַקטיק (Chiropractic) וואָס איז שטאַרק אויפגעכאַפּט ביי די קרייזן טראַצדעם וואָס אירע לעקציעס פאַר פרויען זענען נישט עפ״י התורה, — הדרכה פאַר מענער פון די פרויען וואָס גייען צו דאָקטוירים, — קיינער איז נישט יוצא מיט אייגענע אָפּגעהיטענקייט יעדער דאַרף מעורר זיין וועם ער האָט נאָר שייכות (צא ולמד מנח — במבול).

**פרק ה:**

אַ פלאַי פלאַים׳דיגע וועג ווייזער צו וואָס פאַרא דאָקטוירים מען זאָל גיין, און וויאַזוי פטור צו ווערן פון יחוד עפ״י התורה, איינשליסענדיג די הימעלשרייענדע, ערדציטערנדיגע פּאַסירונגען ביי און דורך דאָקטוירישע באַהאַנדלונגען אָהנע אָפּגעהיטענקייט פון יחוד, וואָס האָט צובראָכען און דערונקען אין דעם גייסטיגען תהום (אָפּגרונד) שווערע צענדליגע משפחות אָהן רחמנות, אויסער פיזישע געשעהענישען, הימעל שטראָפען און באַווייזען תשובה צו טוהן.

**פרק ו:**

אָהנע שיעור ביישפּילען ווי עס קימט פאַר טאָג טעגליך פאַר׳ן טאַטע׳ן, מאַמע׳ן, ברידער, שוועסטער, ערנסטע יחוד פּראָבלעמען וואָס ווערט אויפגענימען זייער גלייכגילטיג, אָהנע שאלה פון אַ מורה הוראה, צב״ש שפּיטעלער, אַרבייטער אין שטיב, פּאַרדינגען אַ שטיב פון דירה, טעקסי, עלעוועיטאָר, סטאָר, בעבי סיטער (שומר ילדים), משולחים, און נאָך פיהל. — הדרכה פאַר ערציען ערליכע כשר׳ע דורות.

**פרקי ז־ח־ט:**

אַדורכדרינגליך בליק וועגן קורבה (נישט כשר׳ע נאָנטקייט) פון טעגליכען לעבן צענדליגע ביישפּילען מיט פּינקטליכע מקורות אויף זייער האַרבקייט, און די ריכטיגע וועגן פון אויפפירונג.

**פרק י ענף א:**

אַ אוצר פון דינים וואָס באַרירט דעם חתן־כלה־מחותנים פון אָנטראָגען דעם שידוך, ביז די חתונה, — הדרכה לויטען הלכה, וואָס פאַראייניגט זיך און שליסט זיך איין מיט די מסורה (קבלה) פון אונזערע אבות אבותינו.

**פרק י ענף ב:**

הדרכה נכונה ועצה ישרה פון אַנגעוויייטאָגטע פּראָבלעמען פון די חופה ביז נאָך די חתונה, (וועגן די חופות אין שטיב אי״ה באַריכות אין אַ

באזונדער קונטרס ציזאמען מיט די פירצה פין (מאווי Movie) בילדער ביי דער חתונה) — עצות פאר די וואס וואקלען זיך און שפעקולירען וועגן גיין צו משפחה חתונות וואס זענען נישט באזירט לויט'ן שלחן ערוך. — מיט א מערקווירדיגע מעשה'לע וואס האט פאסירט היינטיגע צייטען אינעם דור פין הסתרת פנים, ווי מען זעהט קלאר די השגחה פין רבש"ע וואס פארלאזט נישט די וואס פארזיכערן זיך אין אים, מיט מסירות נפש.

פרק יא:

א רייכע צאל פין וויכטיגע אקטועלע דינים וועגן קורבה און יחוד, געקליבען פון די פוסקים.

פרק יב:

דא ווערט ציטירט הלכות, און חומרות, מיט דיקדוקים, פון הגה"ק מהרצ"א מדינוב זצ"ל וועגן יחוד און קורבה וואס ווערן נאכנישט דערמאנט אין די אנדערע פוסקים, און איז פון גרויס וויכטיגקייט, בפרט פאר יראי ד' און אנשי מעשה.

פרק יג־יד־טו:

וויכטיגע הדרכות, און התנהגות פאר די בעל הבית'טע, ארויסגענימען פון ראשית חכמה.

פרק טז:

דער שווערער מצב היינט צו טאג וועגן פארלעסליכע גרויסע דאקטוירים, — די עצה וויאזוי צי זיי צוציקימען (מען זאל נישט דארפען) בפרט ביי פיקוח נפשות.

די אלע הלכה ענינים זענען ארויסגענימען פין די פוסקים און אחרונים וואס רעדן פון ענינים וואס ווערן דערמאנט אין דעם קונטרס, דערמיט ווילען מיר מגלה זיין אז אלע בקיאות זענען נישט אייגענע הארעוואניע, נאר געקליבען פון פארלעסליכע קוואלען. און אונזער ארבעט איז באשטאנען פין בלויז ציזאמנעמען די אלע וויכטיגע אקטועלע הלכות און מנהגים פין גמרא, ש"ע, אחרונים און אראפשטעלן אויף איין ארט אזוי נאך דאס אפילו דער ת"ח וואס איז פארנימען מיט זיינע פריוואטע שיעורים, און סתם ארבעטערס, וואס דארפען זייער ביסעל פרייע צייט, צו לערנען שיעורים און או"ח זאלען האבען די געלעגנהייט מקיים צו זיין די יסודות'דיגע הלכות פון קדושת עם ישראל, וואס צו דעם קען מען זעלבסט־פארשטענדליך נישט ציקימען אהנע וויסען די ווייטערדערמאנטע הלכות ווי די באקאנטע משנה ולא עם הארץ חסיד, און די מערקווירדיגע מעשה פונעם עם הארץ חסיד, וואס האט געוואלט צוליב חסידות טוהן זאכן וואס

זענען לויט זיין מיינונג געווען גרויסע מצות, אבער לויט די תורה, איז דאס גאר געווען עבירות (עי׳ ס״ח).

און צוליב דעם זעלבן טעם האבן מיר נישט געקארגט קיין מיה אלעס איבערצוזעצן אויפען היימישען אידישען שפראך, כדי אז יעדער זאל קענען לייענען און פארשטיין אלעס קלאר און פינקטליך, אהנע אנשטרענגונגען און פלאג, כאטש עס וואלט פיל צייט פארשפארט מיט טירחות, ווען מען שרייבט אלעס אויף לשון הקודש, אדרבה אין עולם התורני וואלט מען געייסען מער למדן, אבער ווי קען מען קיקען צי אלע זאכען, ווען מען זעהט ווי דאס מאראל פאלט גאנצע שטאקען טעגליך, און א צייט וואס עס ברענט, מיז מען אלעס פארקיקען, נאר זיכען די גרינגסטע שנעלסטע מעטאדען צו פארלעשן.

## געבעט — פונעם לייענער

מכח די אלע טעמים בעט מען פין יעדן, נישט צו געבן בלויז א בלעטער אהין און אהער, און א שטעל אין די זייט, אזוי ווי מען טיט שטענדיג, **ווייל פארגעסט נישט! אויף דעם קונטרס קענט איר נישט טראכטען אז עס איז אייך נישט וויכטיג, מיר קענען זאגען אויף גאנצע הינדערט פראצענט, אז** יעדער איינער **אהן אויסנאם** באגעגענט זיך מיט 80 פראצענט פין די זאכען וואס ווערן דערמאנט אין דעם קונטרס, **און רובא דרובא מיט כמעט אלעם וואס עס שטייט,** און לא ימלט אז איר זאלט נישט ארויסנעמען א תועלת דערפון! **לפחות צו פרעגן א שאלה אויף זאכען וואס איר האט זיך גארנישט פארגעשטעלט אז דאס קען זיין א שאלה, אדער געוויסע** אינצידענטן וואס איז קיינמאל נישט בייגעפאלען **אז מען איז עובר ביי איר א איסור.**

דער איינציגער **וואס קען זיין זיכער אז** דער קונטרס איז פאר אים נישט וויכטיג, **איז נאר דער וואס איז אויפגעוואקסען אין א מדבר און וועט דארט פארברענגען ווייטער א גאנץ לעבן, איינער אליינס, און אזוי ווי דאס עקזיסטירט נישט, איז דער קונטרס פאר יעדן וויכטיג.**

אויסער אלעם **דארף מען וויסען אז פון איינמאל דורכקיקען דאס גאנצע וועט מען ווייט נישט ערייכען דעם ריכטיגען תועלת, ווייל דאס איז געגליכען צו איינעם וואס הייבט זיך אן אויפוועגן, און שפירט נאך נישט רעכט וואס עס טיט זיך ארום אים. נאר דער עיקר איז הפך בה והפך בה, מיט'ן קיקען מערערע מאל נעמט מען הערשט ארויס דעם תועלת הנרצה למעשה.**

און כדי מען זאָל האָבן אַ שטיקעלע באַגריף ווי ווייט נויטיג עס איז פאַר יעדן פון קליין ביז גרויס צו קענען די הלכות פון צניעות און איר פראַקטיזירען לויט די פאַרשריפטען פון די תורה ווילען מיר אַראָפּברענגען די הייליגע רייד פון הגה"ק ציס"ע ר"ה קאַלאַמייער זצוק"ל וואָס שרייבט אין זיין ספר עת לעשות (ח"ב שאלה מ') פאַלגענד:

## פתיחה (פאָררעדע) לשמירת דת משה ויהדות

איר טרייע פרומע טעכטער פון שרה, רבקה, רחל, לאה, הערט אויס מיין דרשה, גיט אַכטונג אויף מיינע רייד, אַז עס זאָל נישט זיין ביי אייך גלייכגילטיג און גרינג געשעצט. פרעגט אייך אין אייערע הערצער אַזאַ אונטעררעכט וואָס עס וויל אייך לערנען אַן אמת'דיגער פריינד, וועלכער האָט אַזוי ליב אידישע קינדער אַזוי ווי זיך אַליין.

איר זאָלט וויסען אַז איר האָט אין אייער כח און מאַכט אַ מעגליכקייט צו פאַראורזאַכן פיל טובות און הצלחות פאַר אייער מאַן און פאַר אייערע קינדער אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט (ווייל דאָס געטרייע און ערליכע ווייב איז מחויב זיך צו באַשטרעבן מיט אַלעם מעגליכן צו פאַרשאַפן גליק און כבוד פאַר איר מאַן, און אַוודאי דאַרף זי אים פאַרשאַפן אַזאַ גליק און כבוד וואָס איז פון דער צוקונפטיגער וועלט און וועלכעס איז נישט פאַרגענגליך). און אַזוי ווי דער מענטש נאָך זיין לעבן בלייבט אים גאָרנישט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן אפילו ווען ער איז זייער רייך, נאָר ווען ער האָט די זכיה איבערצולאָזן ערליכע אידישע קינדער, נו וואָס איז דעמאָלס דער מענטש מחויב צו טאָן ער זאָל דאָס דערגרייכן.

ווייל דאָס אַלעס איז נאָר אָפּהענגיג ווען די פרוי פאָלגט אויס געטריי און פינקטליך די תורה און איר פאַרשריפט דת משה ודת יהודות, די דינים פון כו' און צניעות. דעריבער פיל איך פאַר מיין פליכט צו פאַרעפענטליכן אַז יעדער זאָל וויסן די גרויסע וויכטיגקייט פון די טייערע מצות (אַז זיי זאָלן נישט מיינען אַז דאָס דאַרף מען נאָר באַטראַכטן ווי אַ מנהג, אָדער אַז עס איז נאָר אַ קליינע עבירה), און אַז יעדע פרוי זאָל דאָס אַלעמאָל האָבן פאַר אירע אויגן, ווייל דאָס וועט אייך צוהעלפן אַז איר זאָלט אייך קיינמאָל נישט לאָזן פאַרפירן פון די ליידנשאַפטן און עובר צו זיין אפילו מיט דעם מינדעסטן. ווייל ווער וועט דען זיין אַזוי פאַרדומט און פאַרנאַרט צוליב אַ קליינע הנאה פון אַ קורצן דויער וואָס גייט באַלד פאַראיבער, צו פאַרלירן זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע קינדער צוליב דעם. ווייל ווען אַ מענטש לייגט זיך איבער אַז אפילו ווען ער איז אין אַ פאַרבאָרגן אָרט, און די טיר פון דעם צימער איז גוט פאַרשלאָסן, און די פענסטער זענען פאַרהאַנגען,

און דאָס ליכט איז פאַרלאָשן, איז פונדעסטוועגן דאָך אַלץ פאַרהאַנען אַז אויג וואָס זעט אַלעס און פאַר אים איז אַלעס אָפן, און וועלכער וועט פאַרלאַנגען אַ חשבון ווען עס וועט קומען די געוויסע צייט איינצוקאַסירן פאַר אַלע זינד.

ווי אויך וויבאַלד זיי וועלן שוין וויסן די גרויסע וויכטיגקייט פון דער עבירה, וועט דאָס ביי זיי פאַראורזאַכן אַז זיי זאָלן זיך באַשטרעבן אַז זיי זאָלן נישט זיין פרעמד און אומוויסענד פון די פאַרשריפטן און דינים, נאָר זיי וועלן זיך זייער אָפט באַשעפטיגן און אַריינקוקן אין אַזעלכע ספרים, נעמליך אין דעם ספר שמחת הנפש, מעין טהור, הליכות עולם, און לייענען זיי זייער אָפט, כדי זיי זאָלן זיין גוט באַקאַנט און די דינים וואָס זיי נייטיגן זיך, (ביז דאָ זענען זיינע ווערטער).

## התעוררות למחאה

מיר בעטן זייער פון אַלע רבנים, ומנהיגים, אויטאָריטעטן, און אַנערקענטע קהלה קערפּערשאַפטן זיי זאָלען רעדן און מעורר זיין אין די בתי מדרשים, און ביי די שיעורים וועגן די אַלע פּראָבלעמען פין יחוד, און אַנדערע, ווייל ישראל קדושים הם און רובא דרובא מכשולות זענען פשוט צוליב חסרון ידיעה, אין צוזאַנהאַנג מיט מיט דעם וועלן מיר ציטירען די ווערטער פון הקדוש והטהור ר״ה קאַלאַמייער זצוק״ל, וואָס ער שרייבט וועגן דעם, (עת לעשות ח״א שאלה ע״ג — ע״ד, ע״ה).

### רבנים דאַרפען מוחה זיין, (שאלה עג)

איז עס מעגליך אַז עס זאָלן זיין געוויסע ערטער וועלכע האָבן אַ מנהיג, און דאָך זענען זיי אָן אַ מנהיג?

### תשובה

די תורה הקדושה שרייבט „וכשלו איש באחיו״ — ביי אידן איז יעדער איינער פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם צווייטן אין הינזיכט פון אידישקייט. נאָך מער איז פאַראַנטוואָרטליך דער מנהיג הדור (וואָרים ער איז דאָך נאָר פאַר דעם באַשטימט און געשטעלט געוואָרן), אַז זיין אויפגאַבע איז רעכט צו ווייזן פאַר דעם המון עם ווי זיך צו פירן ווען זיי ווילן זיין עבדי השם.

דעריבער איז צו שטוינען און צו קלאָגן אויף דעם וואָס די תורה און דער אמת איז היינטיגע צייטן אַזוי געזונקען און פאַרמינערט געוואָרן, אַז אין זייער אַ סך מקומות ווי עס עקזיסטירט נאָך יראת שמים, באַשטייט ביי

די מנהיגים דאַס רבנות פירן נאָר אין דעם וואָס זיי מאַכן משפטים בין אדם לחבירו און פסקענען שאלות פון איסור והיתר. כאָטש עס איז אמת אַז די וועלט שטייט אויף דין און שלום, אָבער אַלעס באַשטייט נאָר אויף עטליכע לא תעשה'ס פון דער תורה. שטעלט זיך די פראַגע: וואו זענען נאָך פילע הונדערטער מצוות וואָס מען דאַרף אונטערריכטן דעם המון זיי זאָלן וויסן וויאַזוי מקיים צו זיין אָט די מצוות און אין וועלכן וועג זיי זאָלן גיין. וואַקסט דען מיט דעם מענטש פון דער יוגענט אָן די אַלע גוטע מידות, ווי למשל יראת שמים, יראת האמת, יראת הרוממות (ערפורכט), מדת ענוה (קליין האַלטן זיך), בושה, שונא בצע (נישט צו זיין געלט גייציג) צניעות, נדיבות לב (האָבן אַ גוט האַרץ) לב טהור (אַ ריין האַרץ), אוהב תוכחה (ליב האָבן שטראָף רייד), מתרחק מן הכבוד (צו דערווייטערן זיך פון כבוד), אוהב שלום (ליב האָבן שלום), שמח בחלקו (צו זיין צופרידן מיט דעם וואָס מען פאַרמאָגט), מצות שמירת פה ולשון (צו זיין אָפּגעהיטן מיט'ן מויל און שפראַך), און אומנם אלם — ווי די גמרא דרשנ'ט „אומנתו של אדם לשום עצמו כאילם" (אַ מענטש דאַרף זיך מאַכן ווי שטום), ובפרט אַזעלכע עבירות וואָס די תאווה צו זיי איז זייער גרויס און דער יצר הרע רעדט צו דערצו צו טאָן אפילו ווען דאָס איז קעגן דער תורה — אָט די אַלע מידות וואַקסן דאָך נישט מיט דעם מענטש פון זיין יוגנט אָן ווי די שנעק מיט זיין הויז. נאָר פאַרקערט איז דער אמת, ווי דער פסוק שרייט „עייר פרא אדם יולד" — דער מענטש ווערט געבוירן ווי אַ ווילד באַשעפעניש. יעדער מענטש איז פון זיין שורש פון ערד, און פון דער נאַטור פון זיין געבורט איז ער ווי אַ ווילדער וואַלד אייזל, וועלכע האָט אין זיך אַלע שלעכטע מידות. נאָר דורך די אגדות און דברי מוסר פון אונזער הייליגער תורה קען זיך יעדער מענטש צוימען און פאַרפיינערן און דעסטולירן אַז אַלע זיינע מעשים און מידות תרומיות — די געהויבענע מידות זאָלן ווערן איידל און פיין.

איז אַ גרויס רחמנות און עס איז שטאַרק צו באַדויערן די אָרימע יתומים, די עלנדע צאן קדשים, נעמליך דעם המון עם ה' (וואָרים נישט יעדער האָט דאָך די זכיה און עס איז אויך נישט מעגליך אַז יעדער זאָל זיין אַ בן תורה), אָט די אַלע הערן נישט קיין אמת'דיגע דברי תוכחה אין זייער גאַנץ לעבן, זיי באַקומען נישט קיין אמת'דיגע אויפקלערונג פון מוסר, קיין אמת'דיגן אונטערריכט און הדרכה פון קיין רב און פון קיין מגיד, ווי מען דאַרף זיך צו פירן ווען מען וויל אויף זיך טראָגן דעם נאָמען ערליכער איד. צו וויפל מכשולים און צו וויפיל שגגות און עבירות קומען אַזעלכע. דעריבער האָט השם יתברך באַפוילן פאַר משה רבינו אַז ער זאָל יעדן שבת צונויפרופן די אידישע קינדער און זאָל זיי אונטערריכטן ווי זיך צו פירן אין עבוד השם און אין אַלע ענינים. (דאָס איז זיין לשון וואָרט ביי וואָרט.)

## אין שאלה עד שרייבט ער ווייטער

אַ מנהיג וואָס איז נישט געהעריג מדריך און מוכיח דעם עולם, איז זיין ווירקליכער נאָמען רוצח, אָדער נישט?

## תשובה

אויף דעם פסוק „עצומים כל הרוגיה" — פיל ווערן דערפון דערמאָרדעט — איז דער דרש פון די גמרא אַז דאָס מיינט מען אַ תלמיד וואָס הגיע להוראה ואינו מורה — איינער וואָס קען לערנען און אונטערריכטן און ער אונטערריכטעט נישט, איז ער מיט זיין שטילשווייגן גורם אַז פיל אומשולדיג בלוט ווערט פאַרגאָסן און ער פאַרדינט דעריבער דעם נאָמען רוצח.

כדי דאָס זאָל נישט אויסקוקן אַזוי ווילד און פרעמד, נאָר יעדער זאָל עס קענען פאַרשטיין אַז דאָס איז דער ריינער אמת, און אויך יעדער איינער מעשים בכל יום — עס איז אַן אַלטעגליכע זאַך, האַלט איך מיך פאַרפליכטעט אַביסעל אויפצוקלערן די זאַך „וישמע חכם ויוסף לקח" — דער חכם וועט פאַרשטיין פון דעם פיל מערער וכו', (דאָס זענען זיינע ווערטער).

## ווייטער שרייבט ער אין שאלה עה פאָלגענד

פאַרוואָס איז דער עונש פון שלעכטע מנהיגים אַזוי מורא'דיג און שרעקליך?

## תשובה

מיר געפינען ביים דור המבול, כאָטש זיי האָבן געזינדיגט מיט עבודה זרה און גילוי עריות, איז דאָך זייער גזר דין אַז זיי זאָלן אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט נאָר באַשטימט געוואָרן צוליב דער עבירה פון גזל (ווען מען רויבט אַוועק פון עמיצן דאָס זייניגע). דערפון קען מען זיך אַרויסנעמען אַ מוסר ווי גרויס דער פגם איז פון דער עבירה גזל. אַצינד אַז מען באַרעכנט זיך אַז די עבירה פון גזל איז אַזוי גרויס, וואָס דער באַטרעף דערפון איז בלויז אין זאַכן פון עולם הזה, ווי למשל אַ הויז, פאַרמעגן און דאָס גלייכן, וואָס די אַלע זאַכן האָבן נאָר די ווערט פון אַ צווייטוויילינע הנאה אַ חיי שעה, דערפון קען מען פאַרשטיין די האַרבקייט ווען איינער רויבט אַוועק פון זיין חבר דאָס חיי עולם, דאָס אייביגע לעבן און איז אים

גורם אַז זיין נשמה זאָל פאַרשניטן ווערן בעולם הבא און אויסגעראָטן ווערן ח״ו. ווייל ער איז דאָך אַ מנהיג ישראל ממילא ליגט אויף אים די פליכט און אויפגאַבע אויפצופאַסן אויף יעדן אַז ער זאָל גיין אין דרך הישר און וויאַזוי ער זאָל האַלטן אידישקייט ערליך. ווייל זיי האָבן נישט קיין אמת׳דיגע אמונה דעריער נוצן זיי אויס זייער אַמט כדי זיך גרינגער צו מאַכן די פרנסה, און דערפאַר מאַכן זיי זיך נישט וויסנדיג פון תוכחה און שטראָף רייד. ביי טייל מענטשן ווילן זיי דערגרייכן ליבשאַפט דעריבער חנפה׳נען זיי צו אים „ואומרים לרשע צדיק אתה״ — זיי זאָגן פאַר אַ רשע דו ביזט אַ צדיק.

וואָס זאָל טאָן אַזאַ דור עני, אַזאַ אָרעם דור ווען זיי אין דעם גאַנצן לעבן האָבן נישט די געלעגנהייט צו הערן איין אמת׳דיגע תוכחה וואָס זאָל זיי אויפוועקן פון זייער שלאָף און זיי זאָלן מתחרט זיין אויף זייערע מעשים. ווען עס וועט קומען דער יום הדין הגדול און זיי וועלן זען די ביטערע שטראָפען וואָס איז פאַר זיי אָנגעגרייט וועלן זיי דעמאָלס יאָמערליך שרייען און וויינען און וועלן טענה׳ן צום רבונו של עולם: דו ביזט דאָך אַ דיין האמת, ווי קאָנסטו אונז אַזוי האַרט באַשטראָפן ווען דו אַליין ווייסט אַז די אורזאַך פון אונזער שלעכטער אויפפירונג איז נאָר דאָס וואָס קיינמאָל האָט אונז קיינער נישט געזאָגט קיין מוסר און אונז צו רעכט געוויזן. דעמאָלס וועלן אַלע שבעה מדורי גיהנם — אַלע זיבן אָפּטיילונגען פון גיהנם און דער כף הקלע וואו מען שליידערט די נשמה פון איין עק וועלט צום צווייטן נישט גענוג זיין נקמה צו נעמען פון די מנהיגי שקר, פאַלשע פירער, אויף דעם אומשולדיגן בלוט וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן, (ביז אַהער איז זיין לשון).

ז) דער חפץ חיים זצ״ל שרייבט: היינטיגע צייטען יעדער וואָס איז אַ מופלג בתורה און האָט אַ ברירה צו מוסר׳ן ווערט אָנגעריפען אַ ת״ח ביי דעם ענין פון מוסר׳ן, און מען מיז נישט זיין אַ גרויסער גאון, דעריבער זאָל זיך יעדער ת״ח מזרז זיין און געדענקען אַז דאָס איז מיט׳ן לעבן, און ער וועט לעתיד אויפגעפאָדערט ווערן אויף דעם, און דער וואָס וויל גראַטעוועט ווערן פונם שווערן מדת הדין דאַרף מוסר זאָגן דאַמאָלטס וועט אים גיט זיין יעצט און שפעטער, (בית ישראל סי׳ פ״ח).

## מוחה זיין

ח) נאָך שרייבט ער: (דבר בעתו פ״ב), וויאַזוי קען אַ מענטש וויסען אויב ער איז אַ אמת׳דיגער עובד ד׳, אָדער ער מיינט נאָך אייגענע אינטערעס, צו באַקומען שכר? אויב ער איז אַ אמת׳דיגער עובד ד׳, איז ער

משתוקק אַז אַלע זאָלען דינען דעם באַשעפער, און ווען ער זעהט עוברי עבירה טיט אים ווי דאָס האַרץ, אָבער דער וואָס מיינט זיך, אינטערסירט אים נישט אויב אַנדערע דינען אויך דעם באַשעפער דער עיקר איז „ער זאָל נישט גיין אין גיהנם" מער גייט אים נישט אָן.

עס איז באַוואוסט אַז יעדער איד האָט ביי קבלת התורה נישט נאָר פאַר זיך מקבל געווען די תורה נאָר אויך וויפיל ער וועט קענען שטאַרקען דאָס האַלטען די תורה ביי אַנדערע מענטשען.

דעריבער אפילו דער גרעסטער מחמיר און מדקדק וואָס היט זיך פון איסורים מיט'ן גאַנצען מעגליכקייט, קען זיין אַז לעתיד וועט מען אים שטראָפען פאַר'ן עסען חזיר, און טריפות, און אויף זיין פראַגע ווי קומט צו אים דער גרויסען מחמיר, די סאָרט עבירות? וועט מען אים ענטפערן! ווייסטו דען נישט אַז אַלע אידען האַפטען (ערבים) איינער פאַר'ן אַנדערן! דערמאָן דיך נאָר יענע און יענע צייט ווען די מענטשען אין דיין שטאָט האָבען געגעסן די אַלע זאַכן און די ביסט געשטאַנען פון דערווייטען כו' דעריבער קום נעם דיין שטראָף! ווי ווייט וועט מען זיך דאַמאָלטס ערגערן און מצער זיין וויאַזוי מיט אַ קלייניקייט וואָלט מען געקענט פטור זיין פון די אַלע זאַכען.

זאָלסט דיך נישט באַרוהיגען אַז דו ביזט דאָך סוף כל סוף נישט דער איינציגער. ווייל יעדער וועט באַקומען זיין חלק און דאָס איז אויך גענוג שלעכט און ביטער, (דאָס אַלעס — שרייבט ער), (אַ קורצען ביישפיל קענען מיר צוגעבן, צו האָט איר שוין געהערט אַז איינער זאָל זיך באַרוהיגן וועגן זיינע נאָנטע און גוטע פריינט וואָס זענען בעו"ה אומגעקימען אין אוישוויץ, מיט'ן אויסרייד אַז נאָך 6 מיליאָן זענען אויך אומגעקומען, אָדער ל"ע ביי אַ עקסידענט פון אַ עראָפּלאַן זאָל מען זיך באַרוהיגען מיט דעם וואָס מערערע זענען געשעדיקט געוואָרן, דאָס זעלבע מיט דעם.

ט) נאָך שטייט (אין חומת הדת מאמר ג לחפץ חיים), אַ מענטש זאָל נישט טראַכטען ביי זיך אַז ער וועט ענטפערן פאַר השי"ת דאָס ער האָט נישט געהאַט קיין כח צו שטערן די מענטשן וואָס טוען נישט גיט, ווייל עס איז דאָך באַוואוסט פין אַסאַך פסוקים און מאמרי חז"ל אַז רוחניות'דיגע זאַכען דאַרף זיין חשוב ביים מענטשן כאָטש אַזויפיל וויפיל זיינע פריוואַט זאַכען, און ביי די אייגענע ביזנעס פירט מען זיך אַז אפילו עס גייט נישט געהעריג, איז מען זיך נישט מייאש נאָר שטענדיג זיכט מען עצות וויאַזוי צו פאַרבעסערן ביז השי"ת העלפט, דאָס זעלבע ביי אידישקייט אויב השי"ת'ס רצון וואָלט געווען ביי אים אַזוי חשוב ווי זיין אייגענער וואָלט ער געזוכט פאַרשידענע עצות און השי"ת וואָלט זיכער געהאָלפען. אָבער בעונינו הרבים טוען מיר נישט אַזוי, און וויבאַלד עס דאַכט זיך נאָר צו אַז מען האָט

נישט קיין עצה איז מען זיך מייאש, אבער אפילו מען פטר'ט זיך דא אינטען וועט מען נישט פטור זיין אויבען! [דאס שרייבט דער חפץ חיים].

י) נאך שטייט (דארט) נישט נאר וואס מען האט אן עבירה פאר'ן נישט מוחה זיין, ווייל דעם חבר'ס זינד איז פוגם זיין נשמה אויך, ווארט נאך אויף אים א געוואלדיגע שטראף לעתיד, ווען דער זינדיגער חבר שטארבט ל"ע צוליב זיין זינד, וועט מען יענעם'ס בלוט פון אים אויך פארשטען, ע"כ.

יא) דער תנא דבי אלי־הו שרייבט די 25 טויזענט וואס זענען געהרגעט געווארען ביי גבעת בנימין פארוואס זענען זיי אומגעקומען, ווייל די סנהדרי גדולה, [די גרעסטע תלמידי חכמים, און צדיקים, דאמאלטס] וואלטן געדארפט אינטערהייבען די קליידער, און ארומפארען אין אלע אידישע שטעט, יעדן טאג אין א אנדערע שטאט און לערנען די אידען וויאזוי זיך צו פירען, און זיי האבען דאס נישט געטוהן, ע"כ.

## יצה"ר הייסט טוהן מצות

יב) נאך שרייבט דער חפץ חיים זצ"ל (דארט) אז דער יצה"ר רעדט נישט אלס צו צי טוהן עבירות, אמאל ווען עס לוינט אים רעדט ער צו צי טוהן מצות, און אפילו מחללי שבתות רעדט ער צו צי טוהן גיטס פאר מענטשן כדי דאס פאלק זאל זיך נאכשלעפן נאך זיי, און אפלערנען פון זיי, ווי עס שטייט אין נאמען פין ווילנער גאון זצ"ל (הגר"א, באבן שלמה) אז די מינים זענען מערסטענס גוטע, ע"כ.

[היינט זעהט אויס פעלט שוין נישט אויס פאר'ן יצה"ר דער מיטעל אויך נישט, ווי מען זעהט בחוש אז די מינים ואפיקורסים זענען אכזריים און רוצחים וואס האבען נישט צו זיך קיין גלייכען]

יג) און מערקווירדיג איז אז מיר געפינען שוין אין די דברי חז"ל (קידושין מ) ווי די חז"ל זאגען קלאר און דייטליך אז דער וואס איז גיט צו מענטשען אבער נישט צום באשעפער הייסט א רשע [שאינו גמור], און דער וואס איז ערליך צום באשעפער און נישט צו מענטשען הייסט פארט א צדיק [שאינו גמור] ע"ש, זעהן מיר אז מיט'ן גוטסקייט צוזאם קען מען הייסען א רשע נישט קיין צדיק.

## להתודע ולהגלות

יד) גלייכצייטיג זענען מיר מוסר מודעה אז מיר מיינען ח"ו בכלל נישט מקטרג צו זיין און זוכען פעלערס, נאר אדרבה ואדרבה ווי מיר האבען שוין פריער געמאלדען אז די בערג מיט צרות און נסיונות זענען פילע, און שטארקע, מיט'ן צוגאב פונעם געוואלדיגען הסתרת פנים אזוי ארום אז עס

איז עקסטער חסדים פון בורא כל עולמים וויאזוי דאָס אידישקייט האַלט זיך נאָך, און דעריבער איז אונזער אַרבייט דאָס די אידען וואָס זוכען און ווילען אויף אַן אמת זיך פירען בדרכי אבותינו ואמותינו, אָהנע פשרות און וויתורים, און נאָר צוליב איילעניש, און ווייניג התבוננות באַמערקן זיי נישט דאָס פיל מכשולות פאַסירען טאָג טעגליך ווי זיי פאַלען דורך קעגן זייער ווילען און פרינציפּ, און דאָס בלויז איז אונזער ציהל אויפצוברענגען פּראַקטישע ביישפּילען וואָס מען לעבט דאָרך און מען ווייס נישט אַז דאָס איז קעגן די שטאַטוטען פון יחוד, אָדער פון אַנדערע איסורים, וואָס זענען פונדאַמענטן פון „קדושת ישראל".

גלייכצייטיג נעמען מיר אַרויס פון די חז"ל און פוסקים הלכות און באַמערקונגען וועגן אַנדערע ענינים וואָס גרעניצען זיך מיט קדושה, דערמיט צו ווייזען אַז די זאַכען זענען נישט בלויז חסידות, און מצוה מן המובחר, אָדער לכתחילה, אַזוי ווי עס דאַכט זיך צו פאַר פיל מענטשן נאָר „הלכות חמורות".

## לשון הרע — יחיד — ורבים

טו) רעדענדיג איבער דעם ענין פון „קטרוג" טרעפן מיר פאַר אַ פליכט, אַביסעל מעורר צו זיין וועגן דעם ענין פון רעדן אויף יענעם (אָדער יענע) וואָס איז בעוה"ר נפרץ במילואו, און אפילו נאָר איינער זאָל נתעורר ווערן דערפון איז שוין כדאי.

טז) מיר ווילען יעצט זיך נישט שטעלן אויפ'ן פרט פון רעדן אויף אַ יחיד וואָס הייסט לשה"ר, רכילות, וכדומה, כאָטש די האַרבקייט איז אומגעהויער גרויס, סיי אויף דער וועלט, (ירושלמי פאה א'), ווי די חז"ל זאָגען (סוטה מב. ערכין טו.) אַז עס האַרג'ט דריי מענטשען, און סיי אויף יענע וועלט, דורכדעם וואָס זיי וועלן נישט זוכה זיין צו קבלת פני השכינה, און אויך אַז זיי טראָגען נישט מיט נאָכ'ן לעבן קיין מצות ומעשים טובים אויף יענער וועלט ווייל אַלעס נעמט איבער דער וואָס מען האָט גערעדט אויף אים (כמבואר בס"ח, חובה"ל, של"ה, מגיד מישרים, ועוד ואכמ"ל) און דער רעדער בלייבט מיט ליידיגע הענט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן זיך צוזאַמענגעפּלאָגט און געהאָרעוועט געלאָפען נאָך צדקה, שענסטן אתרוג, מצות פון ערשטן אויבען, דאַווענען מיט מנין, ציצית, תפלין, זמן קר"ש, שופר, מגילה, סוכה, אַלעס מיט האָרעוואַניע און פּלאָג, און צום טוף מיט אַ קליינעם וואָרט נעמט מען דאָס גאַנץ געפּעק מיט מצות און מען שענקט דאָס פאַר יענעם, שטעלט אייך פאָר ווען איינער זאָל דאַרפ'ן איין וואָך אַרבעטן פאַר יענעם אומזיסט וואָלט ער עס נישט געטוהן, און דאָ האָט ער געאַרבעט אַ גאַנץ לעבן 70־80 יאָר בלויז פאַר יענעם.

טז) און אפילו די לומדים וואס טרעפן היתירים צ.ב.ש. אויף דעם מעג מען רעדן און אויף יענעם איז גאר א מצוה זאלען זיי וויסען אז דער חפץ חיים ברענגט פון די ראשונים, דאס אפילו דארט ווי עס איז דא א היתר, אויב אבער דער רעדער וועט דערנאך נכשל ווערן אין די זעלבע סארט עבירה, וועט ער געשטראפט ווערן אויך פאר'ן לשון הרע, און אויסערדעם דארף ער דאס רעדן ווי איינער וואס עס קומט אים אן שווער צו רעדן נאר ער האט נישט קיין ברירה, פינקט אזוי ווי מען איז מקיים די מצוה פין פאסטען א.ד.ג. ווייל אין הימעל זעהט מען אלעס פינקטליך, און אויף אלעם איז דא א חשבון, דארט וייס מען צו די לשון הרע איז גערעדט געווארן מיט געשמאק און פארגעניגען, אדער באין ברירה.

יז) דער מחבר פון מסגה"ש שרייבט אין ספר ישועות חכמה, (סי' קצ"ב) אז רוב קראנקהייטען און ארעמקייט קומט פון רעדן לשה"ר, ליצנות, און מחלוקות, און אויב עס קומט אויף איינעם ח"ו עפעס א צרה, זאל ער גיט נאכזוכען אויב ער האט איינעם מצער געווען, און בעטן ער זאל אים מוחל זיין.

יח) נאך שטייט אויב איינער רעדט שטענדיג נאר גוטס פון אנדערע רעדן די מלאכים אויף אים אויך נאר גוטס, און ווער עס רעדט ח"ו שלעכטס רעדן די מלאכים אויף אים... (מדרש משלי יא, ס"ח תרלג, ישוחכ"מ).

יט) מיר ווילען דא בעיקר ארויסברענגען וועגען רעדן אויף אנדערע גרופעס, דער חפץ חיים זצ"ל פסק'ט (בס' חפץ חיים) אז ביי דעם איז אויך שייך איסור לשון הרע כאטש מען זאגט נישט קיין נעמען, און מען לאזט זיך אריין אין די סוגיא פון קטרוג, וואס איז זעלבסטפארשטענדליך פיל פיל ערגער ווען מען רעדט אויף א רבים.

כ) בפרט אין אזא דור חסר ודל ווי היינט צו טאג וואס מען קען אפציילען יעדן מאמין בה' ותורתו, וואס פירט זיך בדרך התורה המסורה לנו, אהנע פשרות, און רעפארמען איבער די וועלט, איז דאך אדרבה פון גרויס וויכטיגקייט צו געבן חיזוק יעדער פאר'ן צווייטען נישט פארפירט צו ווערן נאכ'ן שטרוים פון די גאס, און רוחות פון מינות ואפיקורסת, און זיך צוזאמהאלטען מיט פאראייניגטע כחות פארעכטן די פירצות און אויפהייבען דעם כח התורה ויהדות אין די אייגענע ראמען.

כא) עס איז ליידער צו א גרויס לוקסוס זיך צו ערלויבען היינט בעיקבתא דמשיחא צו רעדן אויף אידען מאמינים בני מאמינים, נאר פארקערט מקרב זיין און גרויס מאכען יעדן וואס זוכט דעם דרך ד', און קיום תורה ומצות, און אפילו עס דאכט זיך צו אז מען זעהט א פעלער ביי יענעם, דארף מען וויסען אז ליידער איז נאך נישט דער עולם התיקון, און

יעדער האט פעלערס, און ווער עס איז יענעם דן לכף זכות, איז מען אים אויך דן אין הימעל לכף זכות. (שבת קכ"ז, ועי' רבינו יונה בפי' פ"א דאבות).

כב) אין ספר פאר לישרים שטייט אין נאמען פון הרה"ק ר"ר פנחס מקאריץ זצ"ל אז דער וואס איז ממליץ טוב אויף אידען טיט זיך אנקליידען אין אים א ניצוץ פון „מיכאל המלאך" דער אויפזועהר פון אידען.

כג) אויך ברענגען די ספה"ק דאס ווער עס איז שטענדיג דן לכף זכות, אויב עס טרעפט זיך ח"ו א קטרוג אויף דעם מענטש, אדער איינע פון זיינע שטיב מענטשען, דאס איז הויפטזעכליך אין א עת צרה, זאגט מען אין הימעל פאר'ן מקטרג פונקט ווי ער איז דן שטענדיג לכף זכות, האט עטס נישט קיין רעכט צו רעדן אויף אים, נאר גיטס, (טה"ק מאמר תשובות סגוליות פי' ח"י).

כד) דאס זעלבע נאך 120 יאר אפילו ער האט גרויסע מקטרגים פאר זיינע זינד שוינט מען אים אין הימעל און מען טרעפט אים א זכות, און אזוי ווערט ער זיכער געפטרט פונעם שווערן דין, ווייל עס איז נישטא קיין מענטש וואס זאל נישט האבען עפעס א זכות, צו ווייל דער יצה"ר איז געווען שטארק, אדער די נסיונות זענען געווען שווער, א.ד.ג. אבער דאס איז נאר פאר דעם וואס האט זיך אזוי געפירט ביים לעבן, (שם).

כה) הגה"ק מהרי"א מקאמארנא זצ"ל שרייבט אין זיין ספר נוצר חסד (אבות פ"ו או' ט') פאלגענד: מען דארף זיין פאראייניגט (באחדות) מיט יעדן אידישן נפש, (אויסער די וואס האבען א דין ווי גוים להבדיל) נישט אזוי ווי מען פירט זיך, אז די אלע וואס פארען צום זעלבן צדיק האבען זיך ליב, און דערווייטערן דעם וואס געהער נישט צו זיי.

נישט דאס איז דער ריכטיגער וועג נאר וויסען „ועמך כולם צדיקים" (דיין גאנצע פאלק זענען ערליכע) עס דארף זיין אריינגעזעצט אין הארץ אחדות און אהבת ישראל מיט אלע אידישע נשמות ווייל אלעס ציהלט צום זעלבן פלאץ, (ע"כ).

כו) דער חפץ חיים זצ"ל שרייבט צווישען אנדערע פאלגענד: עס טרעפט זיך אפט אז די וואס גלייכען אפצושפעטן פון אלעם, ווען זיי ווילען חוזק מאכען פון א בעל דרשן (דער וואס זאגט דרשות) זאגען זיי אז דער בעל דרשן ווייס אליינס נישט וואס ער רעדט, און זיי געבן נאך צו אז דער גאנצע דרשה וואס ער דרשנ'ט מיינט ער נאר זיך, און דאס איז שקר (ליגענט), און עפ"י רוב קומט דאס גערעדעכץ פון די מענטשען וואס האבען נישט קיין יראת שמים, און דעריבער ווען זיי הערן דברי מוסר אויף זאכען וואס שמעקט זיי נישט זיכען זיי ארויס עפעס א פעלער אויפ'ן דרשן, אין דער אמת האבען שוין די חז"ל געזאגט (קידושין פ' עשרה יוחסין) דאס דער וואס פסל'ט יענעם איז דאס א באוויז אז ער אליין פארמאגט דעם פעלער.

בפרט בעונינו הרבים וואס דאס רעדן נעמט זיך פון שנאה, צ.ב.ש. דער רב איז פון די גרויסע מושלמים מיט יראת שמים און מצות און די טבע פון די ליצים איז פיינט צו האבן די סארט מענטשען מיט'ן גרעסטען מאס שנאה, ווייל זיי ווייסען אז די רבנים ווילען נישט טאלערירען זייערע מיאוסע מעשים, און זענען נישט מסכים צו זייערע טאהטען, איז דער דרך פון די מענטשען ווען זיי הערן דעם בעל דרשן וואס זאגט אמת, וועט דער שונא נישט זאגען אז עס איז אמת אז דער דרשה איז גיט געווען נאר אין קורצען „אז דער דרשן רעדט נישט צו דער זאך" איז דען דא א גרעסערער שקר און לשה"ר פון דעם?? און אויך די סארט מענטשען איז שייך די מאמר חז"ל „המקדים רגליו לדבר עבירה מקדימין לו מלאך המות" (דער וואס פעדערט זיך צו אן עבירה, שיקט מען צו אים דעם מלאך המות).

און אויב איך זאל וועלען אויסרעכענען די איסורים וואס מען באגייט מיט'ן רעדן און הערן, האט עס נישט קיין שיעור, און ביי אזא סארט מענטש איז דא אלע דריי כתות וואס די חז"ל רעכענען אויס, כת שקרים, כת ליצים, כת מספרי לשה"ר, (ליגנערס, ליצים, לשון הרע רעדערס), און נאך מער ווייל ער האלט צוריק א רבים פון עבודת ד'.

השם זאל אונז אפהיטען פון אזא מענטש און זיינע חברים די אויסהערערס, וואס הערן און שווייגען אזוי ווי די חז"ל זאגען דאס דער וואס מאכט ליצנות קומען אויף אים יסורים, און אויך דער וואס הערט און שווייגט ווערט געשטראפט, (דאס זענען די רייד פון חפץ חיים ז' לשה"ר כלל ב אות יב, בהג"ה, ע"ש וינעם לך).

(און א גרויס טייל פון זיינע רייד זענען אקטועל אויך ביי רעדן אויף ספרי קודש.) די גמרא זאגט (סנהדרין צט:) אז דער וואס פארשעמט א ת"ח, אדער זיין חבר פאר א ת"ח הייסט אן אפיקורס, ע"ש.

כז) דער גאון און צדיק ר' יעקב מעמדין זצ"ל שרייבט פאלגענד: נישט יעדער וואס דער המון האט אים ליב איז דער ריכטיגער אמת'דיגער חסיד און ירא"ש, אזוי ווי די חז"ל זאגען אז א ת"ח וואס די שטאט האט אים ליב איז דאס נישט ווייל ער איז גיט נאר ווייל ער מוסר'ט זיי נישט, דאס זעלבע פארקערט אויף רבה'ן האט מען פיינט געהאט אין זיין שטאט וועגן זיין חסידות און ווייל ער האט קיינעם נישט געחנפ'ט, און אזוי איז אויך אין אלע דורות „רוב מענטשען" האבען פיינט זייער אמת'דיגער ליבהאבער וואס זיכט נאר זייער טובה, און האבען ליב זייערע שונאים וואס זענען זיי גונב דעת און זייער ציהל און מאטיוו איז צו געפינען חן ביים המון, זייער גאנצער בליק איז בלויז געלט, דער באוואוסטער עבודה זרה וואס הייסט געלט צו דעם ביקען זיי זיך אין דינען אים, ווי איז מיר אויב איך וועל זאגען אלעס, ווי איז מיר אויב איך וועל נישט זאגען.

נאר וואס דען געגוג צו געדענקען וואס די חז"ל האבען אונז געלערנט סוף מסכת סוטה (זעה או' כח) אין דער וואס זעהט נישט אלעס אין די רייד פון די חז"ל דארט וועט אים שוין גארנישט העלפן, (דאס אלעס שרייבט דער גאון וצדיק אין זיין ספר מגדל עז, אוצר הטוב, פנה ב', או' קכ"ג).

כח) צו פארשטיין וואס דער יעב"ץ האט געמיינט מיט זיין אנדייטען די גמרא סוטה ווילען מיר ציטירען עטליכע אויסצוגען פון דארט אויף אידיש, (בעסער איז אריינציקיקען אין די גמרא אינעווייניג) דאמאלטס וועט מען קלאר פארשטיין וואס דער יעב"ץ האט געמיינט מיט דעם וואס ער שרייבט אז עס פעלט נישט אוים צוצילייגען צו דעם וואס די חז"ל זאגען דארט.

כט) אין די גמרא סוטה מז: שטייט אזוי: פון ווען עס האבען זיך געמערט „בעלי הנאה" [די גרויסע לייט וואס גייען נאך תענוגים] זענען אלע דינים וואס די דיינים פסק'נען פארקרימט און פארקריפלט געווארען, און דורכדעם זענען די מעשים וואס מענטשען טוען קאליע געווארען, און השי"ת האט נישט קיין נח"ר פון זיין וועלט. [געט רש"י צו פארשטיין, אז ווייל זיי זענען בעלי הנאה פלאגען זיי זיך נישט געהעריג מעיין צו זיין נאך די הלכה, סיי איסור והיתר, סיי דיני ממונות, וואס צו פסק'נן פאר'ן עולם, און דורכדעם ווערען אלע מעשים קאליע].

ל) פון ווען עס האבען זיך געמערט די וואס זאגען שטילערהייט אין די אויערן פון די דיינים א טירל דעם גערעכט צו מאכען און דעם אנדערן צו באשולדיגען, האט זיך געמערט דער צארן פין השי"ת אויף די אידען [וואס ברענגט אלע אידישע צרות ל"ע] און די שכינה האט זיך אפגעטוהן. [זאגט רש"י ווייל אויף נישט גיט פסק'נן, קומט דער צארן פין השי"ת] (שם).

לא) פון ווען עס האבען זיך געמערט די וואס יאגען נאך געלט האבען זיך געמערט די וואס לויבען די רשעים, און זענען מבזה די צדיקים, און פון ווען עס האבען זיך געמערט דאס לויבען רשעים, וכו', האט זיך געמערט אידישע קרעכצן און זיפצן, (שם) ע"כ.

## די מעלות פון זאגען און אפדריקען מוסר און הלכות

לב) דער חובת הלבבות שרייבט (שער אהבת ד') אפילו דער וואס האט זיך אויסגעהארעוועט כמעט ווי א מלאך מיט גיטע מדות און עבודות ד', זענען זיינע זכיות נישט ווי די זכיות פון דעם וואס ווייזט און לערנט מענטשען זיך צו פירען אויפ'ן ריכטיגען וועג און ברענגט צוריק רשעים צו דינען דעם באשעפער, ווייל זיינע זכיות ווערען שטענדיג געמערט דורך זייערע זכיות, (ועי' חת"ס שהאריך דזה הי' החילוק בין חנוך לאברהם אבינו ע"ה).

לג) דער זוה"ק פ' תרומה זאָגט גרויסע זאַכען אויף די וואָס זענען מזכה רבים מיט תורה און מצות.

לד) מוסר וואָס מען זאָגט בשעת מען איז אין כעס ווירקט נישט, אָבער ווען מען איז נישט אין כעס, נאָר מען מאַכט דעם אָנשטעל ווי מען איז אין כעס, און נאָכדעם בעט מען יענעם איבער דאָס לייגט זיך אויפ'ן הארץ, (ס' מעלת המדות, ישועות חכמה).

## מורא'דיגע רייד וועגן מוסר

לה) מיר וועלען יעצט ציטירען פון דריי וועלט'ס ריזען, אין תורה און חכמה, זייער מיינונג וועגן מוסר זאָגען, א) דער האריז"ל, ב) דער מחבר פון תולדות יעקב יוסף, תלמיד הבעש"ט זצ"ל, ג) דער ווילנער גאון זצ"ל (הגר"א).

לו) דער מקדש מלך פ' תרומה שרייבט אין נאָמען פון האריז"ל דאָס אויב דער צדיק שטראָפט דעם רשע און ער פאָלגט נישט דאַמאָלטס גייט דאָס ביסעל גוטס פונם רשע אַריבער צום צדיק, און דאָס ביסעל שלעכטס פון צדיק גייט אַריבער צום רשע, און מוסר וואָס קימט פון האַרץ גייט אין האַרץ (ע"כ).

לז) דער דגל מחנה אפרים (אייניקל פון בעש"ט הק') שרייבט (פ' תצא), אין נאָמען פון הגה"ק מוהר"ר יעקב יוסף הכהן זצ"ל (בעל מחבר תולדות יעקב יוסף), אַז דער וואָס זאָגט פאַר'ן חבר דברי מוסר, אויב ער נעמט עס נישט אָן נעמט דער חבר איבער זיין שלעכטן חלק, און דער זאָגער באַקומט דעם גוטען חלק, און אויב ער נעמט עס יאָ אָן באַקומט דער זאָגער אויך מער הארה (ליכטיגקייט), ע"ש.

לח) דער גר"א זצ"ל שרייבט (משלי פי"ב) אַז מען זאָל אייביג מוסר'ן יענעם אויב ער טיט נישט גיט, וועט ער אים הארכען און זיך געהעריג אויפפירען נעמט ער פון היינט און ווייטער אַ חלק אין אַלעם וואָס ער טיט, אויב נישט נעמט ער יענעם'ס חלק אין גן עדן, און יענער נעמט זיין חלק אין גיהנם, ע"כ.

לח*) דאָס זעלבע שרייבט אויך דער פלא יועץ או' תוכחה.

לט) אין ס' חזיונות פון הרח"ו ז"ל שטייט געשריבען אַז זיין רבי דער האריז"ל פלעגט אים שטענדיג מוטשען אין חלום ער זאָל דרש'נן מוסר פאַר'ן פאָלק.

מ) פינדעסטוועגן דאַרף איז אַ זיכערע זאַך אַז דער מוסר זאָגער טאָר בכלל נישט אינזינען האָבען צו זאָגען כדי צו באַקומען יענעם'ס מצות, נאָך מער שרייבט דער הפלא"ה (פ' קדושים) אַז מען טאָר אפילו נישט אינזינען

האבען אַז מען זאָגט מוסר כדי אַראָפּצונעמען פון זיך דאָס עריבות און איבערלאָזען דעם פעקל אויפ'ן זינדיגער.

מא) דער פר"ח שרייבט (יור"ד סי' פ"ז) אַז מען זאָל מודיע זיין פאַר'ן פאַלק דעם איסור פון ווערעם, און דאָס איז וויכטיגער ווי צו זאָגען פשטים, (דבש לפי מער' ת' אר' ח"י, להחיד"א).

מב) דער תועלת פון מוסר זאָגען איז אויף צוויי וועגן, איינס דער יצה"ר נאַרט אָפּ אויף אַן עבירה אַז עס איז מותר, און דורכן מודיע זיין דעם איסור, וועט יענער תשובה טוהן, דער צווייטער אופן ער ווייסט אַז עס טויג נישט נאָר ער לאָזט זיך פאַרפירען פון יצה"ר וועגן הנאה, דעריבער ווען מען קלערט אים אויף די גרויסע שווערע שטראָף אויף דער וועלט און יענע וועלט קלערט ער זיך איבער נישט צו פאָלגען דעם יצה"ר, (פנים יפות — קדושים).

מג) די ספה"ק שרייבען אַז ווען מען מוסר'ט אַנדערע זאָל מען זאָגען אַז מען מוסר'ט זיך און מען איז מתחרט ברבים, און מען נעמט זיך פאַר אויף ווייטער תשובה צו טוהן, במילא די אַלע וואָס האָבען דעם זעלבן פגם וועלן אויך חרטה האָבען, (חיד"א בדבש לפי, ועי' גנזי יוסף פ' קדושים, וכן נהג הקדוש מוהר"ר זושא זי"ע).

מד) עהנליך צו דעם שרייבט דער ר"ר יהונתן זצ"ל, און דער ישמח משה זצ"ל אַז דורך מוסר'ן אַנדערע, ווערט מען ביי זיך אויך נתעורר ווי איינער זאָגט און וואָס טיט זיך ביי מיר ? (ישמ"ח קדושים).

מה) מען טאָר נישט מוסר זאָגען פאַר יענעם און זאָגען ביזט אַ לץ און אַ רשע פאַרוואָס טוסטו אַזוי און אַזוי ? נאָר ער זאָל זאָגען ביזט דאָך אַ חכם אַ גיטער, עס פּאַסט נישט פאַר דיר אַזעלכע זאַכען, פיר דיך אויף בעסער וועסטו זיין אַ מושלם און יעדער וועט אויף דיר אַרויפקיקען און דיך לויבען, (חות יאיר, אלשיך הק', מהר"ש אלגאזי בביאור הכתוב משלי כד' אומר לרשע צדיק אתה וגו', פלא יועץ אר' תוכחה, ועוד).

## יעדער דאַרף זאָגען מוסר

מו) נישט ווי אַסאַך מענטשען מיינען אַז די מצוה פון „הוכח תוכיח" (מוסר זאָגען) איז נאָר פאַר'ן שטאָטס רב געמאַכט געוואָרען, נאָר יעדער איינציגער איד איז מחויב צו זאָגען דעם חבר אויב ער זעהט אים עובר זיין אַן עבירה, אַדער נישט מקיים זיין אַ מצוה, און דער חיוב איז נאָך גרעסער ביי סתם מענטשען ווייל זיי קענען מער אויפטוהן אויב אַ חכם דרש'נט

זאָגט מען ער איז אַ צדיק, פרומער, א.ד.ג. ווער קען אים נאָך מאַכען, (פלא יועץ, תוכחה. ועי' אוה"ח ריש פ' ראה).

מז) ליידער איז די כח פון חנופה זייער גרויס און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מוסר זאָגען בפרט אַ איש מכובד (שיינער איד) אויב מען זעהט אים עובר זיין אויף די תורה שעמט מען זיך צוגיין און פרעגן טיסטו אַנדערש ווי דער באַשעפער האָט געהייסען, און מען באַהאַלט זיך דעם פנים און מען מאַכט זיך פונקט ווי מען וואָלט נישט געוויסט וואָס טוט זיך אַרום אים.

מח) דער מדרש זאָגט (שיר השירים א), אַז יעדער וואָס זאָגט ד"ת ברבים איז זוכה צו רוח הקודש.

דערפאַר דאַרף זעהן יעדער בן תורה מעורר צו זיין דעם רבים לשם שמים תורה מיט מצות, און די הלכות פון ש"ע מיט די פוסקים, (חוס"י).

## הערן מוסר

מט) דער מדרש זאָגט (פ' תבא) דער וואָס קימט אין שוהל הערן דברי תורה, וועט זוכה זיין צו זיצען צווישען די חכמים לעתיד.

נ) דער רבינו יונה שרייבט (שערי תשובה שער ב') אַז ווען מען הערט אין אַ דרשה מוסר, זאָל ער הארכען פינקטליך און אַננעמען אין הארץ צי טוהן פין היינט און ווייטער אַז ווי די גדולים וועלן הייסען און פון ווען ער האָט דאָס ערנסט אַנגענימען אין הארץ באַקומט ער שוין שכר אויף אַלע מצות און מוסר, וואויל איז אים.

## אָפדרוקען מוסר

נא) דער מצוה פון מוסר זאָגען קען אַ מענטש מקיים זיין אפילו נאָכ'ן לעבן, אויב דער באַשעפער האָט אים געגעבן פארשטאַנד זאָל ער אַראָפשרייבען דינים און מוסר, כאָטש עס איז שוין דאָ סאַך ספרים פונדעסטוועגן דאַך זאָל מען נישט קיקען אויף גאַרנישט, ווייל קען זיין אין אַ צייט אַרום וועט איינער אַריינעמען אין האַנט דעם ספר, וועט עס מאַכען אַ רושם, (פלא יועץ — תוכחה).

## פרק א
## התנצלות המחבר

מיר ווייסען אַז אויף דעם ענין פינקט ווי אויף אַלע דברי קדושה וועט געזאָגט ווערען פאַרשידענע קריטיק, [ווי מרן הקדוש ר״ר אלימלך זצללה״ה וזי״ע שרייבט אין אגרת הקודש] ווי זאָגט אָבער די וועלט פאַר אַ קטיגור העלפט נישט קיין תירוץ, און אַ סניגור דאַרף נישט קיין תירוץ, מיר ווילען נאָר צוגעבן אַז דער צוועק פין דעם דאָזיגען קונטרס איז נאָר צו מערען קדושה און טהרה ביי אידישע קינדער, דורך אויפמערקזאַם מאַכען פאַרשידענע פאַרווייטאָגטע פראָבלעמען, און דערמאָנען וויכטיגע יסודות׳דיגע הלכות פין יחוד און קורבה וואָס זענען נאָכגעלאָזט עפ״י רוב צוליב אומוויסענקייט, און פאַרגעסיגקייט, און דעריבער די אַלע וואָס שפירען נישט קיין שום תועלת פין דעם קונטרס זאָלען וויסען אַז פאַר זיי איז דאָס נישט געמאַכט געוואָרען, און אַזוי אַרום זענען אַלע קריטיק רייד אומזיסט, ווייל דער קונטרס איז געמאַכט אויסשליסלעך פאַר די וואָס לעכצען נאָך דברי קדושה, און די תורה מיט׳ן שלחן ערוך וואָס אונזערע זיידעס און באָבעס זענען געהרג׳ט און פאַרברענט געוואָרען צוליב׳ן מסירות נפש און אָנגעבינדענקייט אין איר, זענען זיי טייער און הייליג און זיכען אויסציפאָלגען יעדן אות פין איר, ווייל אין די וויכקליכקייט איז דער גאַנצער קונטרס בלויז אַ קורצען איבערבליק פין דיני יחוד וקורבה עפ״י שלחן ערוך, מיט קליינע באַמערקונגען וויאַזוי די הלכות קומען פאַר און ווערן פראַקטיזירט לויטען היינטיגען לעבען׳ס שטייגער, אָבער די הלכות פראָבלעמען און זייערע לעזונגען זענען אַלעס געקליבען פין די גרויס פוסקים וואָס מיר שלינגען זייערע ווערטער מיט דורשט, טאָג טעגליך, איז אויב קריטיק? מיינט דאָס ח״ו קריטיקירט די פוסקים נישט אונז.

ויה״ר שנזכה להיות ממזכי הרבים, ויתקדש שם שמים על ידינו, ותתרבה הדעת בימינו, ונזכה לראות בעינינו, בבנין בית מקדשינו, בקיבוץ גליותנו, במהרה בימינו אמן.

## פרק ב
## דאָקטוירים פראָבלעמען און עצות

א) חפץ ד׳ בידינו הצליח, מיט שבח והודאה פאַרן רבש״ע אויף זיינע פילע חסדים טוען מיר באַקאַנט מאַכען פאַרען ברייטען חרדישן ציבור, אַז דער פסק דין פין גדולי ירושלים, און גדולי חו״ל וואָס האָבען געאַסר׳ט דאָס גיין צי דאָקטורים, פאַר מיידלעך, און פרויען אַליינס, אָהן באַגלייטונג,

וואָס דאָס איז פאַרבינדען מיט איסור יחוד און אַנדערע גרויסע שטרויכלונגען, וואָס מיר האָבען מפרסם געווען אין קונטרס „מנחת יהודה", האָט שרעקליך שאַקירט דאָס גאַנצע חרדישע אידענטום, און אַריינגעברענגט אַביסעל וואַכזאַמקייט אין געביט פין יחוד, אַזוי נאָך האָט דער עולם היהדות החרדית אָנגענימען פעסטע באַשלוסען אויפען עתיד, נישט צי לאָזען קיין שום מיידעל (העכער 3 יאָר), אָדער פרוי, צי קיין שום דאָקטער אויף דער וועלט אָהנע באַגלייטונג פין אַ נאָנטע קרובה אָדער אַ פרוי מיט איר מאַן אָדער איינע פון דיא עלטערן מיט טאָכטער, ווייל ביי דעם העלפט נישט קיין ערליכקייט (עי' קידושין סוף מסכת, אה"ע סי' כ"ב, אוה"ח פ' אחרי עה"כ כמעשה ארץ מצרים, ושלה"ק או' קדושה, וראשית חכמה שעה"ק, ועוד).

ב) מיר מיזען אויך ציגעבן אַז מיר האָבען ערהאַלטען מינדלעך און טעלעפאָנישע ידיעות פין קלאָרע פאַקטען וועגען גרויסע מכשולות וואָס קימען פאָר טאָג טעגליך ליידער, די האָר שטעלט זיך איינעם קאפויר הערנדיג די געמיינזאַמקייט פין דאָקטוירים מיט זייערע אוממאָראַלישע מעשים, עס לאָזט זיך גאָרנישט גלייבען וואָס מען הערט, אַלס פון פאַרלעסליכע מקורות, און מען זאָל זיך נישט איינרעדען אַז דאָס איז נאָר ביים פרעמדען אַמעריקאַנער עולם, ווייל ליידער זענען מיר אינפאָרמירט אַז טאַקע ביים גאָר היימישען חסידישען ערליכען עולם, איז דאָ אַ גרויסע פראָצענט וואָס די דאָקטוירים באַזיכען גיין נישט אַדאָרך הינדערט פראָצענט עפ"י התורה, ווי עס דאַרף צי זיין, מיר קענען דאָ נישט אַרויס־שרייבען גענויע איינצעלהייטען, ווי איר פאַרשטייט אַליין אַז די זאַכען קענען נישט און טאָרען נישט אָפגעדריקט ווערן אויף אַ פלאַץ וואָס עס ווערט געלייענט דאָרך גרויס און קליין. פינדעסטוועגן עטליכע קלייניקייטן ווילען מיר אַרויסברענגען עפענטליך:

ג) עס איז אַ מנהג (גהנם) אַז ווען מען באַגריסט אָדער געזעגענט זיך להבדיל ביי גוים געט דער דאָקטער די האַנט פאַר פרויען פינקט ווי פאַר מענער, טייל פרויען האָבען נישט דעם מוהט (איינגעוואָרצלטע אידישע צניעות ברען) אָפצוזאָגען, געבן זיי צוריק די האַנט טראַכטענדיג עס איז דאָך סייווי נאָר אַ גוי, אָדער פושע ישראל. דער תירוץ, פאַרשטייט יעדער בר דעת אַז דאָס שטאַמט פונעם בעל דבר'ס חידושי הלכות נישט פין שלחן ערוך.

ד) דער דאָקטער זעצט זיך שמועסן מיט'ן פאַציענט פין פרעמדע זאַכען וואָס געהערן גענצליך נישט צו דעם דאָקטוירישן וויזיט, נאָר בלויז אַ פריינטליכע געשפרעך, דאָס האָט נישט קיין היתר עפ"י התורה, די דאָזיגע שמיעסן וואָס ענטהאַלטען אין זיך רייד פין אַ פראָסטען מענטש וואָס איז ליידיג פין קדושה און בלויז אָנגעזאַפט להבדיל פין צייטונגען,

ביכער, מאגאזינען, טעלעוויזיע, ראדיא, מאווי, טיאטער, קענען בשום אופן נישט ברענגען קיין יראת שמים נאר דאס פארקערטע, און וויסען זאל מען טאקע אז דיזע שמיעסען האבען שוין פארדארבען אידישע נשמות ביז'ן אפגרונד צוגרינדלייגענדיג גלייכצייטיג ערליכע אידישע שטיבער, וואס לעולם ועד וועט דער פעלער נישט קענען פאראכטען ווערען.

ה) מען שעמט זיך צו בעטן פין דאקטער אז זיינע באהאנדלונגען זאלען געטוהן ווערען בצניעות.

ו) דער דאקטער געט א קלאפ אויף די פלייצע, און מען שעמט זיך צו זאגען א ווארט, געוואלד !!!ביים בית דין של מעלה וועט דאך דער בושה זיין מיליאן מאל גרעסער, מיט געציילטע רוהיגע רייד קען מען אויפקלערן אלעס פאר'ן דאקטער, און אויב ער איז נישט צופרידען זאל מען אנטלויפען פין דארט, ווייל דארט איז נישט דאס פלאץ פאר א אידישע טאכטער, אמאליגע צדקניות האבען זיך געלאזט ווארפען אין פייער און וואסער צוליב אזעלכע זאכען, זאל מען היינט לכל הפחות דעם קלייניקייט טוהן כאטש דאס איז נאך זייער ווייט פין מסירות נפש.

ז) א אידענע וואס איז געגאנגען צו א דאקטער און געזען אז ער טויג נישט, איז נישט יוצא מיט דעם אליין וואס זי ניצט נישט דעם דאקטער מער, נאר זי איז מחויב אפצורעדן אנדערע וואס ניצען יא דעם דאקטער, (עי' ספרי מנוחת שלום ביאור ארוך ונפלא בד"ז).

[א גרויסע טייל פין די פראבלעמען פאלען אוועק ווען דער מאן באגלייט אבער נישט אלעס, בפרט אויב א אידענע באגלייט (דינים זעה ווייטער פרק ), פאלט אוועק נאך ווייניגער.]

ח) דאס זענען איינצעלנע זאכען וואס קען אפגעדריקט ווערן פאר די גאס, און זענען נאך קלייניקייטען, דער עיקר דארף מען געדענקען אז ווי מען גייט און ווי מען שטייט נישט קיין חילוק צו מען איז אינדערהיים אדער אין דער פרעמד, השי"ת זעט אלעס פין אים איז גארנישט פארהוילען, און די חז"ל געבן צו אז דער וואס טיט א עבירה פארבארגענערהייט טיט מען דאס פין הימעל מפרסם זיין אזוי ווי מען הערט ליידער שטענדיג, און מורא מיט בושה טאר מען נישט האבען נישט פאר קיין דאקטער אדער פראפעסאר, נאר להבדיל הבדלות עד אין קץ פאר'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה אליינס.

ט) מיר קענען נישט און טארען נישט פארהוילען אז נישט נאר ביי דאקטוירים פאסירען די אויבענדערמאנטע זאכען, נאר ליידער פאסירט דאס זייער אסאך אויך ביי ארבעטס פלעצער, און אפיסעס, סיי יחוד, אזוי אויך לויט ווי מיר האבען נאך חקירות ודרישות ערהאלטען געט מען טיילמאל פאר א סעילסמאן וכדומה די האנט, און אזוי אויך קען מען כאפען

א שמיעס מיט אנדערע מענער ארבעטער וואס ארבעטן אויפ'ן זעלבן פלאץ ווי די אלע זאכען זענען קעגן די שטאטומען פין שלחן ערוך.

[די אלע זאכען זענען געשריבען מיט'ן גרעסטן אחריות און פארזיכטיגקייט. ווייט פין גוזמאות נאר פארקערט מיר האבען געשריבען סאך ווייניגער און איידעלער ווי דער פאקט איז לײדער, און יעדער מאן, און פאטער וואס וויל וויסען דעם אמת זאל גיט נאכפארשטען והמ"ין].

## פרק ג

## פסיכילאגען

א) דאס קענען מיר יא זאגען רוהיג, אז קיין שום איד קען נישט זאגען אויף זיך שלום עלי נפשי, און מיין הויזגעזינד קען מען לאזען גיין צי א דאקטער מיט בעסטן פארזיכערונג אז אלעס וועט זיין אין ארדענונג, ווייל די תורה האט אונז אויף דעם נישט בארעכטיגט, עפ"י התורה מיז מען אויף יעדען סארט דאקטוירישע באזוך פאר פרויען זיכען קודם א פרויען דאקטער, יעדענפאלס איסור יחוד טאר מען נישט עובר זיין.

ב) מיר ווילען אויך באמערקען אז פרויען אדער מיידלישע באזיכען ביי פסיכיאטאר, זענען מיט גארנישט גרינגער כאטש די פונקצע פון דעם דאקטער איז צי רעדען פריוואט מיטן פאציענט, פינדעסטוועגן איז דאס אסור עפ"י התורה אויב עס איז פארבינדען מיט יחוד, און וויסען דארף זאל מען אז עס איז נאך א סאך ערגער, ווייל דער שטייגער ביי די דאקטורים איז אויסצופרעגן אלעס וואס איז דארכגעגאנגען דעם פאציענט זינט ער לעבט אויף דער וועלט, כדי ארויסצוקלאפען דאס אינערליכע דריקונגען פינעם גייסטליכען מענטשליך געפיל, צ.ב.ש. מען ברענגט ארויס אז מען איז געווען אינטערדריקט פין די עלטערן, און מען טיט דאס אוועקמאכען און אויסרעדן דארכדעם שפירט זיך דער פאציענט גרינגער, און טאקע דערפאר ווייל דער גאנצער באזוך גייט אדארך מיטען שמיעסן אלע פאר-בארגענע געהיימניסען קען דאס ברענגען צו גרויסע מכשולות, וואס איז באהאבענט מיט דעם מין. דעריבער דארף מען זייער פארזיכטיג זיין איידער מען שיקט צי אזא דאקטער, אין דאס זאל מען נאר טוהן נאכדעם וואס מען ר'עדט דאס דארך מיט א ערליכען פארלעסליכען רב, און עס האט שוין לײדער צוגרינט געלייגט אידישע שטיבער — לויט דירעקטע אינפארמאציע, אויסערדעם וואס זיי פאקען ארויס פיל אפיקורסישע מיינונען וואס זענען גענצליך קעגן די תורה, וואס איז שעדליך אויך פאר מענער פאציענטן, און ער טיט דאס רעקאמענדירען, דעמאלט איז מען אויך נישט ערלויבט צי גיין ווען עס גרעניצט זיך מיט איסור יחוד, די איינצעלהייטען פין הלכות יחוד ציטירען מיר ווייטער.

ג) מיר האָבען זיך אַסאַך אָנגעהערט פין גרויסע סקאַנדאַלען וואָס קימען פאָר ביי דיזע סאָרט דאָקטורים, דערפאַר נעמט דאָס נישט אָהן גרינג. גלייכצייטיג איז דאָ דער פּאַסיגער אָרט מודיע צו זיין אַז עס זענען פאַרהאַנען היימישע ערליכע שומרי תורה ומצות וואָס באַפאַסען זיך מיט געבן פסיכישע לעקציעס, דעריבער אין נויט פאַל זאָל מען זיך צו זיי ווענדען, אַבער זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די דינים פין יחוד זאָלען ווערען פוהלשטענדיג אויסגעפאָלגט.

## פרק ד

## קיראָפּראַקטער (Chiropracter)

א) נאָך אַ מין דאָקטעריי וואָס מיר מיזען דירעקט אויפמערקזאַם מאַכען איר האַרבקייט ביי פרויען באַזוכען, דאָס איז דער סאָרט וואָס ריפט זיך קיראָפּראַקטיק (Chiropractic), אין געוויסע אומשטענדען איז דאָס סאַך ערגער ווי אַלגעמיינע דאָקטורים פאַר די וואָס זענען באַקאַנט אין דעם, דערפאַר טוען מיר אויפקלערן דעם חרדישען אידענטום אַז פרויען זענען נישט באַרעכטיגט צי נעמען טריטמענטס (Treatments) פין די סאָרט דאָקטורים נאָר אויב עס פעלט שטאַרק אויס צום געזונט און מען האָט נישט קיין ברירה און מיט די באַראַטונג פין ערליכע מורי הוראה, אויך נאָר נאָכדעם וואָס מען געט אַראָפּ פאַר זיי דעם גאַנצען סדר און סיסטעם פונעם דאָקטער, און זעלבסטפאַרשטענדליך אַז נאָר ווען די הלכות פין יחוד ווערען פולקאָם איינגעהאַלטען ווי עס שטייט אין שו"ע (אה"ע כ"ב), [זע ווייטער] און דאָס אויך נאָר ווען מען קען נישט ציקימען צי אַ פרויען דאָקטער.

ב) דערפאַר חשובע תורה טרייע אידען! וואָס איר ווילט זיין געזיכערט אַז איר פירט אַ כשר'ע הייליגע משפחה לעבן, נעמט נישט גרינג די אַלע זאַכען! ווייל דאָרך דעם קען מען ח"ו פאַראומגליקליכט ווערען לעולם ועד!! נעמט אין באַטראַכט אַז צי זיכען אַ קלייד אָדער מאַנטעל שפּאָרען די פרויען נישט קיין מיה און צייט און מען פאָרט פין איין עק ניו יאָרק ביזען אַנדערן, אויף געלט קאַרגט מען לגמרי נישט, דער עיקר מען זאָל טרעפען דעם געוויסען מלבוש וואָס מען זיכט, ווער רעדט נאָך ווען עס האַנדעלט זיך פון מעבל קויפען אָדער אַנדערע שטיב געצייג, דאַן איז גאָר קיין גרעניץ נישט דאָ צום געלט, צייט, און כח, וואָס מען ספּענדעט. כאָטש מען לאָזט אַלעס איבער אויף דער וועלט.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך צו פאָרען צי אַ פרויען דאָקטער וואָס דאָס איז אַמאָל אַ לעבענ'ס פראַגע און דער מיטעל פונקט פון גאַנצען שטיב,

איינשליסענדיג דעם צוקונפט פין די קומענדיגע דורות, ווערט מען באקוועם און אויב דער וועג וועט קאסטען נאך 20 מינוט פארדיכטעט מען אויפען גאנצען, דאס זעלבע מיט געלט, טאמער דארף עס קאסטען א פאר הינדערט דאלאר טייערער, קימט נישט אין באטראכט דאס גאנצע.

ג) ווי קען מען זיין אזוי פארבלענדעט נישט איינצוזען ווי אזוי מען מאכט פין עיקר א טפל און פין טפל א עיקר, ווייל ליידער זענען שיינע אופגעפיקסטע העכסט באקוועמע וואוינונגען מיטען פוהלען פראכט צונישט געווארען און באנקראטירט דאס גאנצע אידישקייט, צוברעכנדיג א גאנצע שטיב, מיט עטליכע דורות, דארך אזוינע דאקטורישע באזוכען, אויב די איינוואוינער זענען נישט פארזיכערט וואס האט מען פין די שיינע העכסטע מאדערנע דירה, דעריבער אויב מען וויל שפארען געלט דארף מען דאס טוהן ביי די שטיב אויסגאבען, נישט אויפען חשבון פון אידישקייט.

מיר ווילען נאכאמאל באמערקען אז די אלע אויבענדערמאנטע זאכען זענען געשריבען מיטען גרעסטען זהירות און פאראנטווארטליכקייט, אהנע שום גוזמאות, און איבערגעטריבנקייט, נאר פין לעבעדיגע ביישפילען און טראגעדיעס די לעצטע 10 יאר.

ד) נאך זענען מיר מעורר אזוי ווי טיילמאל זענען פרויען נישט באהאווענט וואס איז מותר און וואס נישט, דערפאר איז ראטזאם אז דער מאן זאל איבערשמיסען מיט איר דאס גאנצע סדר וואס איז דארכגעלאפען בעת איר וויזיט ביים דאקטאר, אויך איז וויכטיג אז עלטערן זאלען איבערשמיסען דאס זעלבע מיט זייערע קינדער וואס גייען אויף דאקטוירישע באהאנדלונגען.

ה) דעסטגלייכען בעטן מיר בכל לשון של בקשה פין אלע רבנים און מנהיגים וואס האבען השפעה אויף בעלי בתים, צי רעדן און מעורר זיין וועגען דעם הארבען שטרויכלונג פין דאקטורים באזיכען און דארך דעם וועלען זיי׳ האבען א געוואלדיג חלק אין זכות הרבים.

ו) און נישט נאר רבנים נאר אפילו סתם בעלי בתים זענען מחויב צי טוהן לויט זייערע כחות, צ.ב.ש. רעדן צי זיינע קרובים, חברים, שכנים ביי די ארבעט, א.א.וו. די מינימאלסטע וואס מען איז מחויב איז לכה״פ אכטונג צי געבן ביי זיך אין שטיב.

## פרק ה

## צו וועלכן דאקטער זאל מען גיין — און ווי אזוי

לויטען פארלאנג פין א טייל וואס האבען מעורר געווען אז די באדינגונגען פין גיין צי דאקטורים דארפען קלארער און מער אויספירליך באשריבען ווערען, טוען מיר דא ציטירען בקיצור, ישמע חכם ויוסיף לקח.

א) דאַס בעסטע איז, צי גיין אויסשליסליך צי אַ פרוי דאַקטעריז, אפילו
עס קימט אַהן שווער ווייל די מצות זענען נישט געגעבן געוואָרן לשם
תענוג, (עירובין לא. ר"ה כח.) אפילו ווען מען קען דאַרכפירען ביי אַ מענער
דאַקטער עס זאָל זיין אַהן יחוד (לויטען פסק פון די גדולים). גלייכצייטיג
האָבען מיר אין סוף פין דעם קונטרס צוגעשטעלט אַ קורצען ליסט פין
פרויען דאַקטאָרינס וואָס פאַנקציאָנירען אין דעם פאַך, דעריבער פראָבירט
זיך אויסצוקלויבען פין די דאַקטוירים אפילו עס קימט אָן אביסעל שווערער
ווי אַ מענער דאַקטער, פין הימעל ווערט יעדע טירחא באַצאָלט מיט
אומענדליכען באַלוינונג.

ב) מען זאָל גיין אין קליניק (Clinic) וואָס דאָרט באַהאַנדלען שטענדיג
אַנדערע דאַקטורים (וכידוע פלעגט מרן אדמו"ר רשכבה"ג מסאַטמאַר
זצ"ל, שטענדיג מייעץ זיין צי ניצען קליניק, אויסער אויסנאַם פעלער)
זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אויך דאָרט דאַרף מען געוואָרענט זיין פין איסור
יחוד, עקסטרע ווילען מיר אויפמערקזאַם מאַכען, אַז עס איז זייער ראַטזאַם
פאַר די וואָס זיכען אַרויס פאַרשידענע דאַקטורים פין יענעם עק, אַלעס
צוליב דעם ווייל ער אקצעפירט מעדיק־עיד (medic-aid), אַז לויט די ידיעה
קימען ליידער פאַר די גרעסטע פראָבלעמען מערסטנטייל ביי די דאַקטורים
דעריבער דאַרף מען אין די רייען פיל מער פאַרזיכטיקייט, און נישט
גלייכגילטיג זיין, ווייל פאַר אַ פאָר דאָלאַר טאָר מען נישט פאַרקויפען די
נשמה, מיט די אַלע קומענדיגע דורות, בפרט ווען מען האָט אַ ברירה צי
גיין אין קליניק, כאָטש טייל רעדן זיך אָפּ אויף קליניק זאָל מען וויסען אַז
ערשטענס הערט מען ידיעות פון געוויסע עובדות דאָס אַ טייל פין די
פריוואַט דאַקטורים וואָס אַקצעפירען מעדיק־עיד (Medic-aid) זענען
גאָרנישט בעסער, נאָר אַמאָל ערגער, (אַזוי איז אויך די אַלגעמיינע שטימונג
פין די גאַס) פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט קיין כלל, אָבער מען טאָר
אויך נישט פאַרגעסן אַז גדול המחטיאו יותר מן ההורגו.

ג) אַ דאַקטער שומר תורה ומצות וואָס אַרבעט אינאיינעם מיט זיין
פרוי, נעמט אויך אַוועק די האַרבקייט פין איסור יחוד אויב זי איז
אינעווענדיג צוזאַמען מיט'ן דאַקטער, (עי' אה"ע שם). פין צווייטען זייט
אָבער קען דאָס אַמאָל זיין ערגער ווי אַ גוי'שע דאַקטער אויב מען שפירט
זיך נאָנט צי אים ווייל ער איז אַ איד.

ג*) פריוואַט סתם דאַקטער, דאָרט איז דאָס האַרבסטע, אפילו ער האָט
אַ גאַנצען שטאָב מיט נורסען און סעקרעטאַרן, און מען מיז מיטנעמען
באַגלייטונג, לכתחילה זאָל מען נעמען דעם מאַן, און ער זאָל זיין
אינעווייניג, אויב נישט זאָל ער זיצען כאָטש אין וואַרט זאָל, אָבער דער
דאַקטער זאָל וויסען אַז ער איז דאָרט, אויב דער מאַן קען נישט קימען, זאָל

גיין איינע פין די קרובות וואס ווערען אויסגערעכנט אין שו"ע (אה"ע סי' כ"ב סעי' י'). א שניר מיט א שוויגער, א פרוי מיט איר מאנ'ס טאכטער אפילו ערוואקסענע, א פרוי מיט איר שוויגער'ס טאכטער (שוועגעריין) אדער מיט איר מאנ'ס ברידער'ס פרוי (שוועגעריין) אדער מיט א קליין מיידעל, נישט יונגער פין דריי יאר, (שו"ת מהר"ם זיסקינד, המקנה קידושין פב. נתיבות לשבת סי' כ"ב סעי' כ' סק"ז פורת יוסף כ"ט ב, וכ' דגם דעת הטור והב"ח כן, טייל זאגען 5-6 יאר אלט די פריעסטע, ת' ר"ש הכהן, צמח צדק סי' ל"ט) אנדערע זאגען אז יעדעס קינד האט א אנדערע צייט עס ווענדט זיך אין רייפקייט פין שכל (ב"ח או"ח סי' מ"ח, ישכיל עבדי ח"ה כ"ב, וכ' ב"ש דאבן הבוחן לנסות כרש"י קידושין סוף פא:) און נישט עלטער פון ניין יאר, (ב"ח, פת"ש ס"ק י"ב בשם הב"ח, חכמ"א כלל קט"ו סק"ט. מסגה"ש קנ"ז ז, שו"ת בית שלמה, שו"ת בצל החכמה ח"ב נ"ט ועוד). אסאך זענען מתיר ביז צוועלעף יאר (פנים מאירות ח"ב קל"א, עזר מקודש סעי' ג', פורת יוסף כ"ד בשם הר"ש, עצי ארזים).) אבער מיט א שטיף שוויגער טאר מען נישט (זכל"א, מסגה"ש שם).

ב) ביי א קליין יונגעל איז שוין דא גרויסע מחלוקת פין וועלכע עלטער מען קען מיטנעמען וועגן יחוד, טייל זאגען פין ניין יאר (המקנה קידושין פב. כו"פ יור"ד קצ"ב ס"ד, ס' עוד יוסף חי פ' שופטים י', חכ"א כלל קכ"ו ט, נתיבות השלום נתיב ט' דין יא, נדחי ישראל פכ"ד). טייל זאגן פין זיבען יאר (סד"ט יור"ד קצ"ב יג.) טייל זאגען פין פינעף יאר (שו"ת חת"ס אה"ע ח"ב, צ"ו, חכמ"א כלל קט"ו). און טייל האלטען גאר פארקערט אז מען מעג נעמען א יונגעל נאר ביז ניין יאר, נישט מער, (עזר מקודש ס"ג, פורת יוסף סי' כ"ז או' ג') עכ"פ רוב פוסקים האלטען נישט פאר ניין יאר, ביז ווען? איז אויך דא פארשידענע דיעות און טייל האלטען גאר פארקערט אז מען מעג נעמען א יונגעל נאר ביז ניין יאר, נישט מער (עזר מקודש ס"ג, פורת יוסף סי' כ"ז או' ג'), דעריבער זאל מען פרעגן א שאלה (קיק ווייטער או' ה).

ד*) טייל פוסקים האלטען אז א קינד, (יונגעל אדער מיידעל) מיז זיין דירעקט א פרעמדע, (מר"ם זיסקינד רו, מעשה נסים כב) אנדערע זענען מתיר אויך אייגענע בצל החכמה ע"א, וש"א.

ג) בקיצור:

א) דאס בעסטע אויב מען נעמט דעם מאן, אויב נישט, דאמאלטס

ב) איינע פין די אויבענדערמאנטע קרובים, אויב עס איז א מיידעל זאל עס נישט זיין יונגער פין דריי יאר. פין דריי און ווייטער איז אייביג כשר ביי די קרובים, אפילו העכער צוועלעף.

ג) א מיידעל נישט קיין קרובה, דוקא אין עלטער פון דריי ביז ניין, נישט יונגער אדער עלטער.

ד) א קליין יונגעל זאל מען פרעגן א שאלה פין א מורה הוראה.

מען דאַרף צי געדענקען אַז אַ אייגענע מאַן איז געניג באין ברירה אפי' אויב ער וואַרט אין זייטען שטיב, און דער דאָקטער ווייסט דערפיון, אַלע אַנדערע קרובים און באַגלייטען דאַרפען זיין אינעווייניג ביים דאָקטער.

ה*) דער איסור יחוד ביי קינדער איז פאַלגענד: אָדער אַ מיידל פון 3 יאָר און העכער, מיט אַ מאַן פון 13 יאָר און העכער, אָדער אַ יונגעל פון 9 יאָר און העכער מיט אַ פרוי (מיידל) פון 12 יאָר און העכער, אין קורצען, איינע פון די צוויי מיז זיין מחויב במצות, (סמ"ג ל"ת קכ"ו, רמב"ם לד' הב"ח, ב"ח, ועי' יש"ש קדושין פ"ד סי' כ"ב), [פאַר מער איינצעלהייטען זעה פרק ח' ענף ב' או' א'].

ד) צום שלום: חשובע עלטערן נעמט נישט די זאַכען גרינג, באַרעכנט אייך גיט און זייט פאַרזיכטיג וואָס פאַר אַ ערנסטע שריט דאָס איז צי גיין אַליין צי אַ דאָקטער, פאַרגעסט נישט אַז עס האָבען שוין פאַסירט ליידער צענדליגע אומגליקען וואָס האָט ליידער ציבראָכען אידישע שטיבער, אין געברענגט אַ געוויין אויף דורי דורות, און מען האָט שוין נישט געקענט העלפען, מען האָט זיך פאַרשפילט דאָס לעבן אויף אייביג ד' ישמרנו, צוליב אַזעלכע דאָקטורים, און גלייכצייטיג ראַוינירט דאָס לעבן און צוקונפט פון אומשולדיגע קליינע קינדער, וואָס ווערען דערנאָך פאַרוואַגעלט און געפּלאָגט, אויסער די הימלישע פיזישע שטראָף צו דערמאָנען צו תשובה, וואָס איז ליידער זייער ביטער. ווייל חוץ דעם איסור יחוד וואָס מען איז עובר יעדענפאַלס, איסור יחוד איז פונקט אַזוי האַרב ווי עסען חזיר אָדער אַנדערע טריפות און נאָך האַרבער, אפילו ווען דער דאָקטער איז דער גרעסטער צדיק, און ווער ווייסט אויב דער טראַגישער אומפאַרגעסליכער אומגליק וואָס איז פאַרלאָפען דעם פאַרגאַנגענעם פאַר פסח, מיט די אשה קדושה, איז נישט צוליב די זינד פון דור אינעם פרט פין גיין צי דאָקטורים וואָס די אנגעהערענישען פין די שוידערליכע סקאַנדאַלען וואָס גייט פאַר, פליסט שוין איבער אַלע ברעגעס, (און דער זכות פון קבלה להבא, וועט אויך זיין פאַר איר אַ עילוי נשמה).

ז) דערפאַר האַלט שטענדיג אַן אָפענעם אויג סיי אין ענין פון דאָקטורים באַזיכען פאַר קינדער אָדער ערוואַקסענע, סיי אַנדערע אופנים וואָס מאַכט זיך טאָג טעגליך איסור יחוד (קיק ווייטער או' ז') און אין דעם זכות וועלען מיר אַלע זוכה זיין צי סייעתא דשמיא, ווייל אַ איד דאַרף טוהן וויפיל ער איז מחויב עפ"י התורה, נאָר דעמאָלטס העלפט מען פין אויבען, (שבת קד, יומא לח:, ע"ז פח:, זוה"ק ח"א נד. סב. — ח"ב עט: — ח"ג נג:, נה:, קכו., קנה:, ובשאר ספה"ק) דאָרכדעם וועלען מיר זוכה זיין מגדל צי זיין הייליגע אידישע דורות, וואָס זאָלען ווייטער ציען די גאָלדענע קייט פין מתן תורה, ביז אייביג, און מיר וועלען זוכה זיין אין זכות פין די נשים צדקניות

אויסגעלייזט צי ווערען פין דעם גלות, בביאת משיח צדקינו בגאולה האמתית הקרובה אמן.

## פרק ו
## יחוד שאלות

### באמערקונג: מיר פסק'נן נישט! מיר ווילען בלויז באמערקען וואס איז אלס א שאלה!, און דארף געפסק'ט ווערן.

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען אויף די פארשידענע טאג טעגליכע ביישפילען פין איסור יחוד וואס קימט פאר, און נאר וויל מען איז פאריאגט און פארנימען כאפט מען זיך נישט, (וע"ע בהנהגות האדם להגה"ק רשכבה"ג מהרר"א מליזענסק זצללה"ה, הנדפס בראש ספר נועם אלימלך, או' א') און גלייכצייטיג בעטען מיר בכל לשון של בקשה פין אלע מלמדים, טיטשערס, מנהלים, ביטע העלפט צי צו דעם גרויסען זכות פין פארמיידען אידישע קינדער אומווילינדיג פין מכשולות, אין איסור יחוד, און לערנט דאס מיט יונגלעך און מיידלעך, דאס זעלבע דער מאן און טאטע זאל לערנען מיט די אידענע, און מיט די קינדער. (דער זמן פון יחוד, מיט נאך איינצעלהייטען שטייט אויבען פרק ה', או' ד', ה*, און אין פרק ח' ענף ב', ווערט בעזה"י פארענדיגט אירע דינים).

א) עס פאסירט מען לאזט איבער קינדער אין שטיב מיט א בעבי סיטער (Baby sitter) אויב עס איז דא א מיידעל אין שטיב העכער 3 יאר איז שוין שייך איסור יחוד, אויב דער אויפזעהר איז א מאן'ס פערזאן, דאס זעלבע איז אויך פארקערט אויב דער אויפזעהר איז א פרוי'ס פערזאן אין איינע פין די יונגלעך זענען העכער ניין יאר, איז שוין שייך איסור יחוד, עס איז קיין שום אינטערשייד נישט אויב דאס איז א פרעמדער אדער נאנטער, אפילו א שוואגער מיט א שוועגערין — פעטער מיט פלומעניצע — מומע מיט פלומעניק — יעדע מין קרוב, אויסער א טאטע מיט א טאכטער (אדער אייניקלעך), און מאמע מיט א זוהן (אדער אייניקלעך), אדער ברידער און שוועסטער (אויך נישט אלס, זעה אה"ע סי' כב), איז אייביג דא איסור יחוד, געוועגליך פאסירט דאס ווען מען גייט אויף א שמחה, אדער סעודת מצוה, אדער שאפינק (וואס איז פאר זיך אויך א חסרון) דארף מען זעהן, עס זאל טאקע זיין ווי געהעריג עפ"י תורה אין נישט קיין מצוה (הבאה בעבירה) דארך אן עבירה, בפרט ווען מען טיט דאס בלויז צוליב איינקויפען (שאפינג).

ב*) און נאָך מער דאַרף מען אַכטונג געבן ווען מען פירט זיך צו האָבען אָפט אין שטיב אַ גוי'טע אַכטונג צו געבן אויף די קינדער, קען פאַסירען מען זאָל נכשל ווערן מיט יחוד אויב דער מאַן אָדער אַ קינד איז אַליינס אין שטיב.

ב) ווען אַ קינד, בחור, יונגערמאַן, באַזיכט זיין שוואָגער אין נאָר זיין שוועגערין איז דאָרט איז שייך איסור יחוד, דאָס זעלבע פאַרקערט.

ג) אַ געשעפט וואָס איז אָפען צי אַ זייטען געסעל וואָס מען דרייט זיך כמעט נישט דאָרט קען זיין איסור יחוד, דאָס זעלבע אַ געשעפט וואָס מען קען אַריינגיין טיעף אינעווייניג אַזוי אַז מען זעהט נישט ביז אַהין פון דרויסען, בפרט לויט די נייע איינפירונג אַז דער געשעפט פאַרשליסט זיך ביים אַריינקימען, איז אַ גאָר ערנסטע שאלה פון יחוד, סיי אויב אַ מאַן גייט דאָרט אַריין ווען דער פאַרקויפער איז אַ פרוי, אָדער פאַרקערט.

ג*) היינט צו טאָג וואָס אַרימפירען מענטשען מיט קאַר'ן (Car Service) איז אַ פרנסה אויך פאַר אידן שומרי תורה ומצות, דאַרפען די דרייווערס וויסען אַז איסור יחוד איז געזאָגט ביי פאָרען אויך און זאָלן געהעריג דורכשמיסען אַלע שאלות פין יחוד מיט אַ בעל הוראה מובהק. פרויען זאָלן אויך וויסען אַז כאָטש זיי שפירן זיך רוהיגער מיט אַ היימישען צו פאָרן וועגן סכנה, אָבער דער סכנה פין יחוד גיין אַהן מיט'ן פוהלען קראַפט.

ד) אפילו אַ שווער אָדער שוויגער וואָס ווערן באַטראַכט אין די וועלט, מער ווייניגער אַלס עלטערן, העלפט דאָס נישט גרינגער צי מאַכען דעם איסור יחוד נאָר שווערער(עי' קידושין פ"א יב:) דעריבער טאָר אַ שווער נישט זיין אַליינס מיט אַ שניר, אָדער שוויגער מיט איידעם (ולא מהני בעלה בעיר דלבו גס בה, אה"ע כ"ח ח') אויך איז ווייט פין דרך הצניעות זיי זאָלען זיצען אין איין זיך פאַרענדיג, (וואָס איז נפרץ בעוה"ר).

ה) מען דאַרף זייער אַכטונג געבען נישט צי פאָרען אַליינס אַ מיידעל אָדער פרוי מיט אַ טעקסי, אַ מאַן דרייווער, עס איז וויכטיג מען זאָל זיך אינטערסירען סיי אין שטאָט בפרט אין קאַנטרי (וואָס דאָרט איז סאַך מער קאָמפּליצירט דער פּראָבלעם) אויף אַ פרויען דרייווער, אַזוי אויך אַ מאַן זאָל אַכטונג געבן ווען דער דרייווער איז אַ פרוי.

ה*) דאָס זעלבע דאַרף מען אַכטונג געבן ווען אַ מאַן פירט אַ קאַר ער זאָל נישט אויפנעמען קיין פרויען אָדער מיידלעך נאָר מיט'ן באַדינג אַז עס איז נישט שייך קיין יחוד, דאָס זעלבע אַ פרויען דרייווער (ליידער) זאָל נישט אויף נעמען קיין בחורים אָדער מענטשען, נאָר אויב עפ"י הלכה איז נישטאָ קיין שום חשש יחוד, בעסער פין אַלעם איז אַז אַ פרוי זאָל בכלל נישט דרייווען, ווייל לענ"ד איז דאָ אַ גאָר ערנסטע חשש פין „לא יהי' כלי גבר על אשה" ביי דעם, (עי' היטב בילקוט ורד"ק שופטים ה' עה"כ ידה ליתד תשלחנה)

אויך דאַרף מען וויסען אַז פאַרענדיג אויף אַ וועג מיז זיין כאָטש דריי מענער פטור צו ווערן פין איסור יחוד, (אה"ע כב, יוסף אומץ שם).

ו) ווען עס איז דאָ אַ שאלה פון יחוד אויב עס איז דאָ דאָרט אַ מאַן מיט זיין פרוי אין דעם שטיב, איז נישטאָ מער קיין חשש פון יחוד (דאָס איז געזאָגט נאָר ביי שומרי תורה ומצות), אויב אַ ת"ח לערנט, ווען ער איז אַליינס אין שטיב מיט עפּעס אַ משרתת איז דאָס לערנען גאָרנישט ווערט (יוסף אומץ).

ז) אַ מאַן טאָר נישט זיין אַליינס ציזאַמען אפילו מיט אַ פּאָר פרויען (אויסער אויף די אויבענדערמאָנטע אופנים).

ח) עס קען זיין איסור יחוד אויב מען פאַרדינגט אַ שטיב אָדער שטיבער פין דירה פאַר אַן איינצעלנעם מענטש, און די פרוי איז אָפטמאָל אַליינס אינדערהיים. אָדער ווען מען פאַרדינגט פאַר אַ פרוי, און דער מאַן איז אַליין אינדערהיים.

ט) אויך דאַרף מען פרעגען אַ שאלה ביי אַ צוויי פאַמיליע הויז ווי איין דירה איז נאָר דער מאַן אַ גאַנצען טאָג אינדערהיים, און אין די אַנדערע דירה נאָר די פרוי, בפרט ווען זיי וואוינען אויפען זעלבן שטאָק.

י) אין אַ שטיב ווי עס איז דאָ שטיף קינדער ל"ע, יונגלעך העכער ניין יאָר מיט אַ שטיף מוטער, אָדער מיידלעך העכער דריי יאָר מיט אַ שטיף טאַטע, אויב ביידע עלטערן זענען נישט אינדערהיים נאָר איינער, קען זיין יחוד, און איז האַרבער ווי אַלגעמיינע יחוד (עי' אה"ע כב, ס"ח, דלא מהני בעלה בעיר דלבו גס בה). און אַזוי פּסק'ט דער חזון איש אַז עס איז דאָ דערביי יחוד אפילו מען האָט אויפגעהאָדוועט דאָס קינד פין קליינוואַז אָן, (דבר הלכה סי' ז' סעי' כ, וע"ע בסמוך פרק ח' או' ז' ח' חבל אחרונים האוסרים).

יא) דאָרט ווי ביידע עלטערן האָבן געברענגט קינדער דאָס מיינט שטיף ברידער און שוועסטער וואָס האָבען נישט דעם זעלבן טאַטען און מאַמע, האָבען די קינדער נישט די הלכה פון געשוויסטער און דער איסור יחוד גייט אָהן ביי זיי מיטען פוהלען האַרבקייט, און נאָך האַרבער, (עי' אה"ע שם ובנו"כ), זעה ווייטער נאָך וועגן יחוד פרק ח'.

יב) אַ פרוי וואָס איז אַליינס אין שטיב מיט אַן אַרבייטער צום ביישפּיל, טעלעפאָן מענטש, לעקטער פאַרעכטער, וואַסער פאַרעכטער, פּעינטער, די וואָס קימען ליינען די געז-עלעקטר מיטער, פענסטער מאַכער, דירה אויפיקסער, פּעדלער (Peddler) דער גוי וואָס רייניקט די הויז, טעלעפאָן פאַרעכטער, משולח (קאָלעקטער).

יג) נאָך קען פאַרקימען אַ פּעטער קימט באַזיכען און די אידענע איז אַליינס אין שטיב, אַ מומע באַזיכט און אַ מאַן איז אַליינס אָדער מען באַזיכט די מומע, אויך דאַרף מען זייער אַכטונג געבען וועגען פאַרען אין

עלעוועטאָרס, און מען זאָל נישט לאָזען אפילו קינדער אַליינס פאָרען בפרט ערוואַקסענע.

יד) אין אַ שפּיטאָל קען זיין איסור יחוד אפילו אַ פירהאנג טיילט אָפּ פין איינעם צום צווייטען, אויב עס איז די זעלבע שטיב. נאָר דאָס עצם זיין אין איין שטיב מיט אַ פרוי איז נישט צו שטאַרק אויסגעהאַלטען, אויסער ביי פיקוח נפש ווען עס איז נישטאָ קיין ברירה, און דאַמאָלטס זאָל מען זיך איבער רעדן מיט אַ פאַרלעסליכען מורה הוראה.

טו) די אַלע אויבענדערמאָנטע אין עהנליכע זאַכען טאָרען נישט אָפּגעפּסק'ט ווערען נאָר דאַרך אַ היימישען פאַרלעסליכען מורה הוראה, און געדענקט! אַז בלויז זיין אַליינס מיט אַ אידענע איז שוין אַ איסור תורה, אָהנע שום קורבה, (זעה פרק א' וועגן דעם).

טז) מיר האָבען שוין געשריבען אויבען (פ"א) אַז אַ אידענע טאָר נישט זיין גוט הארציג און אַריינלאָזען אין שטיב אַ אָרימען געלט גייער אויב זי איז אַליינס אינדערהיים, און אַזוי אויך אַלע עהנליכע מצות (אויפנעמען אין קאַר א.ד.ג.), זאָל מען נישט טוהן ווען עס איז דורך איסור [גייענדיג צום דרוק האָבען מיר זיך דערוויסט עטליכע שוידערליכע פּאַסירונגען די טעג פין משולחים וואָס בעטן געלט (ווי פנחס כו')].

יז) מיר מיזען אויפמערקזאַם מאַכען זעהר אַ וויכטיגען פונקט וואָס פאַרנעמט אַ חשובען אָרט אין טאָג טעגליכען לעבן דאָס איז פאָרען אויף אַ עלעוועיטאָר, מיר ווילען זיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין מכריע זיין די הלכה אויב עס איז דאָ איסור יחוד אָדער נישט, מיר ווילען אָבער באַמערקען אַז די אַלע וואָס האָבען אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג אויף להיתר איז געווען איידער עס האָט נאָך עפּעס פּאַסירט, אָבער היינט צו טאָג ליידער וואָס מען הערט, און דאָס גאַנצע חרדישע אידענטום איז שוין איבערצייגט אַז אויף אַ אידישע פרוי וואָס פאָרט גאַנץ אַליין אין אַ עלעוועיטער מיט אַ מאַן, בפרט אַ גוי להבדיל, שוועבט אַ סכנה ברוחניות, ובגשמיות דאַרף מען אַנקיקען די זאַך מיט גאָר אַנדערע ברילען.

יח) אויסערדעם טאָר מען נישט פאַרגעסן דאָס אַלע היתרים זענען נישט פאַר איידעלע ערליכע אידישע צניעות'דיקע טעכטער ווי די ראשונים שרייבען (רבינו יונה, ורבינו ירוחם — עי' לעיל פ"א או' י"ב) און אַזוי שרייבען אויך די היינטיגע גדולים טאַקע ביי די הלכה פון עלעוועיטער. (שו"ת מנחת יצחק ח"ד — ב' שבט הלוי, ועוד), און דאָס זאָל מען געדענקען ביי יעדן יחוד אפילו וואָס מען האָט פאַרשאַפט אַ היתר איז דאָס פאַר די חשובע'רע קלאַס מענטשען — פרויען נישט געזאָגט.

יט) באַזונדערס דאַרף מען זיך שטאַרק אָפּגעבן מיט ווייב און טעכטער וואָס גייען אַרבעטען, אַז זיי זאָלען אַכטונג געבן פין יחוד און פירען

געשפּרעכן מיט נאָנטקייט צו פרעמדע, און נישט נאָר הלכות יחוד נאָר אַזוי אויך אַנדערע הלכות דאַרף מען לערנען מיט זיי, (ס׳ חסידים שי״ג, סמ״ג מובא בב״י או״ח סי׳ מ״ז, ט״ז ומ״א שם, מ״א או״ח סי׳ קפ״ז בסופו, יור״ד רמ״ו ס״ו ברמ״א, מ״א ומחה״ש שמ״ג סק״א בשם תוס׳ ישנים יומא פ״ב, שו״ת שיבת ציון סי׳ ס״א, שו״ת שו״מ מהד״ת, ח״ג סי׳ מ״א, שו״ת בית הלוי ח״א סי׳ ו, חוט המשולש תולדות חת״ס, ועוד) ווייל ווי דער פּראַקטיק ווייזט אפילו די הלכות וואָס מען האָט געלערנט אין סקול פאַרגעסט מען צוביסלעך ובפרט אויב מען פאָרט אַרבעטן.

כ) דאָס באַדייט אַז אַ טאַטע פּינקט ווי ער איז מחויב צו ערציען די זיהן, איז ער אויך מחויב צו ערציען די טעכטער, (כמבואר במ״א ומחה״ש וגר״ז כי׳ סי׳ שמ״ג באו״ח, וכ״כ בח״א הל׳ ברכות כלל ס״ו או׳ ב׳, מ״ב שם, וש״א) און די אויפגאַבע איז אפשר שווערער ווי ביי זוהן, וואָס ער שיקט זיי אין ישיבה, און פאַרלאָזט זיך אַז זיי וועלן לערנען וואָס זיי דאַרפען וויסען, און ער פאַרהערט זיי, אָבער מיידלעך אפילו וואָס זיי לערנען פאַרגעסן זיי נאָכדעם זייענדיג מיט׳ן קאָפּ ביי די אַרבעט.

## ענף ב

## די עלטערן זאָלען ערציען מיט פאַראייניגטע כחות

א) טייל האַלטען אַז אויך די מוטער איז מחויב צו ערציען, (רש״י חגיגה ב, במשנה, מחה״ש שמ״ג, ופמ״ג בא״א סק״א, אורח מישור, תוס׳ שבת, ועי״ש ברכ״י או׳ ז, ומחב״ר, וכה״ח שם מכריע ע״ש), ר״ה קאַלאַמייער זצוק״ל שרייבט אַז אדרבה אויף די מוטער ליגט די הויפּט פליכט פון ערציאונג (עת לעשות ).

[האַלטענדיג ביי דעם, געפינען מיר פאַר פּאַסענד אָראָפּצו ברענגען אַ שטיקל פון ס׳ חינוך ישראל סבא, וואָס געהערט צו דעם ענין]

ב) איך וויל יעצט אויפטוהן אַזאַך וואָס מענטשען וועלן זיך ווינדערן דערויף, אָבער עס איז אַ וואונדערבאַרע סגולה וואָס האָט נישט איר גלייכען, צו העלפן ערציען די קינדער אין גייסט פון תורה מיט יראת שמים אויפען וועג פון אונזערע טאַטעס און זיידעס ביז מתן תורה, ווייל איינס פון די שווערסטע מויערן אין וועלכע מען פלאָנטערט זיך אַז איז דער צד שני פון שטיב, מען מעג וועלען דאָס בעסטע און הייליגסטע אָבער די אידענע מיז דאָס באַשטעטיגען אויב נישט איז פאַרפאַלען, בלייבט די עצה איר איבערצופירען אויף זיין זייט זי זאָל אויך האָבען די זעלבע השקפות און מיינונגען ווי ער, וויאַזוי טוט מען דאָס?

ג) דער וועג איז גלאַט מען באַשטימט אַ שיעור צו לערנען מיט איר דינים און מוסר פון די ספרים הק׳ ביז מיט די צייט ווערט דאָס ביי איר

איינגעבאָקען אין האַרץ, און נישט אויף לאַנג קען ער שוין שניידען די פרוכט פין זיין אַרבעט, ווייל זי ווערט איבערגעדרייט און הייבט אָן צו שפירען דאָס אינערליך הייליג געפיל און נייגונג צו עפּעס העכערס אויפציען דורות וואָס זאָלן טוהן נחת רוח פאַר'ן באַשעפער, און נישט ח"ו דערצערנען, ווייל קיינער לעבט דאָך נישט אייביג און פין תענוגים מיט הולטייען (Enjoyment) וואָס די וועלט איז היינט באַזירט דערויף, ווערט סוף כל סוף בטל און מען געזעגנט זיך פין דער וועלט מיט ליידיגע הענט, און אַזוי קימט מען אָן אויף יענער וועלט נישט איבערלאָזענדיג ח"ו אפילו קינדער וואָס אין זייער זכות זאָל מען אין הימעל פאַרלייכטערן די שווערע שטראָף, מען האָט זיך פאַרשפילט אויף אייביג, און דאָס קען קיינער נישט היילען, אויסערדעם וואָס פין אומגעראָטענע קינדער ליידט מען צרות אויך אויף דער וועלט צוקיקענדיג מיט צער זייערווילדע געפירעכץ, און וויסענדיג אַז זיי וואַרטען קוים דעם טאָג וואָס זיי וועלען זיין בעלי בתים איבער די עלטערן'ס פאַרמעגן ד' ישמרנו.

ד) אַנדערש איז אָבער ווען ביידע עלטערן שפירען אַז די גאַנצע שטרעבונג זייערס דאַרף זיין צו ערציען ערליכע אידישע כשר'ע דורות צו תורה און יר"ש, ווערען אויטאָמאַטיש געטועכץ געצילט צו דעם מיטעל פונקט, און דאַמאָלטס זענען נישט דאָ קיין מיינונג פאַרשידענהייטען צווישען די עלטערן וואָס ברענגט קריגערייען ביי יעדע קליינִיקייט וואָס מען וויל דורכפירן אין שטיב נאָר פאַרקערט, מען אַרבעט מיט פאַראייניגטע כחות און דער שלום בית איז מער געזיכערט, און אַזוי ווערן אַלע שטיב פּרינציפּען געענדערט, אַנשטאָט וואָס ביז היינט האָט מען יעדע זאַך באַטראַכט וואָס וועט די וועלט זאָגען, ווי אַזוי וועט די גאַס קיקען דערויף, און געלעבט פאַר יענעם און אומווילענדיג געווען געבינדען מיט אַלעם צו יענעם, ווייל אויב יענעם וועט נישט געפעלען איז אויס און געשלאָסען.

ה) היינט אָבער באַטראַכט מען יעדע זאַך מער רוחניות'דיג וועט דאָס העלפען צום קינדער ערציאונג דאַמאָלטס באַשטייט מען דערויף, און וואָס דער און יענער וועט זאָגען ווערט בכלל נישט אין באַטראַכט גענימען, און דאָס הייסט אַ פרייע מענטש (וזהו הכוונה „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה" אבות) און מען לעבט פאַר זיך זעלבסט ווייל ווען מען ציעט אויף אַ ערליך כשר דור זעהט מען נחת אויף דער וועלט די קינדער האַלטען בכבוד די עלטערן זיי האָבען און שפירען אַ געפיל צו די עלטערן, און אויך אויף יענע וועלט באַקימט מען שכר פאַר דעם אָהנע שיעור (כמבואר באורך בזוה"ק וכל כתבי האריז"ל), און מען שעמט זיך נישט צו קיקען (די עלטערן און) זיידעס אויף יענעם עולם אין פנים.

ו) דעריבער שפּאַרט נישט קיין צייט און פּראָבירט די עצה וועט איר נתפעל ווערן פון איר ווירקונג ווייל ליידער אפילו מען לערנט אין סקול מוסר, קען מען דאָס נישט צוגלייכען צו דעם וואָס מען לערנט ווען מען דאַרף עס פּאַקטיש פּראַקטיזירען, צווייטענס דורך די יאָרען וואָס איז פאַרלאָפען פון סקול ביז חתונה, מיטלעבנדיג אינצווישען פאַרשידענע אַרבעט מיט פאַרשידענע חברותות קילט אַלעס אָפּ, און מען דאַרף אָנהייבען פון דאָסניי.

ז) זעלבסטפאַרשטענדליך אַז יעדער איינער איז אַנדערש פון צווייטען סיי די אייגענע נאַטורען — סיי פון וואָס פאַר אַ שטיב מען קימט, איינעם פאַרלאַנגט זיך מער איינער ווייניגער, אַבער יעדן פעלט עס אויס, דער גאון וצדיק חסידא ופרישא מוהר"ר יוסף חיים זאָנענפעלד זי"ע האָט געהאַט אַ שיעור שלחן ערוך מיט זיין רביצן יעדן טאָג אַ האַלבע שעה, טראָצדעם וואָס זיין צייט איז געווען טייער, (מובא בס' עמודא דנהורא, וע"ע שמושה של תורה עמ' קס"ה).

פרק ז

עניני קורבה — המתרחש מדי יום יום

אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויבענדערמאָנטע דינים ווילען מיר אויך אופמערקזאַם מאַכען אויף געוויסע עהנליכע זאַכען וואָס איז שטאַרק נאָכגעלאָזט בעוה"ר, און עס פאַרלאַנגט זיך התעוררות מיט חיזוק, קודם ווען מיר ציטירען די רייד פון ר"ה קאַלאַמייער זצ"ל.

**כאן בא השמטה מספר „עת לעשות"**

א) אויב מען באַגעגנט אַ פרוי אין די גאַס דאַרף מען שנעל לויפען פאַראויס (ברכות סא: אה"ע כא, א), דער ס' היראה (לר' יונה) שרייבט אויב מען באַגעגנט אפילו אַ קליין מיידעל זאָל מען צומאַכען די אויגען, אָדער אַוועק דרייען (יוסף אומץ 343), עס איז נישט גענוג ווען מען דערווייטערט זיך פון אַ פרוי אויף די גאַס ד' אמות (פיער אַלייען) נאָר ער מיז זיך דערווייטערן אַזויפיל ער זאָל נישט דערקענען איר גאַנג און באַוועגונג, אפילו דאָרט ווי מען גייט צוגעדעקט פון קאָפּ ביז פיס, (כנה"ג אה"ע, כ"א).

ב) זינגען טאָר מען נישט הערען פון אַ פרוי, אפילו פונעם אייגענעם אידענע טאָר מען נישט הערן זינגען בשעת מען דאַווענט, לערנט, זאָגט ברכות, זמירות וכדומה (אה"ע כא, ב"ש אר' ד, ואו"ח סי' ע"ה ובאחרונים) פון פרעמדע קיינמאָל נישט. (וע"ע יור"ד, קצ"ה בפת"ש וש"א).

ג) מען טאָר נישט פרעגן אַ פרוי וואָס זי טיט, וויאַזוי זי פילט, וכדומה (שם).

ד) אַ ת״ח טאָר זיך נישט אַראָפּשטעלן אינמיטען גאַס רעדען אפילו מיט זיין אייגענע פרוי אָדער טאָכטער אָדער שוועסטער (ברכות מג:, רמב״ם פ״ה מה׳ דעות ה״ז).

ד*) עס איז אַ מדת צניעות ווען מען רעדט צו אַ פרעמדן צו זאָגען „מיין בעל הבית׳טע״, אָדער „בני בית״ (שבת קיח.) ע״ש במאירי.

ה) וועגען שפּאַצירען מיט די אייגענע אידענע אויף די גאַס שטייט אין אדר״נ פ״ב, אַז מען טאָר נישט, און אַזוי האָט געפסק׳ט הגה״צ בעל הוראה מובהק מהר״י שטייף, (שו״ת מהר״י שטייף) און איינער פון די גדולי ארצינו הקדושה, (אז נדברו, ח״ב, סי׳ ע׳ ע״א — וח״ג).

עס איז כדאי צו פאַרציילען וואָס איך אַליין האָב געהערט מיט יאָרען צוריק מפה קדשו פין מו״ר הגה״ק זי״ע כ״ק אדמו״ר משאפּראַן זצ״ל, וויא ער האָט שטאַרק געפייערט ביי אַ דרשה שבת הגדול וואָס ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחאַזערט שבת תשובה וועגען די איינגעריסנקייט וואָס יונגע פּאָרלעך גייען שפּאַצירען צוזאַמען אויף די גאַסען, בפרט האָט ער זיך שאַרף אויסגעדריקט אויף די חסידישע יונגעלייט וואָס גייען מיט ווייסע זאָקען און שעמען זיך נישט צו שפּאַצירען צוזאַמען מיט די יודענע אויף די גאַסען. אין מיט אַ הייליגן ברען האָט ער געשריגען די ווערטער אין ארץ ישראל איז די מאָדע „בלוי־וואַס״ אין דאָ אין וויליאַמסבורג „רויט־וואָס״ די יונגע לייט מיט ווייסע זאָקען און די יודענעס מיט רויט אין פּינק. דעמאָלס באותו מעמד האָט ער געפייערט אויף נאָך אַ עהנליכע פּירצה. „היתכן די חתנים גייען שפּאַצירען אין די שבע ברכות אָנגעטוהן מיטען שטריימעל? הגם האָט ער צוגעגעבן דאָס איז זייער אַ שיינע זאַך אַז חתנים גייען אָנגעטוהען דורך די גאַנצע שבע ברכות מיט שטריימעל אין בעקיטשע, אָבער ווען ער גייט אויף די גאַס מיט די יודענע טוט ער מיט דעם לבוש צוציען די אויגען פון אַלע דורכגייענדיקע מענטשען, און דאָס איז זייער נישט שיין הן על פי הלכה און הן על פי צניעות, דעריבער איז דער דרך הישר אַרויס צו גיין ווי ווייניגער אויף די גאַס, אין אפילו ווען מען מוז און מען האָט נישט קיין אַנדער ברירה זאָל מען גיין אָנגעטוהן מיט׳ן היט און מיט נעמען דעם שטריימעל אינעם באָקס.

ו) מען טאָר זיך נישט אַראָפּשטעלן גלאַט שמיסען מיט אַ פרוי, (עי׳ בב״ח, ח״מ, ב״ש, אה״ע קט״ו סעי׳ ד׳ דנחשבת עוברת על דת יהודית). און אפילו דאָס נויטיגסטע דאַרף מען אויך זאָגן גאָר בקיצור (אבות פ״ה מ״ה. עירובין נג:, חגיגה ה: רמב״ם ה״ד פ״ה ה״ד, אה״ע כ״ה ס״ב) און נישט קיקענדיג אויף איר, אפילו מיט ריינע געדאַנקען (אדר״נ, רמב״ם פכ״א מהא״ב, הר״י, אה״ע כ״א א׳) און דער וואָס פארכט זיך פאַר׳ן באַשעפער זאָל זיך דרייען אין די זייט בשעת׳ן רעדן, עס זאָל אויסזעהן ווי ער רעדט צו אַ צווייטען (הגה״ק מדינאב זצ״ל בדפ״ק ל״ת ל״ב

ע״ש) און דער וואָס קיקט שטענדיג הייסט אַ מומר (ר״י בס׳ היראה) מיר ווילען אויפמערקזאַם מאַכען אַז די הלכה איז געזאָגט געוואָרן אויך פאַר נאָנטע ווי אַ שוועגערין, פלומעניצע, (ברידער׳ס אָדער שוועסטער׳ס קינדער) קאָזינס, אַזוי אויך אַלע אַנדערע נאָנטע און באַקאַנטע אויסער אַ מוטער, טאָכטער, אָדער באָבע, אָדער אייניקעל, די ספרים (חכמ״א כלל קכ״ה או׳ א׳) באַרעדן די אַלע וואָס מיינען אַז נאָנטע זענען מותר, נאָר אדרבה עפ״י התורה איז אַ נאָנטע, נאָך האַרבער, (ע״ש, ועי׳ נדחי ישראל כ-כה, וכן בעבוה״ק להחיד״א, צפורן שמיר סי׳ ו׳ ס״ק פ״ד-פ״ז) אַזוי ווי ביי די וועלט איז אָנגענומען און ליידער שטאַרק איינגעריסען דאָס נאָנטקייט פון קרובים וואָס מיינט אַז צו אַ שוועגערן, שוויגער אָדער ברידער׳ס און שוועסטער׳ס טעכטער, ווי אויך צו אַ מומע אָדער שניר שטעלט מען זיך אַראָפּ שמיעסן סתם איבריגע נישט וויכטיגע רייד, און מען ווערטל׳ט איינער צום צווייטען פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ שוועסטער אָדער אייגען קינד און מיר ווייסען אַז דאָס איז נישט צוליב קלות ח״ו, ווייל אַ טייל פון די סאָרט רעדן נישט מיט קיין פרעמדע קיין איבריג וואָרט, נאָר מיט די אויבענדערמאָנטע, טראַכטענדיג אַז דאָס איז קיין שום חשש נישט, ווייל זיי זענען ווי עלטערן און געשוויסעטר, [וואָס שלעפּט אויך אַריין אויטאָמאַטיש היתרים אויף יחוד] דעריבער מיזען מיר דעם ענין קלאָרער אַרויסברענגען, און אויפווייזען אַז די פוסקים וואָס באַלייכטען אונז דעם וועג פון תורה און הלכה, האַלטען פונקט פאַרקערט, אַז נאָנטע זענען נאָך ערגער, און דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז יעדע נאָנטע פאַרבינדונג מיט זיי מיינט אַ אויפרייס אין מויער פין צניעות מיט קדושה, וואָס שטעלט אין אַ געפאַר די קונפטיגע דורות.

דער חכמת אדם (כלל קכ״ה) שרייבט אַזוי, ווייל איך האָב געזען און געהערט פון אַסאַך מענטשען וואָס זענען עמי הארצים דאָס זיי מיינען אַז ווי נאָנטער יענער איז (דורך משפחה), מעג מען זיך נאָנטער האַלטען, דעריבער איז אַ מצוה מפרסם צו זיין אַז אדרבה פונקט פאַרקערט ווי נאָנטער דאַרף מען זיך מער דערווייטערן, און במילא דאַרף מען זייער געוואָרענט זיין בפרט מיט דעם וואָס מען שפּירט זיך נאָנט, ע״כ.

דער חיד״א שרייבט (מחב״ר או״ח תר״ג או׳ א׳) אַזוי, דער מענטש וואָס פאַרכט זיך פון באַשעפער זאָל אָנקליידען אַ ציטער, און זיך אָפּזונדערן יעדן טאָג פון די ימים נוראים כאָטש איין שעה, און גיט דורכקיקען די עבירות וואָס ווערן צוגעטרעטן מיט די פיס, אַזוי ווי עריות, וואָס אויסער דעם עצם איסור מיט וועם מען מעג חתונה און וועם נישט האָט די תורה אויך געאַסר׳ט אַנדערע שייכות און נאָנטקייטען, מיט אַרימווערטלען נישט קיין חילוק וויאַזוי אימער, און אויסער אַ שוועסטער, מוטער, און טאָכטער זענען אַלע פרויען איינִיג ביי דעם איסור!

דאָס זעלבע שרייבט דער חיד״א ז״ל אין עבודת הקודש (צפורן שמיר ו׳ פ״ו־פ״ח) צוזאָגענדיג צום סוף אַז יעדער מענטש וואָס פאַרכט זיך פאַר די רייד פון רבש״ע זאָל געדענקען אַז ער איז אַ איד און זאָל גלייבען אין די תורה און די רייד פון די הייליגע חז״ל, און זיך נישט לאָזען פאַרפירען פון יצה״ר מיט פאַלשע איינרעדענישען, נאָר ער זאָל וויסען אַז אויף אַלעם וועט מען אָפּגעבן אַמאָל דין וחשבון, אפילו אויף דעם וואָס ער האָט נישט געוואָלט גלייבן די רייד פון די חז״ל.

ז) אפילו אויף אַ בילד פון אַ פרוי טאָר מען נישט קיקן, (סנהדרין לט. מחניך קדוש מ״ז), דאָס זעלבע אויף קאָלירטע פרויען קליידער, (ע״ז כ: רמב״ם, אה״ע, שם).

ח) עס איז וויכטיג פאַר אַן ערליכען איד צו פאַרמאַכען די נאָז ער זאָל נישט נהנה זיין פון די פאַרשידענע פאַרפיום ריחות פון פרויען אפילו ער טוט דאָס נישט דירעקט, און באין ברירה (ב״ב נז: ע״ש ברשב״ם, חרדים ל״ת שבחוטם, מחניך קדוש נ׳), דאָס איז זייער אַ אָפטע זאַך ביי חתונות, און אַנדערע שמחות, דאָס זעלבע איז אויך אסור פאַר אַ פרוי אַרויסציגיין אויף די גאַס אָנגעשפּריצט מיט פאַרשידענע ריחות אפילו בלויז די קליידער (שבת סב., יומא י. ב״ק טז., מחניך קדוש אות ל״ה), דער האריז״ל שרייבט אַז יעדע שלעכטע ריח איז שעדליך פאַר די נשמה.

ט) מיר האָבען דערמאָנט (בקונטרס מנחת יהודה) אַז לויט די פוסקים דאַרף מען צידעקן אַלע פאַרבאָרגענע ערטער אַלע מיידלעך פון דריי יאָר און העכער. (בה״ל סי׳ ע״ה, שלמת חיים ח״ז, א, דעת סופר או״ח סי׳ י״א, וע״ע ש״ס ע״ז, לז. ב״ח וקו״א שלו אבה״ע סי׳ כ״א, ועוד). דעריבער איז דאָס אַ גרויסער מכשול ווען מען ברענגט אין שוהל קליינע מיידלעך מיט קורצע שטרימף, בשעת מען דאַווענט, און די עבירה פון ביטול קר״ש, תפלה, ברכות לבטלות, ביטול קרה״ת, ליגט אויף די ברענגערס, שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז מדקדקים ברענגן בכלל נישט מיידלעך העכער דריי יאָר אין ביהמ״ד, און אפילו פריער אויך נישט (ווי עס פלעגט זאָגען הגה״ק מסטראפקוב והגה״ק מנאסויד זצללה״ה, ועוד, אַז חצי שיעור אסור מה״ת).

י) מען טאָר נישט אָנטאָן אַ קלייד פון דינע מאַטעריאל אפילו זאָקען, און אפילו מענער טאָרען נישט (יומא לה:, יבמות סג:, רמב״ם ה׳ דיעות פ״ה דין ט׳ ערוה״ש סי׳ ב׳ ב, ג.) מכ״ש פרויען, און אפילו מען זעהט נאָר אַדאָרך די אינטערע מלבושים איז אויך אסור (ב״ח יור״ד ש״מ סעי׳ י׳ וש״ך ס״ק כ״ב, מחנ״ק), דערפאַר דאַרף מען זייער אַכטונג געבען בפרט ביי די זומערדיגע מלבושים ווייל עס איז כמעט נישט דאָ אַ קלייד וואָס איז נישט דורכזיכטיג, אויך דאַרף מען פאַרזיכטיג זיין ביי די זאָקין פון קליינע מיידלעך נישט נאָכציטוהן די מאָדע פון אָנטוהן לעכעריגע אָדער דורכזיכטיגע זאָקען, (חוץ די איסור פון נאָכגיין די מאָדע).

יא) עס איז וויכטיג אויך אַכטונג צי געבען אויף די בני בית, און טעכטער נישט אַרומצוגיין אפילו אין שטיב באָרפיסיג, אפּגעדעקט די פיס, ווייל דאָס איז שטאַרק נישט צניעות'דיג (מחנ"ק או ח': ושאר ספה"ק), און אפילו די אייגענע ברידער'ס טאָר'ן דאַמאָלטס נישט זאָגען קיין אידיש וואָרט (או"ח סי' ע"ה).

יב) כאָטש עס איז באַקאַנט פאַר יעדן אַז צי גיין מיט ערמעל העכער די עלנבויגען איז אַ פריצות, דאַרף מען אָבער וויסען אַז לכתחילה דאַרף מען גיין מיט ערמעל ביז די ערשטע קנייטש פין האַנט דאָס הייסט מדת צניעות, (מחנ"ק י"ח).

יג) פרויען טאַרען נישט גיין מיט רויטע קליידער (יור"ד קע"ח סעי' א' בהג"ה). און אויך נישט קיין ווייסע (שו"ת פנים מאירות ח"ב קכ"ב, מרכבת המשנה ר"י ח"א), דער מהרי"ק שרייבט דאָס מיר האָבען בקבלה מקפיד צו זיין דאָס אונזער פאָלק זאָל נישט גיין אָנגעטוהן אין רויט, און דאָס מיינט אפילו זכרים [מאַן'ס פערזאָן], (יוסף אומץ עמ' 344).

יג*) ליידער אפילו די מדקדקים וואָס געבען אַכטונג נישט אַריינצו־לאָזען אין שטיב בשום אופן קיין שום רויטע קלייד, פון דעסטוועגען לאָזט מען זיך איינרעדען פון די נשים צדקניות פאַרשידענע היתרים אויף געוויסע רויטע קליידער אַז דאָס הייסט נישט רויט נאָר, דאָס איז „פינק", דאָס איז „לילא", דאָס איז „אָראַנדזש", דאָס איז „רויש", דאָס איז „בארדא", דאָס איז „פּערפּעל", און נאָך צענדליגע פאַרשידענע נעמען.

דעריבער מוזען מיר ציטירען די ווערטער פון מיין הייליגען רבי'ן שאָפּראָנער רב זצ"ל, וואָס האָט מגלה דעת געווען ברבים אַז די אַלע פאַרשידענע נעמען וואָס ווערען באַנוצט ביי רויטע מלבושים זענען אַלעס אויסגעטראַכטע נעמען פונעם בעל דבר, (שוחט משום מאי מחייב משום צובע) ער פאַרבט אָפּ די קליידער, אויף רויט, זאָגט ער פינק, אָדער לילאַ, אָדער אָראַנדזש, א.אַ.וו. אַזוי ווי דער בעל דבר האָט זיבען נעמען (סוכה נב.), גיט ער פאַר די פאַרבן רויט זיבען נעמען, און אויפען פלאַץ האָט ער אַרויסגעגעבען אַ קלאָרען פעסטען פסק דין אַז אַלע פאַרבען וואָס זענען ענליך צו רויט וויא עס שטיט אויספירלעך אין שו"ע (יו"ד סי' קפ"ח) איז אויך אין כלל פון איסור פון טראָגען רויטע קליידער וויא עס שטייט אין שו"ע (יור"ד סי' קע"ח סעיף א' בהג"ה).

יד) אַ היט אויפען קאָפּ איז אסור פאַר אַ פרוי צי טראָגען מן התורה (שו"ת ד"ח ח"א ור"ד סי' ל').

טו) עס איז אַ איסור פאַר אַ שניידערין אויפצינייען נישט כשר'ע צניעות'דיקע מלבושים אפילו דאָרט ווי עס קען געניית ווערען דאַרך אַ גוי'ה (תוס' שבת ג., ורא"ש והגהמ"ר שם, ור"ן פ"ק דע"ז, רמ"א קנ"א ס"א, ומ"א שמ"ז סק"ד

ובנין ציון סט״ו, ועי׳ משל״מ (כלאים פ״ה ה״ו) דרישה (יור״ד רצ״ג סק״א, משיב דבר, לנצי״ב (ח״ב, ל״א) שו״ת מהרש״ם (ח״ב צ״ג, קפ״ד) שו״ת כתב סופר (יור״ד קפ״ג) שו״ת מהרש״ג (ח״ב ק״ב) וכעי״ז במ״א (רס״ו קס״ח), וע״ע באמצע תשובות מהרי״א (יור״ד קמ״ז), שו״ת מהר״ם שי״ק (ס״ג), נטע שורק (י״ט) בית שלמה (ח״א ל״ח) נהרי אפרסמון (ח״ב כ׳) לבוש״מ (ח״א מ״ג, ח״ב, מ״ח) ובעכו״ם, אם מוזהרין, עי׳ שם ודוגמ׳ וברכ״י ודכ״ת יור״ד קנ״א, משפטי שמואל סוסי׳ קל״ד, פמ״ג א״א קס״ג, ברכ״י יור״ד סי׳ ר״מ, פר״ח או״ח תצ״ו בכללי מנהגי איסור כלל כ״ג, ס׳ דרך הקודש דף י., יד מלאכי שס״ג, שלחנו אל אברהם או׳ ג, פת״ש ק״ס או׳ א׳) **בפרט ווען דער וואָס לאָזט זיך דאָס אויפנייעז, פאַרשטייט נישט די האַרבקייט איז דער איסור נאָך גרעסער** (שו״ת רדב״ז, שו״ת שו״מ סי׳ ג׳).

טז) אויך דאַרף מען געוואָרענט זיין **נישט אַדאַרכציגיין צווישען צוויי פרויען, און נישט לאָזען אַ פרוי דורכגיין צווישען צוויי מענער,** (פסחים קיא.) **טיילמאָל איז דאס גאָר אַ סכנה (שם), יעדענפאַלס איז דאָס „קשה לשכחה" [מאַכט פאַרגעסן דאָס לערנען]** (יוסף אומץ) **דערפאַר דאַרף מען זייער אַכטונג געבן און געוואָרענט זיין דערפון אויב מען האָט נישט קיין ברירה זאָל מען זאָגען די פסוקים וואָס שטייט אין די גמרא (שם), אָדער אָנכאַפּן די ציצית אָדער פיאות, כאָטש אַ שטעקן אויב מען האָט** (תו יהושע).

**ליידער איז דאָס שווער צו באַוואָרענען ביי די בתי מדרשים וואָס די מענער און פרויען איינגאַנג זענען איינס נעבן צווייטען, און עס ליגט טאַקע די אויפגאַבע אויף יעדן מאַן אַנצוזאָגען אין שטיב אַז מען זאָל זיין דערוויטערט פון דאָרט ווי מענער דרייען זיך און גייען דאָרך.**

יז) די צווייטע איז **פשוט דורכציגיין די גאַס עס פאַסירט גאָר גאָר אָפט ווען צוויי פרויען גייען אויף די גאַס איינע ביי דעם עק, איינע ביים צווייטען, אַזוי אַז עס איז גאַרנישט מעגליך פאַר אַ מאַן וואָס גייט אַדאָרך אויסצומיידען נישט צי גיין צווישען צוויי פרויען, דעריבער ווערט יעדער געבעטען דאָס אויפציקלערן אין שטיב, ווייל דאָס טיט מען נישט להכעיס ח״ו, נאָר מען כאַפּט זיך נישט, אַז מיט אַ קלייניקייט קען מען העלפן דעם דורכגייער נישט עובר צו זיין אַ בפירושע גמרא, אַריינרעכענדיג אירע קאָנסעקווענצען.**

יח) רעדענדיג פון דעם ענין **ווילען מיר טאַקע גלייכצייטיג באַמערקען אַז עס פאַסירט דאָס מען שפּאַצירט אויף די גאַס אַ מאַן צווישען צוויי פרויען, אָדער פאַרקערט, שוואָגערס, שוועגערינס, קאַזינס, אַלעס אינאיינעם, וואָס איז דער היתר? פיער סאָרטען איסורים ווערען באַגאַנגען אויף איינמאָל,** (1) איסור קורבה — עי׳ רמב״ם א״ב פכ״א, אה״ע כא, 2) איסור התאחדותם בשוק — ברכות מג:, רמב״ם ה׳ דעות פ״ה, 3) חשש סכנה — עי׳ או׳ י״ז ותבין, ועי׳ יוסף אומץ 343, דבריו מוכיחים דלא כשלמת חיים והמ״י, 4) איסור עיון ברישי׳ — אה״ע כא, ה, דו״ק היטב בט״ז שם ותבין).

יט) דער יוסף אומץ (עמוד 343) שרייבט פאָלגענד: אין מיינע אויגען קיקט אויס ווי אַ פריצות דאָס וואָס פרויען [אָדער מיידלעך נאָך 3 יאָר] גייען אָנגעטוהן מיט רויטע שיך, און פאַרביגע זאַקען וואָס אונזערע מוטערס האָבען נישט אָנגעטוהן נאָר לעצטענס איז דאָס איינגעפירט געוואָרען.

## פרק ח

## עוד עניני קורבה

דער חפץ חיים שרייבט (זכור למרים פ"ז) פאָלגענד: איך האָב שוין אַפאָר מאָל קלאָר געמאַכט אַז אַ מענטש דאַרף אָפּהיטען ביים לעבן זיינע דריי חושים (פעהיגקייטען) מיט'ן עקסטרעמעסטן (מערסטע וואָס מעגליך), דורך זיי איז ער זוכה נאָכדעם צום שכר, אויב ער טיט זיי נישט פאַרדאַרבען, ווייל אפילו ווען דער מענטש לעבט איז דער כח צו הערן, זעהן, רעדן די נשמה נישט דער גוף, דערפאַר נאָכדעם וואָס די נשמה טיילט זיך אָפּ פון גוף (נאָכ'ן שטאַרבען) האָט די נשמה מיטגעברענגט סחורה און באַקימט דערפאַר שכר, אָבער ווען איז די נשמה אַ מחותן כביכול מיט'ן באַשעפער אויב זי איז אָפּגעהיט ביים לעבן נישט צו זעהן רעדן הערן וואָס מען טאָר נישט.

דעריבער אפילו ער וועט זוכה זיין צו גן עדן וועט ער זיצען ווי אַ קלאָץ נישט קענענדיג הערן, רעדן, און זעהן, ווי גרויס וועט זיין די בושה ווען יעדער אין גן עדן, ווען זעהן זיצען אַ נישט הערעדיגער, רעדעדיגער, זעהעדיגער, (דאָס זענען די ווערטער פין חפץ חיים) די שאַרפע רייד שפיזען אַריין טיעף טיעף אין האַרץ.

א) אַודאי און אַודאי אַז מען טאָר נישט אַרויפגיין שטיגען אינטער אַ אידענע, (יוסף אומץ, שם) דאָס קימט פאָר ביי חתונות און אַנדערע שמחות, א.אַ. וו.

ב) אנשי מעשה האַלטען פאָר אַ איסור גמור אַרויסציקיקען אויסער די ד' אמות, (יוסף אומץ, שם, ועי' צעטיל קטן מרבן של ישראל אור ישראל וקדושו הגה"ק מהרר"א מליזענסק זצוקללה"ה וזי"ע) און אַזוי האָט זיך געפירט רש"י זצ"ל, מיט זיין אייניקעל דער רשב"ם זצ"ל, (עי' הג' מרדכי סוף עירובין, שם הגדולים מע' הרשב"ם).

ג) כאָטש יעדער ווייסט אַז עס איז נאָר דאָ אַ איסור צו הערן אַ פרוי זינגען אָבער נישט הערן רעדן, פונדעסטוועגן גרויסע צדיקים און גאונים האלטן אַז ווען מענער דרייען זיך אין איר געגענט אַזוי נאָנט אַז זיי קענען הערן איר שטימע זאָל זי רעדן שטיל מען זאָל איר נישט הערן בפרט בשעת קר"ש, שמו"ע, (ב"ש, א"ר סי' ע"ה, של"ה או' צניעות, דרפ"ק ל"ת ל"ה, לחוש לראשונים דאסרי אפילו קול פשוט) עס איז ראַטזאַם דאָס די עלטערן זאָלען לערנען די

קינדער רעדן שטיל, דאַמאָלטס וועט אים אין זיי וואויל זיין, (דפ"ק שם), אָבער טאָמער האָט מען הנאה פונעם הערן רעדן איז אַ איסור גמור לכו"ע (מחה"ש ע"ה).

ד) די אַלע דערווייטערונגען סיי פין קיקען, הערן, א.אַ.וו. איז סיי אַלטע פר... סיי יונגע, (סי' יעב"ץ, פתה"ד או' א, רו"ח ע"ה או' ב, בא"ח כה"ח ע"ה).

ה) אַ אידענע דאַרף מתפלל זיין אַז קיינער זאָל נישט געשטרויכעלט ווערן דורך איר, (סוטה כב, ועי' תדבא"ז יז), כ"ש אַז זי זאָל ווי ווייניגער גיין אויף די גאַס, (של"ה או' צניעות) אַמאָליגע צייטען פלעגט אַ אידענע אַרויסגיין איינס אָדער צוויי מאָל אַ חודש, (עי' טור אה"ע סוסי' ע"ג), און ווען מען דאַרף אַרויסגיין זאָל מען געוואָרענט זיין צו גיין אַנגעטוהן בצניעות, און גיין אין אַ זייט ווען מענער גייען אַדאָרך, נישט מכשיל צו זיין ח"ו קיינעם.

צו האָבען אַ שטיקעלע באַגריף וואָס נשים צדקניות קענען צוהעלפן באַפעסטיגען אידישקייט, קוקט איבער די רייד פון הגה"ק ר' הילל קאַלאָמייער זצוק"ל (עת לעשות ח"א שאלה ב' ג').

ו) גלייכצייטיג מיזען מיר אויך מעורר זיין אַז אויך פאַר מענער ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים (של"ה או' צניעות, מגדול עז ליעב"ץ, ועוד) אַז וואויל איז פאַר דעם וואָס קען זיצען ביי זיך און לערנען און דאַרף נישט אַרויסגיין נאָר אין שול אָדער אַ דבר מצוה, דער וועט זיכער זוכה זיין אַז די שכינה זאָל רוען ביי אים, ע"כ. און אפילו דער וואָס מיז גיין אויף די גאַס צוליב פרנסה און עהנליכעס, איז ער אָבער מחויב לכתחילה צו גיין אויף אַ גאַס ווי מען זעהט ווייניגער אָדער כמעט גאָרנישט קיין שלעכטס, ווי מיר געפינען אין די גמרא אַז דער וואָס גייט דורך אַ גאַס ווי מען קען זעהן שלעכטס, און ער קען גיין דורך אַ אַנדערע וועג, אפילו ער גייט מיט צוגעמאַכטע אויגען הייסט ער אַ רשע (ב"ב נז:, ועי' רשב"ם שם), און אַזוי אויך זאָל מען גיט איבערקלערן פאַר מען גייט — אָדער שיקט אַ קינד, אויף די גאַס צו דאָס איז טאַקע וויכטיג און מען קען זיך נישט באַגיין אָהן דעם.

ליבע אידען! שטעלט אייך פאַר ווען איינער זאָל וויסען אַז אַרויסגייענדיג אויף די גאַס מיז ער עסען נבילות און טריפות — אָדער אפילו אַ ספק אויב ער מיז, וואָלט ער זיכער גיט איבערגעטראַכט פאַר דעם, זאָלט איר וויסען אַז יעדן אַרויסגיין קען קאָסטען עטליכע איסורים מן התורה, און נאָך ערגער פין נבילות און טריפות (ב"ש אה"ע כא, ב, דלכ"ע אסור מה"ת, ועי' אה"ע כ"ג ח"מ, ב"ש — או' א, ובחכ"ש, שם, דפ"ק ל"ת ל"ה).

ז) נאָך זייער אַ וויכטיגען פרט מיר מיזען מעורר זיין דערוועגן, וואָס מען פירט זיך אויפציהייבען קליינע קינדער בפרט פעטער'ס, אַז מיידלעך העכער דריי יאָר טאָר מען שוין נישט, (עי' ב"ח וקו"א סי' כ"א, מחבר אה"ע כ"א ס"ה, דעת סופר או"ח סי' י"א, בה"ל סי' ע"ה, שלמת חיים ח"ז א, וכ"כ להדיא הגה"צ מהר"י

גרינוואַלד שליט״א האדמו״ר מפאפא, והוא לו נדפסה בטהרת יו״ט חלק ט״ז ע״ש) **און דאָס וואָס מען איז געוואוינט אַזוי מיט זיי פון געבורט העלפט גאָרנישט** (עי׳ בס׳ דבר הלכה בשם הג׳ בעל חזון איש, וכן בקונטרס בענ׳ אימוץ ילדים, להרא״ב שכן דעתו, ודעת ראשי גולת אריאל, הג״ר ד״ב וויינפעלד אב״ד טשעבין זצ״ל, הגרי״י קניבסקי, ר״מ כולל חזון איש, הג״ר עזרא עטיי׳ שליט״א ר״מ דישיבת פורת יוסף).

**ח)** דאָס זעלבע **ביי די וואָס נעמען אַריין פרעמדע קינדער אין שטיב אויף אַ טערמין — אָדער גענצליך אויפציהאָדוועז, [אַזוי ווי אַדאַפּטירטע קינדער] דאַרפען זיי געוואָרענט זיין אין די פאַלגענדע הלכות:**

1) **דער טאַטע — אָדער יונגלעך פין שטיב, זאָלען נישט אויפהייבען אָדער אַנדערע נאָנטקייטען האַבען מיט׳ן קינד,** (כנ״ל אוי׳ ז׳) **דאָס שרייבט הגה״צ מפאפא שליט״א אין אַ תשובה,** (וכ״כ הגרא״ב, הגרד״ב וויינפעלד זצ״ל, הגרי״י קניבסקי, הגר״ע עטיי׳, בקו׳ הנ״ל, והגאון חזו״א מובא בדבר הלכה, ע״ש).

2) **די אויבענדערמאַנטע דאַרפען אַכטונג געבן עס זאָל נישט ציקימען ביי זיי צו יחוד** (שם בדברי הנ״ל).

3) **גלייכצייטיג דאַרף מען געוואָרענט זיין אַז יאָרען שפּעטער זאָל נישט זיין ח״ו קיין געמישעכץ מיט קרובים חתונות,** (עי׳ תשובת כל הגדולים בהז׳ מלא׳, ומשם תדין לכאן).

4) **אין ס׳ משנה הלכות ח״ד סי׳ קס״ז אויסגערעכנט 14 חששות ביי די וואָס אַדאַפּטירען קינדער און מאַכען פאַרגעסן פון זיי זייער ריכטיגע אָפּשטאַם** (ע״ש ותראה שדבריו נכונים וברורים).

**ט)** מען דאַרף מעורר זיין **די וואָס נעמען אַ חתן (א.ד.ג.) אויף די פלייצע און טאַנצען אַז דאָס איז אַ שלעכטער מנהג און מען טאָר דאָס נישט טוהן,** (רו״ח או׳ ח, כה״ח תרס״ט כ״ב, ועי׳ שד״ח בזה).

**י)** מען טאָר נישט בעטן אפילו פין אַ קליין מיידעל **העכער 3 יאָר זי זאָל ברענגען וואַסער, צו וואַשען, אָדער זי זאָל אים דערלאַנגען צו עסען אָדער טרינקען,** (אה״ע כא, ה, עי׳ ב״ש ס״ק ט׳, ובדין רחיצה ומזיגה, ועי׳ היטב יור״ד קצ״ה חילוקי דינים וה״ה בזה עפ״י ב״ש הנ״ל ע״ש).

**יא)** אפילו איבערגעבן פאַר איר, **אָדער איבערנעמען דאַרף מען זיך אויך דערווייטערן,** (עי׳ ב״ש הנ״ל מיהו עי׳ ערוה״ש סי׳ ז, דכ׳ שהירא דבר ד׳ ירחיק מכמו אלה, ע״ש).

**יב)** מען טאָר נישט באַגריסען אַ פרוי, **אָדער שיקען דורכ׳ן מאַן אַ גריס, אויב איינער האָט נישט געוויסט און געשיקט טאָר מען עס נישט איבערגעבן, (שם).**

**יג)** מען דאַרף אַכטונג געבן **נישט צו לאָזען 2 בחורים אָדער יונגלעך שלאָפען אַליינס אין אַ שטיב, צ.ב.ש. אין ישיבות א.ד.ג. דאָס זעלבע אינדערהיים דאַרף מען אַכטונג געבן,** (אה״ע כד, ב״ח, ח״מ, ב״ש שם).

יג*) בשעת דער בעלזער רב זצ"ל האט געלאזט בויען דעם ישיבה אין א"י האט ער זיך אויסגענומען אז מען טאר נישט שלאפען וויינינגער ווי דריי בחורים אין א שטיב (מנהגי בעלז).

יד) צירונגען זענען נישט געגעבן געווארען נאר צום ניצען אין שטיב, (ילקוט שמעוני איוב פל"א).

טו) אויב אפילו א מאן איז אנגעשפריצט מיט א ריח (פערפיום) דארף מען זיך דערוויטערן דערפון צו זאגען הייליגע ווערטער, פינקט ווי פון אלע שלעכטע ריחות (הכנה דרבה בצוואתו).

## זעהר א ווינדערליכע רוח הקודש פון דעם הייליגען חוזה פון לובלין זצוק"ל

### אין צוזאמענהאנג פון צניעות און קדושה

די מעשה האט דערציילט הגה"צ [משרידי דור הישן] מהריא"ז מרגליות זצ"ל וואס זיין רבי הגה"ק ר' אברהם שמחה מבארנוב זצ"ל האט געהערט פון זיין זיידע הגה"ק ר' אליעזר מדזיקוב זצ"ל. מעשה שהי' כך הי':

איינמאל איז ר' אליעזר'ל דזיקובער געווען מיט זיין פאטער מרן הגה"ק מראפשיץ זצ"ל, ביים הייליגען חוזה פון לובלין זצ"ל, און שבת קודש אינמיטען טיש האט דער רבי פון לובלין פארמאכט די אויגען און אזוי געגעסן א לענגערע צייט, זיפצענדיג זייער שטארק דערביי, האט דער ראפשיצער רב זצ"ל זיך אנגערופען צום זוהן אליעזר! לייג יעצט שטארק צו קאפ און נעם אין הארץ אריין וואס דער רבי גייט יעצט זאגען.

דער הייליגער לובלינער זצ"ל האט זיך דאן א עפן געטוהן די אויגען און געזאגט זיפצענדיג מיט טיפע קרעכצען, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האט אמאל געהאט עליית נשמה (ארויפגעקראכען אויבען) צוריק קומענדיג האט ער געזאגט פאר זיין חברייא, „איר זאלט וויסען אז איך האב געזען אין הימעל ווי עס שטייען מלאכים און בויען א ריזיגען ברייטען טאפ, האב איך געפרעגט א מלאך וואס איז דאס? האט מיך דער מלאך געגעבן א הייב אויף ביז העכערן טאפ און געזאגט קיק אריין וועסטו זעהן הענט און פיס, האט דער מלאך צוגעגעבן און געזאגט, זאלסט וויסען! אז פאר משיח וועט קומען וועלען אראפקומען אויף דער וועלט נשמות פון דור הפלגה, (מינות, כפירה, אפיקורסת) און דור המבול, (פריצות און הפקרות, פון פרויען וואס די הענט און פיס זענען נישט געהעריג צוגעדעקט), און פאר זיי בויט מען יעצט דעם טאפ אפצוקאכען דערין זייערע הענט און פיס" (וואס זענען נישט געווען צניעות'דיג געקליידעט), דאס האט דער בעש"ט געזאגט.

צו דעם האָט דער לובלינער זצ"ל פאַרענדיקט דער בעש"ט הק' האָט דאָס אַלעס געזען פאַרבאַרגען, אַבער אונז זעהן מיר דאָס אַלעס אָפען וויאַזוי די נשמות הייבען אָן יעצט אַראָפצוקימען אויף דער וועלט, דער באַשעפער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אונז און אויף זיין גאַנצען פאָלק אידען מען זאָל קענעןביישטיין די גרויס שווערע נסיונות, ע"כ.

דער של"ה הק' שרייבט: די מעלה פון צניעות איז זייער גרויס, מען דאַרף זיין מיט צניעות ביים עסען, טרינקען, רעדן, גיין, קליידונג, א.אַ.וו. און אפילו אין טינקלען שלאָף שטיב זאָל מען זיין מיט צניעות.

כ"ש די פרוי דאַרף סאַך מער זיין בצניעות זי זאָל זיין אין שטיב און פאַרהוילען פין יעדן מענטש אויף דער וועלט ווי ווייט מעגליך, רעדן שטיל געלאַסען, און פון איר קערפער זאָל נישט זיין אָפגעדעקט אפילו אַ פיצעל, איר שטימע זאָל נישט געהערט ווערן פאַר אַנדערע, און דאָס זינד פון נישט צניעות ברענגט איר מאַן צו אָרעמקייט, און נעמט אַוועק דעם כבוד פון איר מאַן מיט אירע קינדער.

איין כלל זאָל מען שטענדיג געדענקען יעדע זאַך וואָס מען וואָלט נישט געטוהן אויב משה רבינו ע"ה מיט די זיבעציג זקנים וואָלטען דאָ געשטאַנען, זאָל מען נישט טוהן באַהאַלטען אויך נישט (קשל"ה או' צ').

טז) אפילו יחוד פון צוויי מאַן'ס פערזאָן איז אַ מדת חסידות מען זאָל זיך דערווייטערן דערפון, (ש"ע אה"ע סי' כד, וב"ח, ח"מ, ב"ש).

יז) שלאָפען צוויי אין איין בעט דאַרף מען זיך דערווייטערן, (ח"מ, ב"ש, שם) כ"ש צוויי בחורים [אָדער יונגלעך] איז אַ איסור, (שם, וע"ע ברוח חיים אה"ע סי' כ"ד).

## גיין באָדען — טובל'ן

יח) מען טאָר נישט זיין צוזאַמען אין באָד [אָדער מקוה] מיט אַ טאַטע, שווער, (דער איסור איז אויפען איידעם, — נתיבות לשבת כג, חשק שלמה פסחים נא) שטיף טאַטע, שוואָגער, (שוועסטער'ס מאַן), [רמ"א יור"ד רמ"ב, ט"ז, אה"ע כ"ג, ו] מיט אַ רבי'ן טאָר מען אויך נישט, אויסער אויב דער רבי דאַרף אים ער זאָל אים באַדינען, (יור"ד שם באה"ט אה"ע שם) אָדער אויב דער תלמיד איז געווען דאָרט פאַר'ן רבי'ן, דאַרף ער נישט אַרויסגיין (שם).

יט) מיט אַ טאַטע [כ"ש ביי די אַנדערע] כאָטש ער דאַרף דעם קינד ער זאָל אים באַדינען טאָר ער אויך נישט זיין דאָרט, (כנ' מסתימת כל הראשונים שלא חילקו רק ברב ותלמיד ולא בד"א, לבד מהמאירי שמתיר, ויחידאה הוא בזה, וכן בכל האחרונים, וכ"כ להדיא בערוה"ש אה"ע ס"ח, וכן כ' בס' הזכרונות להר"צ הכהן זצ"ל מ"ע א' פ"ב, דאסור, ע"ש) דעריבער זאָל אַ טאַטא נישט מיטנעמען זיין קינד אין באָד [אָדער מקוה], (ס' הזכרונות, שם).

כ) אין ס׳ הזכרונות (שם) שטייט דער שיעור ביז ווען מען מעג מיטנעמען אַ קינד, (ועי׳ ערוה״ש ס״ח שם).

כא) ביי אַ טאַטע [און די אַנדערע אויבענדערמאַנטע אויסער אַ רבי] העלפט נישט וואָס מען איז געווען פריער, נאָר וויבאַלד יענער קימט אַריין דאַרף מען אַרויסגיין, (דרישה, ב״ש, באה״ט, ערוה״ש, ס׳ הזכרונות שם).

כב) וועגן צוויי ברידער׳ס זעה [רמב״ם פכ״א מאי״ב, הט״ז, ב״ש אה״ע סק״ה וערוה״ש שם] אַז דאָס ווענט זיך לויט׳ן מנהג.

כג) דער פתחי תשובה (אה״ע שם) שרייבט פאָלגענד: היינטיגע צייטען איז נישטאָ קיין שום היתר און איך וייס נישט אויף וואָס די וועלט פאַרלאָזט זיך, גרינג צו האַלטען די הלכה [פין באַדען צוזאַם].

אין ס׳ תולדות אדם שטייט אַז דער גאון וצדיק מוהר״ר זלמן זצ״ל פין ווילנא (אחיו של מהר״ח מוואלאזין, וכל התורה כדמונח בקופסי׳) איז אַמאָל געגאַנגען אין באָד קימענדיג צו די טיר און טרעפענדיג זיין שווער האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפען ווי פון אַ לייב, ע״כ. און אַזוי שרייבען אויך די אַנדערע פוסקים אַז די היתרים וואָס זענען געזאָגט געוואָרען זענען שוואַך, (עי׳ שו״ת מהר״י ווייל מובא בגליוני הש״ס שבת מו., נתיבות השלום, שם, ובערוה״ש נדחק ליישב ומסיים הירא דבר ד׳ ירחיק מזה, וגם בס׳ הזכרונות אחר שטרח לענות חלקו בלימוד זכות למנהג העולם סיים דבריו, „ומ״מ קשה להקל בדינא דגמרא, וע״ע מהר״ם חלאווה פסחים נא. ובטהרת יו״ט, שהאריך בד״ז, ואכמ״ל, ולמעשה כל בענפ״ש יחמיר, ותמיהני שלא ראינו אפילו אותם מחמירין וצ״ע) און דערפאַר פירען אַלע אויס אַז אַ יר״ש זאָל מחמיר זיין, (שם).

## קדושת המלבושים

כד) מען טאָר נישט טראָגען שמאָלע הויזען, [ווי די מאָדע איזליידער] עפ״י שלחן ערוך, (אה״ע כג, ו, ועי׳ ריטב״א, וחי׳ הרשב״ץ בנדה רי׳ פ׳ כל היד, ופ״ת שם, וערוה״ש סעי׳ ז, ואפי זוטרי, והמחמיר תע״ב).

כה) עס איז דאָ ווער עס האַלט אַז מען זאָל נישט גיין מיט הויזענ־טרעגער נאָר מיט אַ פאַסיק [STRAP] (ס׳ הזכרונות להגה״ק ר״צ הכהן מלובלין, מ״ע א, פ״ב ע״ש).

## ענף ב

## נאָך וועגן יחוד

א) כאָטש מיר האָבען געשריבען (פ״ה) אַז אַ פרוי מיט אַ קליין קינד נעמט אוועק איסור יחוד, אָבער אויב מען פאָרט ערגעץ איז דאָס לויט טייל

פוסקים נישט געגוג און עס מיז נאך זיין 2־3 ערוואקסענע מענער, (מהרש״ל בחי׳ על הטור סי׳ כב, ב״ח בשמו, ח״מ יד, ב״ש ט״ו), אנדערע זענען מתיר, (ט״ז שם, דרישה, אפי זוטרי, שם ארי׳ סי׳ לג, עצי ארזים סק״ח) געוויסע זאגען א יונגעל איז מותר, א מיידעל אסור (בית משה), דאס איז העגליכע זאכען זענען איבערגעגעבן פאר א מורה הוראה צו פסק'נן לויט זיין הכרעה, און בעיקר די אומשטענדן פונעם פרעגער. אבער א יחיד קען נישט און טאר נישט אליין באשליסען די הלכה.

ב) די היתר יחוד פון א פרוי מיט א קינד, (לעיל פ״ה או׳ ג־ד־ה) איז נישט געזאגט געווארען אויב די פרוי ארבעט צוזאם מיט דעם מאן, (ס׳ תאווה לעינים קידושין של״ב, החיד״א בשער יוסף תשר׳ ג, נשמת כל חי ח״ב סוסי׳ א).

ג) מיר האבען אויבען דערמאנט (שם) אז מען מעג זיין אינאיינעם מיט א פרוי אויב איר שוויגער'ס טאכטער איז אויך דארט (שוועגעריין), אבער דער מאן טאר נישט זיין איר שוויגער'ס זוהן, [בקיצור: א מאן טאר נישט זיין ציזאמען מיט זיין שוועסטער און ברידער'ס ווייב,] (שער המים תשו׳ סי׳ ט״ז) דאס קען זייער גרינג פאסירען אויב מען גייט מיט א שוועסטער באזיכען דעם חתונה געהאטן ברידער און ער איז נישט אינדערהיים נאר זי, דארף מען זאפארט אוועקגיין, (ולא מהני בעלה בעיר עי׳ סי׳ כ״ב סעי׳ ח, דבקרוב לבו גס בה).

ד) אפילו די פיער אופנים וואס זענען בארעכטיגט אויף יחוד אפילו זיי זענען נאר צוויי פרויען צוזאם, (לעיל או׳ ג*), אבער אויב דער מאן ארבעט מיט זיי זאגען טייל פוסקים אז יחוד איז אסור, (ארץ צבי סקי״ט, נשמת כל חי ח״ב סי׳ א, וע״ע ב״ש סקי״ד בשם לבוש, ובפני משה סקי״ב, אפי זוטרא סקכ״א).

## היתר פון אפענע טיר־פענסטער, צו די גאס

ה) א שטיב וואס האט פענסטערס צו די גאס, וואס מען קען זען יעדעס ווינקעל הייסט שוין נישט יחוד, (נו״ב מהד״ק סי׳ ע״א, עזר מקודש, יד יצחק ח״ג סי׳ ר״כ או׳ ב, מסגה״ש קנ״ב סוסק״י), דאס איז א גרויסע נפקא מינה ביים איינקויפען־פארקויפען אין געשעפטן, און דעריבער דארף מען וויסען זיכער אז יעדעס ווינקעל קען מען זען פון אינדרויסען (כנ״ל בעזמק״ו).

און דאס העלפט נאר אויב דער שטיב ווי מען איז האט פענסטער צו די גאס, אויב מען גייט א שטיב אריינצור העלפט דאס נישט וואס די אויסענ־ווייניגסטע שטיב האט פענסטער צו די גאס, (הג׳ מהרש״ק בנדרי זרוזין, ח״ב, בתשר׳ שבסוף הס׳ סי׳ ט׳, וע״ע בי״ש או״ח ח״א, מ״ח), זעה או׳ ז׳.

ו) א אפענע טיר צו די גאס ביינאכט, זאגען טייל פוסקים אז נאר די ערשטע האלבע שעה מעג מען יחוד, נאך 2־3 שעה נישט, (בעה״ט סק״ט בשם כנה״ג, חכ״א כלל קכ״ז ז, קש״ע קנ״ב ס״ה, טוטו״ד או׳ ה, ישכיל עבדי ח״ד סי׳ ג), זעה אות ז׳.

ז) דער היתר פון אַ אָפענע טיר [אָדער פענסטער] עטליכע פוסקים האַלטען אַז דאָס איז אַ היתר אפילו לכתחילה, (שו"ת שער יוסף ג), און טייל האַלטען אַז נאָר בדיעבד (ערוה"ש סעי' ו).

דער רבינו יונה שרייבט: דאָס בעסטע איז אַכטונג צו געבן נישט צו זיין אַליינס מיט אַ פרוי אפילו די טיר איז אָפען צו די גאַס.

און אַזוי שרייבט דער רבינו ירוחם: אַז אַ אָפגעהיטענער באַשיידענער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון יחוד אפילו ווען די טיר איז אָפען צו די גאַס.

ח) ווייטער איז דאָ אַ פאַרפלאַנטערטע קלער אין די פוסקים אויב די טיר מיז ממש אָפען זיין, אָדער עס איז גענוג אויב עס איז נישט צוגעשפאַרט, טייל האַלטען אַז די טיר איז צוגעמאַכט נישט פאַרשפאַרט איז שוין נישטאָ קיין יחוד, (שו"ת הרשב"א אלף רנ"ה, תשו' הרדב"ז ח"א קכ"א, עזר מקודש, מהרש"ם ח"ב ע"ו).

טייל זאָגען אַז דאָס הייסט יחוד, ביז דער טיר וועט זיין געהעריג אָפען, (שו"ת רעק"א ק, תשו' הג' בית מאיר, הגהות הרד"ל קידושין פא, בית שלמה או"ח ח"א סי' מ"ח, נחפה בכסף, ח"ב סוסי' יא).

## היתר אַז דער מאַן איז אין שטאָט

ט) דער היתר פון „בעלה בעיר" (דער מאַן איז אין שטאָט) איז נישט לכל הדיעות, טייל האַלטען אַז דאָס איז אסור, (רש"י קידושין פ"א, ר"ן, תוס' ר"י הזקן, ובית יהודה דעתו דכ"ה דעת הרי"ף והרא"ש, ב"ח, ח"מ סקי"ב, ושו"ת הרד"ה חשש לשיטה זו, וכן בעמודי אור סי' צ"ה או' יב, ועי' המקנה שם), טייל זענען מתיר, (תוס', טור שם, תוס' הרא"ש, מאירי, כלבו ע"ה, רמב"ם, רדב"ז ח"ג תפ"א, יש"ש קדושין פ"ד דין כ"ב, לבוש, שיו"ב ט"ז סק"ז, קש"ע כלל קנ"ב סעי' ד, אורי וישעי סי' ח', דובב מישרים ח"א סי' ה, דבר הלכה בשם בעל חזו"א ועוד) [זעה ווייטער, די תנאים וואָס פעלט אויס צום היתר].

י) דער רבינו ירוחם שרייבט: אַז אַ ערליכער איידעלער איד אפילו אויב דער מאַן איז אין שטאָט דאַרף ער דאָך מחמיר זיין זיך צו דערווייטערן דערפון, (מובא בשיו"ב שם, ויוסף אומץ סי' צ"ז) נאָך פיל פוסקים האַלטען אַז עס איז ראַטזאַם פאַר אַ ירא"ש מחמיר צו זיין, (פני משה סק"י, עזר מקודש סק"א, בשו"ע עם מטעמים).

יא) טייל זענען מתיר אפילו אויב די יחוד איז נישט אין איר הויז [בבעלה בעיר] (החיד"א בשיו"ב, ויוסף אומץ צז.,) אַנדערע פוסקים זענען אָבער מחמיר און נישט מתיר נאָר ביי איר אין שטיב, (כסא אלי', נשמת כ"ח ח"ב סי' א, נתיבות לשבת סק"ד-ה', מאורי אור, נדרי זרוזין (למהרש"ק)).

יב) אַזוי אויך טאָמער זי ווייסט אַז דער מאַן גייט אַוועק אויף אַ לענגערע צייט, צ.ב.ש. צו די אַרבעט, חתונה, דאַווענען, אַרויס פון געגענט, א.ד.ג. העלפט נישט דער היתר, (כסא אליהו, סי׳ כב, עמודי אור סי׳ צ״ה או׳ יב, אפי זוטרא סקי״ח, תשו׳ הרד״ה, ובענין דעת המתירים עי׳ שיו״ב, ובהמקנה,) בפרט היינט וואָס עקזיסטירט אַ טעלעפאָן און זי קען וויסען אויף זיכער אַז דער מאַן איז יעצט ערגעץ ווייט, פאַלט אַוועק כמעט אַלע היתרים, (שנבנו על יסוד דלמא שב וניחם לחזור לביתו, מיהו טעם הרגש אימה בבעלה בעיר עדיין במקומה עומדת).

יג) און אויב דאָס העלפט פאַר יחוד מיט אַ גוי, איז אויך אַ קלער? (עי׳ תאוה לעינים קידושין של״ב, לחם סתרים ע״ז כה:, שער יוסף תשו׳ ג, נוה שלום, נשכ״ח ח״ב סי׳ א, רדב״ז, בינ״א מובא בפ״ת סק״ג,).

יג*) אַבער דער היתר אַז זיין פרוי איז מיט אים העלפט נאָר אויב זי איז מיט אים אין איין שטיב, (בית משה, לחם יהודה פ״ב דת״ת ה״ד, ובמאירי כ׳ אשתו עמו „בבית״ עזמ״ק ה׳, מהרש״ם ח״ד קמ״ח, ארץ צבי, וע״ע אמרי יושר ח״ב ט, דובב מישרים ה, ערוה״ש).

## אַנדערע יחוד־פרטים

יד) באַזונדער דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבן און פרעגן אַ שאלה ביי האָל׳ס (HALL’S) צ.ב.ש. אַ שטאָק ווי עס וואוינען בלויז צוויי משפחות און עס איז דאָ אַ שטיב (האָל) וואָס פון דאָרט גייט מען אין די צוויי דירות, און אויסער די צוויי משפחות ניצט קיינער נישט דעם שטיב (האָל), קען זיך טרעפן דאָס ביי איין דירה גייט שטענדיג דער מאַן אַוועק אַרבעטן, און ביי די צווייטע די פרוי, אָדער עהנליך, כ״ש אַ הויז וואָס באַשטייט אינגאַנצען פון צוויי איינוואוינער, און מען קען גיין פון איינעם צום צווייטען דאַרך די האָל אינעווייניג.

טו) דאָס זעלבע שאלה ביי אַ רומינ״ג הוי״ז (אַ גרויס הויז וואָס מען פאַרדינגט שטיבלעך), אָדער האָטעל.

## איין מאַן — מיט פרויען

טז) איין מאַן טאָר נישט זיין אינמיטען טאָג מיט ווייניגער ווי דריי פרויען, (קידושין פ״ב ברש״י, תוס׳ ר״י הזקן, סמ״ג לאוין קכ״ו, נשכ״ח בשם הר״ן, שו״ת הרשב״א תקפ״ז, שער יוסף א, להרחיד״א, מאירי, ר״ת רמ״ש בשמו בתוס׳ הרא״ש, נתיבות השלום נתיב ט, דברי מלכיא־ל ח״ד ק״ב, — מיהו הרבה פוסקים לא הכריעו להיתר רק הביאו האוסרים והמתירין, טור, רבינו ירוחם, לבוש חכ״א כלל קכ״ו דין ד׳, קש״ע קנ״ב עג, ערוה״ש) פינדעסטוועגן איז בעסער מען זאָל מחמיר זיין פאַר זיך (טהרת ישראל כב, טו) [דאָס מיינט אַז אַליינס זאָל מען נישט זיין קיין חילוק מיט וויפל פרויען].

יז) אבער ביינאַכט איז נישט גענוג דריי, (ב"ח, פנ"י קידושין פ:, תוס"ח ח"א ד"ה מבואר, מסגה"ש סי' קנ"ב ח,).

יח) אויב מען פאָרט אויף אַ וועג מיז זיין לכה"פ פיער פרויען (בית משה סק"ט, פנ"י שם,) [מיר האָבען שוין דערמאַנט אַז דאָס בעסטע איז מחמיר צו זיין, זעה או' ט"ז].

יט) מיט אַ פּראַסטען מענטש טאָר'ן נישט זיין אפילו מערערע פרויען, (המקנה, ונתיבות לשבת סק"ד, ארץ צבי סקי"ג, בית משה, שער יוסף תשו' א',).

כ) דאָס זעלבע מיט אַ גוי, טאָר'ן נישט זיין אפילו מערערע פרויען, (נשכ"ח ח"ב סי' א,).

כא) אַזוי אויך מיט דעם וואָס האַנדעלט מיט פרויען איז אסור יחוד אפילו מיט אַסאַך פרויען, (רש"י בקידושין, טור ורמ"א באה"ע שם).

כב) מערערע מענער און מערערע פרויען מעגן! וויפיל? איז אַ גרויסע מחלוקת, דאָס זעלבע פאַר די וואָס פאָרען אינטערוועגנס, (עי' שם).

כג) ביים שלאָפען אין איין דירה דאַרף מען אויך פאָרזיכטיג זיין און פרעגן אַ שאלה? (עיין שם).

כד) אין שטאָט בייטאָג מעג זיין איין פרוי מיט צוויי ערליכע מענער (הרא"ש, וטור ורמ"א, ואחרונים שם), אָבער מיט פּראָסטע, אפילו מיט צעהן, טאָר מען אויך נישט זיין, (שם), סתם מענטשען, זענען כשר (ר"ן קידושין, רמ"א וש"א).

כה) אינטערוועגנס מיז זיין כאָטש דריי פאָרלעסליכע מענער, דאָס זעלבע אין שטאָט ביינאַכט, (ראב"ד, טור בשם הרא"ש, רמ"א, ואחרונים).

## אַנדערע קרובים — ביי יחוד

כו) דוקא אַ אייגענע פרוי נוצט אַז איר מאַן זאָל זיין מיט יחוד, ווי אויבענדערמאַנט, אָבער אַ שוועסטער, מוטער, אָדער טאָכטער, כאָטש מיט זיי מעג מען זיין צוזאַם, טאָמער איז מען אַליינס מיט אַ פרעמדע העלפט נישט וואָס איינע פון זיי זענען אויך דאָרט, (בעזר מקודש הניחו בצ"ע, ובנתיבות לשבת סק"ד אוסר בפשיטות, וכ"ד זכור לאברהם מובא בפ"ת סק"ב, וכן החיד"א ביוסף אומץ סי' כו, החמיר, ועי' בית שלמה או"ח סוסי' מ"ח דבשעהד"ח המקיל לא הפסיד, ובס' דבר הלכה בשם ת"ח בשם חזו"א שהתיר, ע"ש).

כז) מיט די נאָנטע טאָר מען נישט זיין אַליינס, דאָרט ווי מען קען זיי נישט און מען ווייסט נישט אַז זיי זענען קרובים, (תוס' ירושלים, ויסודו מאדר"נ פ"ב ה"ב, וכעי"ז בברכות מג:, אמרי יושר ח"ב מ"ג,).

כח) מיט אַ שוועסטער מעג מען נאָר זיין צייטווייליג, (בש"ס שם מימרא דרב אסי, ואיפסיק כוותי' ברא"ש,) דאָס מיינט ער טאָר נישט וואוינען מיט איר

מער ווי איינס אָדער צוויי טעג, (צוף דבש סי׳ כ׳ כוותי׳ ברא״ש, אליבא דרא״ש) טייל זענען מתיר ביז 30 טעג, (אמרי יושר ח״ב, מ״ג,) טייל אסר׳ן גענצליך, (עוד יוסף חי — שופטים ג, צוף דבש, ועי׳ יפל״ל ח״ה,).

סליק הלכות יחוד
לכבוד מלך יחיד ומיוחד

## פרק ט

## וויכטיגע וואָרענונגען

**א)** אַ מענטש זאָל נישט דינגען **אַ ארבעטער, אָדער מלמד (ווי אמאָל) וואָס קיקט סתם אַזוי אויף פרויען, אָדער ער רעדט צו פרויען איבעריגע רייד** (ס״ח תת״ר).

**ב)** דער ווילנער גאון זצ״ל שרייבט **פאַר׳ן שטיב, אַלעס וואָס די דאַרפסט זאָלסטו קויפען דורך אַ שליח, אפילו עס איז צווי אָדער דריי מאָל אַזוי טייער, האָט דען השי״ת נישט צו געבן ?** (עלים לתרופה).

**ב*)** **דער וואָס באָדט זיך אָדער טובל׳ט זיך דאַרף זיין אויסטוהן און אָנטוהן גראָד נעבן וואַסער,** (פמ״ג או״ח ב, א״א סק״ד).

**ג)** דער רמב״ם שרייבט (ה׳ תשובה פ״ד ה״ד) **עס איז דאָ אַזעלכע עבירות וואָס דער וואָס טיט עס געוועגליך טיט נישט קיין תשובה, ווייל מענטשען האַלטען עס פאַר גרינג, איינס דערפון קיקען ווי מען טאָר נישט.**

## ניבול פה — מיאוסע רייד

**ד)** דורך די עבירה פון רעדן מיאוסע רייד **קימען אַסאַך צרות, אפילו דעם וואָס מען האָט אים פאַרחתמ׳ט זיינע זיבעציג יאָר צום גיטען, דרייט מען עס איבער צום שלעכטן, און מען מאַכט פאַר אים טיפער דעם גיהנם, און אפילו פאַר׳ן צוהערער בלויז אויב ער שווייגט און רעאַגירט גאָרנישט,** (שבת לג).

**ה)** קיין שום מיאוסע זאַכען טאָר מען נישט רעדן (ס׳ היראה, מסלת ישרים פי״א) **און אפילו אַ וואָרט וואָס ווערט באַניצט אויף כשר׳ע זאַכען אויך זאָל מען נישט דערמאָנען** (ליקוטי הלק״ט ר״י חאגיז קנ״ט, וע״ש חילוקם).

ו) דער חפץ חיים איז מאריך און ערקלערט אז ניבול פה רעדן מיאוסע זאכען איז א טירל וואס פירט אריין עובר צו זיין עבירות, מיר וועלן ציטירען זיינע טייערע רייד, פון נדחי ישראל (פ"כ), זאלסט וויסען אז עס איז דא נאך א סיבה וואס ברענגט דעם מענטש אז עבירות זאל זיין הפקר ביי אים, דאס איז דורך „ניבול פה" ווי עס איז באוויסט אז בושה ברענגט יראת ד' די מדה וואס איז איינגעפרעגט געווארען אין אידישען פאלק ביים בארג סיני.

און דערפאר ווען דער יצה"ר וויל מאכען דעם מענטש זינדיגען געוויינט ער אים קודם צום איסור ניבול פה כדי אוועקצושטויסען פון אים די מדה פון בושה, און דורכדעם האט ער שוין א לייכט פעלד אים צו מאכען דערנאך זינדיגען.

דער זינד פון רעדן מיאוסע רייד איז אליין פאר זיך אויך זעהר גרויס ווייל עס איז מטמא און טיט פאראומווערדיגען די נשמה, און די גמרא זאגט (שבת לב) אז דער שטראף איז דאס אויב ער איז שוין געווען אנגעשריבען צו 70 גיטע יאר, דרייט מען עס איבער צום שלעכטען, און דורך דעם זינד שטארבען יונגע מענטשען און גרויסע צרות, און שווערע גזירות באנייען זיך.

אויך איז באוויסט וואס די ספרים שרייבען אז דורך דעם זינד וואס ער איז מטמא דאס מויל, אלע זיינע הייליגע רייד וואס ער רעדט נאך דעם צ.ב.ש. קר"ש, שמונה עשרה, ברכות, ווערן נישט אנגענומען אין הימעל איסער אויב ער טיט תשובה.

ליידער ביי אסאך פאבריקען געפינט זיך דער עבירה, דערפאר א טאטע וואס וויל זיך דערבארעמעם אויף זיין זוהן און טאכטער, זאל ער זיך זייער דערוויטערן נישט איבערצוגעבן אהין ווייל דער שטייגער פון מענטש איז זיך אראפצולערנען פון די מענטשען וואס ער איז געוואוינט מיט זיי, און דאס ברענגט גרויסע שטרויכלונגען. (אזוי שרייבט דער חפץ חיים זצ"ל).

## פרק י ענף א

## חתן — שידוכים

א) דער מנהג פרוץ אז דער חתן קימט זיך ציזאם מיט די כלה פין די שידוכים ביז די חתונה איז ליידער שוין א אלטע פירצה, וואס די גדולים וקדושים אפאר הינדערט יאר צוריק האבען שוין פארפירט דערקעגן איבערווייזענדיג די הארבקייט דערפין אז דאס איז פין די הארבסטע עבירות פין די תורה, און לויטען רמב"ם מיט'ן שלחן ערוך, איז עס יהרג

ועל יעבור, (של"ה אר' ק, יערות דבש ח"א דף כה: ושנוי בכו"פ סי' קצ"ה בסופו, שו"ת מעיל צדקה סי' י"ט, באר הגולה יור"ד קצ"ב אר' ז', החיד"א בעבוה"ק צפורן שמיר סי' ו' פ"ד־פ"ז קש"ע קנ"ב י"ג, פלא יועץ — ערך כלה, נדחי ישראל — לחפץ חיים, מפרק כ־כה, עת לעשות ח"א שאלה ל"ז לר"ה קאלאמייער, ועוד).

דער ר"ר יהונתן זצ"ל רעדט זייער אסאך פין דעם אין זיינע דרשות און שרייט און וויינט פארוואס האט ער געדארפט געבוירען ווערען א צייט וואס עס הערשט אזא פירצה, אויספירענדיג אז דער וואס איז מפקפק אז קען זיין דאס עפ"י התורה איז עס נישט אזוי הארב דעריבער דארף מען זיך פירען ווי דער מנהג, דער איז א מין, רשע, אפיקורס, (שם). און מיר געפינען נאך אין מדרש, אז יעקב אבינו האט נישט גערעדט מיט רחל אמנו און נישט געקיקט אויף איר פונעם שליסען שידוך ביז'ן טאג פון חתונה, (מדרש תנחומא פ' ויצא) דאס מיינט זיבען יאר נאכאנאנד.

ב) און גלייכצייטיג געפינען מיר אויך אין די ראשונים אז דאס געהער צום אידישען צניעות אז די כלה זאל אויסמיידען פין זיך צו באווייזען פאר'ן חתן (רד"ק בראשית כ"ד עה"כ ותקח הצעיף ותתכס) פין די ווערטער לייענען מיר אפ אז אפילו בלויז זעהן איר טאר מען נישט ביז די חתונה (וע"ע בסמוך).

ג) טייל שרייבען אז דאס איז די מנהג פין די אשכנזים זיך נישט ציזעהן איינער דעם אנדערן, (שו"ת מהרשד"ם אה"ע סי' ל"א).

ד) אין די צייטען פין של"ה הק' האט מען געמאכט א תקנה, און מען האט געשטעלט אויפזעהר'ס אכטונג צו געבן אז מען זאל נישט גיין איינער צום אנדערן, און אזוי דארף מען איינפירען איבעראל ווי עס וואוינען אידען, (שד"ח מער' חו"כ סוף אר' י"ב).

ה) און היינט כאטש ב"ה ביי גאר חרדישע אידען איז נישטא די אלע זאכען, איז אבער לײדער ביי א טייל איינגעריסען צו רעדן צווישען זיך טעלעפאניש, הגם טייל חששות און איסורים וואס די אויבענדערמאנטע ספרים רעכענען אויס, פאלען אוועק אויב מען קומט זיך נישט ציזאם, אבער דער הארבער טייל בלייבט לײדער יא, ווי מען זעהט אין זייערע ווערטער.

אבער ב"ה אז לא אלמן ישראל און עס געפינען זיך נאך געניג היימישע הינדערט פראצענטיגע שטיבער ווי אלעס ווערט איינגעהאלטען, אהן א קנייטש אוועק פין מנהג אבותינו, ואשרי חלקם בזה ובבא.

ו) אין קעגענטייל איז דא א שטיקעל נאכלעסיגקייט ביי שידוכים וואס קלאמערן זיך אויף אהן אין די סארט פראבלעמען, דאס פארלאנגען מערערע מאל ציזאמענקימען פאר'ן שליסען שידוך, שומו שמים! ווי נעמט מען אויף זיך אן אחריות צו שלעפן דעם בחור אפאר מאל, און יעדעס מאל אויף שעה'ן, און דער גרעסטער וואונדער איז פין וואנעט זי נעמט די רעכט צו דעם ווייל עפ"י התורה זעהט אויס קלאר אז דאס גאנצע איז נאר

געמאַכט פאַר זיינעטוועגן, (עי' היטב קידושין מא, — אה"ע כא, ותבין), און דערווייל צייגט זיך אויס אַ פאַרקערט בילד, ער איז שוין פאַרטיג ביים ערשטן מאָל, און זי שלעפט און שלעפּט, און וויסען דאַרף מען חשובע אידען! אַז נישט די קינדער זענען שולדיג, ניין! ווייל זיי פאַרשטייען גאַרנישט, די עלטערן וואָס קלערן נישט אויף די קינדער אַז דאָס גאַנצע איז אַ בושה און אומבאַקוועם פאַר'ן בחור נאָר איינמאָל מיז מען, פאַרפאַלן און עס איז אַ גרויס אחריות צו שלעפּן אַפאָר מאָל, זיי זענען שולדיג.

ז) דעריבער זאָל יעדער דאָס אויפקלערן ביי זיך אינדערהיים און די קינדער וואָס זענען גרייט צו פאָלגען די עלטערן, דערצו ביי אַ זאַך וואָס איז קעגן די תורה וועלען אַודאי זיך נישט שטעלן דערויף און מסכים זיין צו אַלעם, און אַזוי אויך ליגט אַ פליכט אויף די עלטערן נישט צו לאָזען דעם בחור שמיעסן פאַר'ן שידוך, דער שיעור איז ווילאַנג ער דערקענט די צורה מער איז אסור אפילו באותה מעמד, (יפל"ל ח"ד או' י').

ח) און גלייכצייטיג זענען מיר מעורר אַז דאָס שמיסען נאָכ'ן וואָרט — תנאים, וואָס איז איינגעפירט ביי אַ טייל האָט נישט קיין היתר, און שמעקט מיט גרויס אחריות, ווייל מען איז מכשיל דעם בחור עובר צו זיין אַ איסור, (דאחר השידוך אסור, כמבו' בנתיבות לשבת אה"ע כ"א סק"ה, שלמת יוסף סי' ג') דעריבער איז דאָס בעסטע אָפּצילאָזען דערפון, און טאַקע אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין צו האָבען כשר'ע אידישע דורות מיט אַסאַך נחת.

ט) אָט האָט איך די שאַרפע רייד וואָס הגה"ק מרן בעל ישמח משה זצ"ל דריקט זיך אויס אויף די אַלע מכשולות (פ' תבא — ד"ה אי' והי', השלישי) פאָלגענד: איך האָב זיך אייביג געווינדערט פאַרוואָס מיר זענען נאָכנישט אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות רוב אידען זענען דאָך כשר?? נאָך פאָרשונגען בין איך געוואָר געוואָרען אַז אין די בחור'שע יאָרען טיט מען אָפּ בינטלעך עבירות ווילאַנג עס איז שוין גענוג פאַר אַ גאַנץ לעבן, און מען טיט נישט קיין תשובה דערויף און דאָס איז דער גאַנצער גורם, זעה נאָך וואָס דער יערות דבש שרייבט (ח"א דרוש ג') וועגן חתן און כלה, דעריבער דאַרף מען וואָרענען די בחורים און חתנים, ווי אויך דאָס גאַנצע פאָלק אַז זיי זאָלען תשובה טוהן אויף זייערע עבירות פון אַלס בחור, און מען זאָל וואָרענען וועגען ציזאַמען קימען פאַר די חתונה, וואָס עס איז אַ איסור גמור, (דאָס זענען זיינע ווערטער).

י) אין דער הייליגער רמב"ם זצ"ל דערמאָנט דאָס אויך אין זיין חיבור (ה' תשובה פ"ד ה"ד) אַז איינס פון די פינעף זאַכען וואָס געוועגליך טיט מען נישט קיין תשובה דערויף איז קיקען אויף עריות, און די סיבה איז ווייל רוב מענטשען האַלטען דאָס נישט פאַר קיין עבירה, קימט אויס אַז ער זינדיגט און ער מיינט אַז ער טיט גאַרנישט, ע"כ.

יא) דער מנורת המאור (נר ג' כלל ו' ח"א פ"א) שרייבט מען זאל זיך נישט זוימען צווישען דעם שידוך טוהן און די חופה, (ע"ש מילתא בטעמא, ומקורו מפסיקתא שדרשוהו מכ' תוחלת ממושכה מחלה לב). און דאס איז א וויכטיגע לערנונג פאר די אלע (אפילו מדקדקים) וואס פארשלעפן די צייט פין שידוך ביז די חתונה, דאס איז א גרויס אחריות פין די עלטערן (ע"ש ותבין).

יב) דער מחזה עינים (סוף הס') שרייבט: ווי שלעכט און ביטער איז וואס מען טיט זוימען די זמן פין די חתונה.

יג) אין ספר אלה המצות (מהר"ם חאגיז, מ' תקנ"ב) שטייט צום גיטען זאלען דערמאנט ווערן די לייט פין ארץ ישראל וואס היטען זייערע טעכטער אפילו דער חתן זאל זיי נישט זעהן.

יד) דער ישועות יעקב (אה"ע סי' נ"ב) שרייבט: עס איז ראוי צו מאכען א צוים איבער דעם שלעכטן מנהג אז דער חתן גייט צו די כלה, ווייל דאס איז זייער איינגעריסען.

טו) דער רחמי האב שרייבט: חלילה אז דער חתן זאל האבען דאס קלענסטע שייכות מיט די כלה פאר די חתונה, אזוי ווי די קלים, עס איז שוין בעסער פאר זיי צו גיין אויף ברענעדיגע קוילען.

טז) דער פלא יועץ שרייבט: דאס טאר נישט פארקימען ביי אידען אז די חתן און כלה זאלען זיך טרעפן, ווי גיט און פיין איז דער מנהג אין טערקיי אז דער חתן זעהט נישט די כלה פין די תנאים ביז די חופה וקידושין.

יז) דער שדי חמד שרייבט: אין נאמען פון פני יצחק עס איז נישטא קיין שום זכות און הצלה פאר די וואס האלטען דאס גרינג וואס איז אסור מן התורה.

יח) דער ס' בהיות הבוקר (להגה"ק מהרש"ב מקאשוי זצ"ל) שרייבט: מען דארף זיך אראפנעמען א מוסר אז חתן און כלה זאלען זיך נישט טרעפן פין די שידוכים ביז די חתונה, (ע"ש בהקדמה).

יט) וויכטיגע באמערקונג וועגן שידוכים: הגה"ק ר' הלל קאלאמייער זצ"ל שרייבט אזוי ווי דער צוועק פין מענטש'נס לעבן אויף דער וועלט איז צו טוהן אסאך מצות מען זאל באקימען אסאך שכר אויף יענע וועלט, וועגן דעם איז א פליכט אז א מענטש זאל זאגען ער זאל קענען דינען השי"ת אויך ווען עס קומט זיין אפשיידס צייט פון דער וועלט, דאס איז ווען מען איז זוכה איבערצולאזען ערליכע אידישע קינדער, און דאס צו דערגרייכען מיז מען טאן דערצו, דהיינו ווען עס קימט די זמן פין שידוך פאר זיך און די קינדער, זאל מען נישט ציהלען נאך רייכקייט, שיינקייט, און דאס גלייכען נאר ער זאל זיכען איינע וואס שטאמט פון ערליכע אידישע עלטערן, און וועלכע באזיצט יראת שמים און מדות טובות איבערהויפט צניעות און

בושה ווייל אזא יחוס דער יחוס פין זיך אליין איז דער גרעסטער און בעסטער יחוס, ווייל פון א זיסען ווארצעל קומען זעלטן ארויס ביטערע פירות, און דאס צדקות און צניעות פון דער ערליכער מוטער קען אסאך בייהעלפען אז די קינדער זאלען זיין יראי שמים, און נאך מער ווי זי האט ברידער וועלכע זענען ערליכע אידען, (עת לעשות ח״ב — שאלה מ״ד, וכ״ה בראשית חכמה).

כ) אין ערשטען חלק עת לעשות (שאלה מ״א) שרייבט הגה״ק ר״ה קאלאמייער זצ״ל אז מען זאל זוכען א שידוך זי זאל זיין צופרידען זיך נישט צירען מיט פאה נכרית (א שייטעל) דער צדיק זצ״ל שרייבט דארט באריכות וויאזוי דאס גאנצע שייטעל טראגען האט דער יצה״ר אריינגעברענגט כדי איהר ציברענגען דערנאך צו טראגען אייגענע האר (ע״ש).

## ענף ב

## חופה — חתונה — פראקטישע עצות

א) לויט ווי מיר האבען אויבען געשריבען האלטען אלע פוסקים אז קיקען צו די נשים איז פאר קיין פאל ערלויבט (אויסער די געציילטע, מוטער, טאכטער, כו׳), דעריבער דארף מען זייער געווארענט זיין ווען מען שטייט ביי די חופה און עס קימט אויס אז עס שטייען מענער נישט ווייט פין די פרויען אהנע מחיצה, אז מען טאר נישט אהין קיקען אפילו מען האט נישט קיין ברירה איז דאס נישט ערלויבט, ווי דער ספר חסידים שרייבט, (זעה אויספירליך ווייטער או׳ ד׳) און אזוי שרייבט אויך דער ערוך השלחן, (אה״ע ס״ה או׳ ד׳) אז אויב עס איז דא א תערובת ביים חתן אויך איז בעסער אינגאנצען נישט צו גיין, (וכ״נ בט״ז להמעיין היטב בדבריו). איידעלע בחורים יראי ד׳ גייען בכלל נישט צו קיין חופה, און כ״ש באדעקן.

דער ס׳ חסידים (סי׳ ט׳) שרייבט דער וואס זעהט נישט קיין פרויען בפרט ביי א חופה ווען זיי זענען באקליידעט מיט צירונג און ער קיקט נישט וועט ער זוכה זיין צו דעם פיל גיטס וואס איז אנגעגרייט לעולם הבא, ע״כ.

ב) עס איז העכסט אינטערסאנט אז ביים באדעקען איז איינגעפירט דאס מען גייט אריין ביז טיעף אינעווייניג צו די פרויען צו באדעקן אפילו חסידים, ואנשי מעשה, מדקדקים, יראי ד׳ וואס וואלטען פאר די וועלט נישט אריינגעטרעטען אין א פלאץ ווי עס איז דא תערובת (או״נ) און פינקט אין אזא הייליגען טאג, אין א פארכטיגע ערנסטע מאמענט מיז מען דאס טוהן??? דער יסוד נעמט זיך פין דעם וואס די מחותנים מיינען אז מען קען נישט אנדערש צוקימען מיז מען באין ברירה אזוי באדעקן.

דאָס איז אָבער אַ פאַרדריסליכער טעות, ווייל עס איז דאָ אַ גלאַטע עצה אָהנע איבריגע טירחא, אויב עס איז דאָ אַ שטיבל נעבן ווייבער זאַל וואָס מען קען עפענען פון צוויי זייטען הייסט מען די כלה מיט די מחותנות אַהין גיין צי די טיר, און די מחותנים גייען אַריין דאַרך די אַנדערע טיר, און פאַרטיג, די צווייטע אופן וואָס איז איבעראַל שייך אַז מען פאַרלאַנגט זיי זאָלען ציקימען צום טיר פון זאַל, און די מחותנים גייען ביז אַהין, און טייל מחותנים האָבען זיך אַזוי געפירט, און געוועזען העכסט צופרידען וואָס זיי האָבען זיך נישט געדאַרפט אינעם זמן השמחה צושטערן די פרייד מיט דעם דורכגאַנג, דאָס גאַנצע איז גאָר אַ קליינע שפיל מען שמיסט דאָס אָפ פאַרויס און בשעת מעשה שיקט מען אַריין אַ קינד איינמעלדן נאָכאַמאָל.

געדענקט די באַקאַנטע רש"י (ריש קדושים) ווי מען שטעלט צו נאָך אַ צוים צו די ענינים ברענגט מען אַריין נאָך קדושה, און דאָס זיכט דאָך יעדער ביי די חתונה ווייל ווי מער קדושה איז שטאַרקער די השראת השכינה הק׳, און דאָרט ווי די שכינה איז גיסט זיך ברכות און ישועות פאַר׳ן גאַנצען כלל, (ככתוב באור פני מלך חיים, עי׳ רמב"ן עה"כ וירא אליו ד׳).

ג) נאָך אַ מנהג וואָס חסידים ואנשי מעשה זאָגען אַז עס נעמט זיך פון אַ טעות, דער מנהג אַז דער חתן גייט אַריין אַנהייב סעודה צו די פרויען, ווי באַוויסט אין דער אַלטער היים פלעגט די חו"כ אַהיים גיין נאָך די חופה צו זיין פריוואַט וואוינונג (וזהו כמו היחוד בימינו עי׳ היטב ר"ן ריש כתובות, רמ"א סי׳ נ"ה, ב"ח סי׳ ס׳, ח"מ, ב"ש, סי׳ נ"ה, דגומ׳ יור"ד ה׳ אבילות וש"א), און דאָרט האָט מען זיך געוואַשען און אָפגעגעסן אַ סעודה ציזאַמען מיט די מאַמעס און באָבעס (און נאָך געציילטע גאָר נאָנטע), לויט דעם היינטיגען מצב איז דאָס פאַרענדערט געוואָרען און שטאָטס דעם ניצט מען דעם יחוד שטיב, (ועי׳ מ"ש בקונ׳ מיוחד דיני חופה הנזנחין, ביאור דיני חדר יחוד, ומשם תדרשנו), אָבער דעם מנהג פון עסען ציזאַמען מיט די עלטערן וויל מען נישט פאַרציכטען (ווי גלייך עס וואָלט געווען אַ חלק פון מצות חופה), און אַזוי ווי דער יחוד שטיב איז נישט צוגערישט און צוגעפאַסט צו דינען דעם צוועק שיקט מען דעם חתן צווישען די פרויען.

ליבע אידען! טראַכט אַריין ערנסט צו באַגייט מען דאָ נישט אַ עולה קעגן דעם חתן? וואָס נאָכדעם ווי ער פראָוועט אָפ מיט תשובה ותפלה צו פאַרעכטן דאָס פאַרגאַנגענהייט פון דעם טאָג וואָס ער איז אַראָפגעקימען אויף דעם עולם, און אַלעס ווערט אים פאַרגעבן ביי די חופה ער ווערט כקטן הנולד (ניי געבאָרען) כאַפט מען אים אַן און מען שיקט אים אַריין צווישען די פרויען, ווי מען גייט געקליידעט פאַרשידען, חוץ די געוואַלדיגע בושה שפירענדיג זיך ווי געפאַנגען צווישען פרעמדע עלעמענטן, ווי איז דאָס האַרץ צו פאַרשטערן די שמחה פאַר׳ן חתן דעם

גרעסטען טאָג פון לעבן אומזיסט? מיר מיזען צוגעבן אז ב"ה אכשור דרי (דאָס דור בעסערט זיך שטארק) אין דעם הינזיכט, דער סטאטיסטיק ווייזט אַז דער פראָצענט פון די וואָס רעפלעקטירען נאָך דעם פאַלט ב"ה פון יאָר צו יאָר, (הלואי כאָטש אַזוי ביי אַנדערע צניעות ענינים).

ד) ביי די מצוה טאַנץ וואָס לויט'ן מנהג היינט צו טאָג זיצען מענער און פרויען אין זעלבען זאל דארף מען זיך זייער היטען נישט צי קיקען ווי מען דאַרף נישט, ווייל דאמאָלטס איז דאָס אַ מצוה הבאה בעבירה, און עס איז שוין בעסער אינגאַנצען נישט צו טאַנצען, אַזוי ווי דער ספר חסידים שרייבט (שצ"ג) דאָס אויב מען קען נישט משמח זיין חתן און כלה נאָר דורך קיקען צו די אַנדערע זייט איז בעסער נישט משמח צו זיין.

און אַזוי ווי דאָס איז זייער שווער צו פארמיידען זיצענדיג פנים כנגד פנים זאָל מען זיך זעצען ווייט אָפגעריקן זייטיג וועגס, צ.ב.ש. די עזרת נשים איז מיט'ן פנים צו דרום, זאָלען די מענער זיצען מיט'ן פנים צו מזרח, אָדער מערב, (עי' ש"ס רפ"ב דכתובות דאסור להסתכל בפני הכלה), עס איז דאָ אַזעלכע וואָס פירען זיך אַז די כלה איז איבערגעשלייערט בשעת'ן מצוה טאַנץ וועגן צניעות.

ה) וועגן דעם אופן פון טאַנצען איז איינגעפירט ביים רוב המון אָנציכאַפּען אַ גאַרטעל, און כאָטש דאָס האָט אַ מקור (ב"ח בשם מהרש"ל. מובא בח"מ ובי"ש אה"ע סי' כ"א) פינסעדסטוועגן איז דאָ שטאַרקע יסודות אָנצינעמען די שיטת המחמירין וועלען מיר אָפּשרייבען אַ קורצען בירור בעזה"י וואָס לויט דעם וועט אויסקימען דאָס אויך להלכה איז גיט מחמיר צו זיין, טאָמער וועט איינער בלויז נתעורר ווערן איז שוין כדאי אַלעס, (ומד' אשאל שינחנו בדרך האמת ולא אכשל ח"ו בדבר הלכה).

ו) קודם וועלען מיר ברענגען די וואָס אסר'ן:

1) דער תורת חיים (ע"ז דף י"ז) שרייבט פאָלגענד: איך האַלט אַז מען טאָר נישט גיין אין אַ טענצל מיט אַ כלה די גאַנצע זיבען סעודה טעג (שבע ברכות-וואָך) אפילו ער כאַפּט נישט אָן איר האַנט ממש נאָר מיט אַ טיך אינמיטען אַזוי ווי אַטייל ת"ח פירען זיך היינט צו טאָג פינדעסטוועגן טוען זיי נישט גיט, ווייל יעדע סאָרט נאָנטקייט איז געאַסר'ט, און עס איז קיין שום אינטערשייד נישט אויב עס איז אַ כלה אָדער אַ צווייטער, און עס איז נישטאָ היינט ווער עס זאָל קענען זאָגען אַז די כלה איז אין זיינע אויגען ווי אַ פשוטער האָלצענע באַלקען, און דאָרט ווי עס ווערט געברענגט אין די גמרא די מצוה פון משמח זיין, שטייט „לפני הכלה" וואָס באַדייט פאַר די כלה, נישט מיט די כלה, ע"כ. האָט איר קלאָר איין שיטה אַז מען טאָר נישט.

2) דער גאון עולם רי"ש נאטאנזאן זצ"ל ברענגט נאָך דעם תורת חיים, וואָס ווייזט אַז ער האַלט אויך אַזוי, (שי' למורא נדפס בגליון ש"ע שם, אלא שיש

לתמוה שסיים דבת"ח כ׳ שע"ז נאמר יד ליד לא ינקה, והיינו שעונשו לגיהנם, ובס׳ תורת חיים כפי שהעתיק הפת"ש לשונו נ׳ דלא קאי אכלה ומיירי מחולות עם שאר נשים ע"ש וצ"ע, וגוף הספר אינו תח"י לעי׳ בו).

3) מרן הגה"ק מהרי"ש משינעווע זצ"ל **האָט געזאָגט אַז דאָס טאַנצען אָנכאַפּענדיג אַ טוך איז קלות׳דיגע מנהג וואָס די בדחנים האָבען איינגעפירט,** (דברי תורה ח"א ו, בשמו).

4) די מיינונג פין הגה"ק ממונקאטש זצ"ל: **איז ווי זיין רבי"ן אַז מען טאָר נישט, (שם).**

5) דער ערוך השלחן שרייבט: (סי׳ כ"א סק"ז) **טייל זאָגען אויב מען מיינט לשם שמים אַזוי ווי טאַנצען מיט די כלה מעג מען. אָבער דער וואָס וויל היטען זיין נשמה זאָל זיך דערווייטערן פון דעם, ווייל עס איז זייער ווייט מען זאָל נישט ציקימען צי אַ הרהור איז עס אַ מצוה דורך אַ עבירה,** (וכ"כ בסי׳ ס"ה, ג, בקיצור).

6) דער אפי זוטרא: (ס"ק י"ט) **ווינדערט זיך זייער אויפען ב"ח וואָס איז מתיר, וואָרום וויאַזוי קען יעדער וואָס גייט אַ מאַנטעל פין אַ ת"ח זאָגען אַז ער איז געניג שטאַרק צו באַזיגען דעם יצה"ר וועט אויסקימען אַז יעדער וועט זיין נאָכדעם אַ פוסק אויף זיך צו ער מעג אָדער נישט, דעריבער אפילו דאַרט ווי מען פירט זיך שוין אַזוי (מנהג) זאָל מען עס מבטל זיין, ע"כ.**

7) דער שדי חמד שרייבט: (מע׳ ק׳ כלל ז׳) **אַז מען טאָר נישט טאַנצען מיט די כלה דורך אַ טוך ווייל דאָס פלאַמט אויף דעם פייער פין יצה"ר רח"ל.**

8) לויט ווי דער שדי חמד **זאָגט עדות (שם) אַסר׳ט דאָס שוין דער ס׳ חסידים סי׳ תתר"ץ, ע"ש.**

ז) יעצט די פוסקים וואָס זענען מתיר:

דער ב"ח שרייבט (סי׳ כ"א ד"ה והמחבק) **פאָלגענד: דער מהרש"ל שרייבט צ.ב.ש. אַ כלה (צו טאַנצען מיט איר) וועגן כבוד פין איר טאַט׳ן מעג מען, אַ ת"ח דאַרף אָבער מחמיר זיין,** (ביז דאָ שרייבט דער מהרש"ל, יעצט פירט אויס דער ב"ח) **אין אונזער קעניגרייך זענען די חכמים מקיל צו טאַנצען מיט די כלה, אפילו די גדולים פין דור, דאַרט ווי מען פירט זיך אַזוי מעג מען זיך ווייטער אַזוי פירען, דאַרט ווי מען פירט זיך נישט אַזוי איז דאָ אַן איסור, ע"כ.**

**פין די ווערטער ענטפערן מיר קודם אַז דער רש"ל האַלט דאָס מען דאַרף מחמיר זיין, בלייבט איינגאַנצען דער ב"ח אַליינס וואָס זאָגט אַז עס ווענדט זיך אין מנהג, אויף דעם קענען מיר אָבער זאָגען אַפּאָר טעמים פאַרוואָס די הלכה קימט פאַרט אויס מחמיר צו זיין.**

1) ערשטענס זעהט אויס אַז דער ב"ח אַליינס האָט אויך געהאַלטען לחומרא, ווייל אויב נישט פאַרוואָס פסק'ט ער אויף זיכער אַז דאָרט ווי עס איז נישטאָ קיין מנהג איז דאָ אַ איסור, אלא מאי זעהט אויס אַז זיין פערזענליכס מיינונג איז געווען לאיסור, נאָר דאָרט ווי דער מנהג איז להיתר האָט ער נישט געקענט אסר'ן, אָבער אויף נייע פלעצער האַלט ער אַז מען טאָר עס נישט איינפירען, דעריבער ווער עס פירט זיך צו טאַנצען אָהנע טוך איז יוצא אַלע שיטות אָהן אויסנאַם, דער אָבער וואָס טאַנצט מיט אַ טוך פאַרלאָזט זיך בלויז אויף דעם מנהג וואָס דער ב"ח ברענגט און איז נישט יוצא לכל הדיעות. עס איז אָבער זייער שווער אריינצילערנען אַז דער ב"ח אַליינס האָט געהאַלטען דאָס מען מעג והא ראי' ער פירט אויס אַז דאָרט ווי עס איז נישט דער מנהג צו טאַנצען מיט אַ טוך אָנגעכאַפּט איז אויסשליסלעך אסור, פין דעם איז קענטיג אַז ער טיט זיך אויך אָנשליסען צום מיינונג פין מהרש"ל וואָס אַסר'ט נאָר קעגן אַ מנהג האָט ער נישט געוואָלט שטערן.

2) דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך. אַז אפילו לויטען ב"ח איז דאָס נאָר אַ היתר אויב עס גייט אַדאָרך אָהנע נדנוד הרהור עבירה ווייל אויב נישט איז דאָס נישט קיין „מצוה טאַנץ" און אויסערדעם וואָס מען איז עובר יעדע רגע אַ איסור תורה (כנ"ל) האָט מען גאָרנישט מקיים געווען די מצוה ווי עס שטייט אין ס"ח (הנ"ל שצ"ג) אַז ביי דעם אופן איז מען פטור פון משמח זיין חתן-וכלה, און ווער קען היינט צו טאָג זיין געזיכערט מיט זיך דעריבער אפילו לויטען ב"ח איז דאָס נישט קיין היתר נאָר פאַר אויסגעאַרבעטע אידען, זעה אויבען די ווערטער פין ערוה"ש.

3) דער שכל דיקטירט אַז אויך דער ב"ח וואָלט דאָס היינט נישט מתיר געווען ווייל פין ב"ח ביז היינט איז דער כח הקדושה צוריקגעפאַלען טויזענט גראַד אויף צוריק און דערפאַר וועט איר נישט געפינען צווישען די שפּעטערדיגע פוסקים ווער עס זאָל דאָס מתיר זיין להלכה, אַ צייכען האָט איר אַז ווי שפּעטער טוען די פוסקים אַלס שאַרפער רעאַגירען איבער דעם מנהג, אָט האָט איר זייערע ווערטער:

דער מהרש"ל שרייבט, עס איז ראוי מען זאָל מחמיר זיין.

דער תורת חיים וואָס איז געווען שפּעטער שרייבט שוין אַז מען טאָר נישט.

דער ערוך השלחן, נאָך שפּעטער שרייבט דער וואָס וויל היטען זיין נשמה זאָל זיך דערווייטערן פין דעם ווייל עס איז זייער ווייט ער זאָל נישט ציקימען צו אַ הרהור.

דער שדי חמד שרייבט: אַז דאָס טאַנצען פלאָמט אויף דעם פייער פין יצה"ר. זעהט מען קלאָר ווי די דורות זענען געפאַלען, דעריבער וואָס זאָלען מיר שוין היינט זאָגען.

ד) אפילו דער ב"ח איז נאָר מתיר דאָרט ווי דער מנהג איז, דעריבער דאַרף מען וויסען אויף זיכער אַז זיינע זיידעס האָבען זיך אַזוי געפירט ווייל אויב נישט איז דאָס לויטען ב"ח אַ איסור, און אַזוי ווי היינט צו טאָג וואָס

אַלע מינים זענען אויסגעמישט בפרט ביי אַ שידוך דעריבער קען אויסקימען אַז אפילו דער וואָס האָט נישט אַזאַ מנהג טיט אַזוי צוליב די אַנדערע, דערפאַר איז אויך ראַטזאַם מבטל צו זיין דעם מנהג, (עי' כעי"ז בתוס' פסחים דף יד. תוד"ה שתי פרות בשם ירושלמי).

5) אפילו מען זאָל אַננעמען אויף זיכער אַז לויטען ב"ח איז מותר בזה"ז האָבען מיר דאָך אַ כלל אַז הלכתא כרבים, און הלכתא כבתראי, און דאָ איז ביידע אינאיינעם, איז דאָך להלכה דאָ אַ איסור.

ח) הלכה למעשה קימט אויס אַז דער וואָס טאַנצט אָהנע טוך (אָדער גאַרטעל) טיט גיט לכל הדיעות משא"כ די וואָס נישט, גלייכצייטיג דאַרף מען האַלטען פאַר די אויגען די ווערטער פין חובה"ל, של"ה הק', ועוד, אַז ערליכע אידען דאַרפ'ן אַוועקלויפען פין 99 טויערן פין היתר כדי זיי זאָלען נישט אַנרירען ח"ו איין טויער פין איסור, און אַזוי אויך ברענגט דער ישי"מ (השיב משה סי' ז', ) אַז די וואָס דאַווענען נוסח ספרד (האריז"ל) האָבען זיך אינטערגענימען דאס אויבענדערמאנטע און ווי איז דאָס נאָך אַזוי שייך ווי דאָ, ביי דעם ענין, מיר מיינען ח"ו נישט צו פאַרדאַמען די אַלע אנשים חשובים וואָס פירען זיך צו טאַנצען מיט אַ גאַרטעל, מיר זיכען נאָר אַרויסציברענגען אַז היינט בעוה"ר איז דאָ אַ גרויס אָרט מחמיר צו זיין אין דעם.

ט) נאָך אַ געלעגענייט וואָס ברענגט תערובות דאָס אַרויסגיין פין די חתונה, אָדער פין ביהמ"ד וואָס ביי טייל איז איינגעפירט אַז די אידענע שטעלט זיך אַראָפ אָפוואַרטען דעם מאַן, דורכדעם שטעלן זיי זיך ביי דעם דורכגאַנג פין מענער, וואָס ברענגט תערובות, דעריבער אויב איינער וויל דוקא האָט ער אַלע ברירות אָפצישמיעסן אַ געוויסען פלאַץ אָפגעריקט אין די זייט ווי מען זאָל זיך טרעפען.

ט*) אויך ביי די ערליכע היימישע חופות איז מען נישט יוצא מדינא דגמרא ווילאַנג מען מאַכט כאָטש עפעס אַ אָפטיילונג אַז מענער מיט פרויען זאָלען נישט זיין אויסגעמישט, אַזוי ווי עס פאַסירט געווענליך בפרט ביי גרויסע חופות (עי' היטב קידושין פ"א בגמרא אביי דייר גילפי רבא דייר קנה, וברש"י שם, ותבין).

י') נאָך אַ שטאַרק אַנגעווייטיגטען פראָבלעם עקזיסטירט היינט וואָס ריפט זיך משפחה חתונות, עס געפינט זיך זייער אַסאַך חשובע איידעלע יונגעלייט, און סתם ערליכע בעלי בתים וואָס ביי זיי אין די משפחה זענען דאָ שוואַכערע עלעמענטן וואָס מאַכען געמישטע חתונות און צוליב נישט וועלען זיך צוקריגען מיט די משפחה אַרום וואָס וועלען ברוגז זיין אויף זיין ערליכקייט (פאַרפרומטקייט) לאָזט מען זיך איבערעדען פין די טענות היצר „גדול השלום", דעריבער ווילען מיר דאָ ציטירען די הייליגע רייד פין די

גאונים וקדושים, ווי זיי טיען דאס באווארענען, און שטארקען דעם גייסט פונעם ערליכען איד וואס זיכט דעם ריכטיגען וועג און זיך האלטען פעלזן־פעסט אומבויגזאם, אפילו די משפחה וועט זיך ציקריגען לכבוד דעם:

יא) דער ארחות צדיקים (שער השמחה) שרייבט, „אויך דארף מען זיך מייאש זיין פין די קרובים, (קאזינס) און ליבהאבער און זיך נישט באטייליגען מיט זיי ווען זיי גייען נישט אויפען גיטען וועג, און נישט חנפנען זיי, און צו דעם פעלט אויס גרויס בטחון, עכ״ל.

יב) דער מסלת ישרים שרייבט, מען זעהט אסאך מאל אפילו נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין אנערקענט דעם אמת׳דיגן ריכטיגען צוועק פין לעבן און די וויכטיגקייט פין בלויז דינען דעם באשעפער און געווארענט זיין אין זיינע מצות, וועט ער זיך נאכלאזען אדער עובר זיין טייל זאכען דערפין כדי אז די חברים זאלען נישט חוזק מאכען פין אים, אדער כדי ער זאל קענען זיין אינאיינעם מיט זיי, וויסען זאלסטו אויב א מענטש וועט דיר זאגען עס שטייט דאך אין די גמרא (כתובות יז) דאס א מענטש זאל זיין פאראייניגט מיט אנדערע מענטשען! זאלסטו אים ענטפערן דאס איז געזאגט געווארן ביי די וואס פירען זיך ווי מענטשען, אבער נישט ביי די וואס פירען זיך ווי בהמות. א מענטש האט נישט מער ווי זיך צו רייניגען און זיך אפהאלטען מיט זיינע פיס טריט פין די וועגן פון המון עם וואס זענען פארזינגען אין הבלים, און זיך צו קערן צו השי״ת וואוינונג ערטער (שולען — בית מדרש) און אויב איינער וועט לאכען פין אים זאל ער זיך נישט וויסענדיג מאכען, נאר אדרבה אפלאכען פין זיי, און טראכטען אז אויב אים וואלט אויסגעקימען צו פארדינען אסאך געלט וואלט ער עס דען ווען איבערגעלאזט צוליב דעם וואס אנדערע לאכען? כ״ש אז די נשמה זאל ער נישט וועלן פארלירען ווען געשפעט, ע״כ (ע״ש סוף פרק ה׳ — וינעם לך).

יג) און אזוי שרייבט אויך דער שבט מוסר (פי״א) אויב עס איז דא א ת״ח וואס די ליצנים פין דור זענען אים מבזה, זאל ער זיך נישט מאכען צו טוהן פין דעם פארשטעלנדיג פאר די אויגען אז דאס איז אלס נאר אויף דער וועלט, דערנאך וועט ער דערהויבען ווערען צו געוועלטיגען אויף 310 וועלט (סוף עוקצין) און צענדליגע טויזענט מלאכים שטייען גרייט אים צו באדינען, מיט׳ן קרוין פין תורה און מעשים טובים אויף זיין קאפ, און די שכינה רוהט אויף אים, און זיין פנים לייכט פין איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען, און די ליצנים וועלען פארשעמט ווערן ע״כ.

יד) נאך שטייט ווייטער, אויב די עמי הארץ זענען נישט געהעריג נוהג כבוד פאר ת״ח, נאר פארקערט דאמאלטס זאל דער ת״ח נישט חנפנ׳ן זיי צו געבן כבוד ווייל מיט דעם שטיצט ער די וואס טוען עבירות נאר ער זאל זיי באטראכטען ווי בהמות און פינקט ווי ער וואלט געווען אין א שטאט ארימ־

גענימען מיט פערד, וואָס דאָרט שעמט מען זיך נישט צו טוהן אַנדערש ווי דער פערד.

טו) אַוויכטיגע מוסר השכל: די מעשה ווערט געברענגט אין שו״ת באר משה (ח״א סי׳ ס״ב) און אַזוי ווי עס האָט שייכות אין ציזאַמענהאַנג מיט שידוכים, וואָס עס קען אויך זיין אַ נ״מ אויף פיל אַנדערע זאַכען דעריבער טוען מיר דאָס ציטירען, צו הגה״צ מהרמ״ש שליט״א מדעברעצין יע״א (מחבר ס׳ הנ״ל) איז געקימען אַ טאַטע און זיך פאַרקלאָגט אויף זיין זוהן דאָס עס גייט אים נישט קיין שידוך נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט אַ באָרד, (די משפחה אַרום און אַרום האָבען נישט קיין בערד), ע״כ פאַרלאַנגט דער פאָטער מען זאָל פועל׳ן ביים זוהן אַפּצישערען דעם באָרד און זאָל ער שוין אַמאָל אַ חתן ווערען. דער רב שליט״א האָט אים ווי פאַרשטענדליך נישט געהארכט ציגעבנדיג אַז ביי דעם פאַל דאַרף אַ זוהן נישט פאָלגען דעם טאַט׳ן (דערצו איז געווען אַ הויפּט סיבה ווייל די שדכנים האָבען לכתחילה געזיכט עהנליך צו יענע משפחה), דער פאָטער איז אַרויס אומצופרידען בפרט נאָכדעם ווי אַפאָר ראשי ישיבות האָבען צוגעשטימט אַז ער האָט רעכט, ביז אַ צייט שפּעטער השי״ת האָט געהאָלפען און דער דעברעצינער רב שליט״א האָט געהערט פין אַ אַנדערן רב אַז אין ראַדין איז פאַרגעקימען די זעלבע זאַך, און דער אבי הבן (בחור׳ס פאָטער) איז געקימען צום חפץ חיים זצ״ל און געבעטען ער זאָל פאַרלאַנגען פין זיין זוהן זיך אָפּצושערן דעם באָרד, צום גרויס פאַרווינדערונג פין פאָטער האָט אים דער חפץ חיים זצ״ל געענטפערט „דאָס אַזאַ איינע וואָס וויל דעם בחור אַבער נאָר אָהנע באָרד איז נישטאַ אין איר קיין סימן ברכה און ער דאַרף זיך גאָרנישט מצער זיין דערוועגן, השי״ת וועט אים צופירען בעסערס״ אַזוי ווי דער דעברעצינער רב שליט״א האָט דאָס פאַרציילט פאַר דעם איד, האָט ער זיך אָנגעריפען אַז מיט גרויס פרייד קען ער אויך דערציילען אַז מיט השי״ת הילף האָט ער אויך געטראָפען פאַר׳ן זוהן אַ שידוך לעילא ולעילא, ע״כ. פין דעם זעהט מען אַז מען טאָר זיך נישט דערשרעקן פין די זאַכען ווען עס באַרירט די יסודות פין קיום התורה והמצות, נאָר זיך האַלטען פעלזן פעסט, העלפט השי״ת, דאָס מורא פאַר די זאַכען זענען חסרון בטחון ואמונה בהשגחה פרטית, און ליידער קימען פאַר טאָג טעגליך אַזעלכע און עהנליכע זאַכען זאָל מען נישט פאַרלוירען ווערן, וועט מען דערנאָך זוכה זיין צו זעהן בחוש בישועה הקרובה.

## פרק יא

### פאַרשידענע וויכטיגע אַקטועלע דינים הלכה למעשה וועגן יחוד און קורבה אַרויסגענימען פין די פוסקים מפורסמים

אַזוי ווי אַסאַך טראַכטען ביי טייל פין די הלכות אַז דאָס איז נאָר קלייניקייטען, און עס איז נישט געפערליך.

גלייכצייטיג זענען דאָ וואָס טראַכטען אַז די אַלע ענינים זענען נאָר „מדת חסידות" פאַר געהויבענע מענטשען, און נאָר דער וואָס גייט מיט שטריימעל און ווייסע זאָקען א.ד.ג. איז מחויב זיי אויסצופאָלגען, דעריבער וועלן מיר ציטירען די הייליגע זיסע איידעלע רייד פין חפץ חיים זצ"ל [וואָס לפי דעתנו קען ער טיטולירט ווערן דער מורה הוראה פון כלל ישראל, ווייל ווי באַוויסט אַז כמעט אַלע מורה הוראות באַניצען זיך הויפטזעכליך מיט זיין פּאָפּולירען ס' משנה ברורה, און פסק'נט לויט זיין ספר, איינער מער, איינער ווייניגער, יעדער מיז אָנקימען דערצו, און פינקט וויאַזוי מען פאַרלאָזט זיך אויף זיינס אַ וואָרט ביי אורח חיים שאלות, אפילו לקולא (מתיר צו זיין) כ"ש אַז מען דאַרף אים פאָלגען לחומרא,] וואָס שרייבט פאָלגענד: אויף יעדע איינציגע עבירה וואָס מען איז עובר אפילו אויפ'ן גרינגסטען וועט מען דאַרפען אָפּגעבן דין וחשבון און געשטראָפט צו ווערן אויף יעדע איינס באַזונדער, און אַזוי שרייבט אויך דער רמב"ם זצ"ל, דאָס אויך ירבעם בן נבט ווערט געשטראָפט ווערן אפילו אויף עירוב תבשילין וואָס ער האָט נישט מקיים געווען, (בס' דבר בעתו). דאָס איז קעגן די ערשטע כת.

קעגן די וואָס שרייען „חסידות" ווילען מיר אויפקלערן דאָס מיר האָבען דירעקט אַכטונג געגעבן ביי יעדע פרט אַרויסציש(ר)ייבען פינקטליך פין ווי די רייד שטאַמט, אַזוי אַרום וועט יעדער זעהן אַז די אַלע זאַכען זענען גראַד פון שלחן ערוך, און אַנדערע פוסקים, וואָס האָבען געזאָגט זייערע ווערטער פאַר יעדן, און וואָס נישט האָבען זיי נישט געזשאַלעוועט אַרויסצישרייבען אַז דאָס איז בלויז אַ חומרא, אָדער חסידות, (כלשונם, ובעל נפש יחמיר, הירא דבר ד' ירחוק מכמו אלה, המחמיר תבא עליו ברכה, ויש מקום להחמיר, המחמיר יחמיר לעצמו, ואנשי מעשה נוהגין להחמיר, ונכון להחמיר אם לא לצורך, ועוד ועוד).

**א)** עס איז אַ איסור צי קיקען אויף בילדער פין נשים (עיין יעקב תענית ו, ס' מחזה עינים, טהרת ישראל שע"ט או' ל"ד, קדושים תהיו).

**ב)** מען טאָר נישט קיקען אין אַ שפּיגעל ווי מען זעט נשים, (נחלת בנימין כו, שער אברהם סימן מו, מערכי לב סי' ג, צפנת פענח סי' יג, באר משה ח"ג קנ"ד).

ג) א מאן טאר חס וחלילה נישט גיין צו א פרויען דאקטערין וואס פארעכט די ציין (א.ד.ג.) אדער אפילו צו א מענער דאקטער אויב א פרוי (נוירס — NURSE) רירט אויך אן דעם פאציענט, נישט קיין שום נפקא מינה אויב דאס איז א אידישע פרוי אדער א גויטע, א פנוי', אדער אשת איש, (באר משה ח"ד קי"ג).

ד) א פרוי טאר זיך נישט לאזען מאכען איר שייטעל ביי א מאן, (באר משה ח"ד קכ"א).

ה) עס איז א איסור גמור אפרוי (מיידעל) זאל זיך לאזען צו רעכטן דעם פנים נעגל (א מיידעל האר) ביי א מאן, דאס זעלבע פארקערט, (חוץ די מאדערנעזאציע דערפין).

ו) א מאן טאר זיך נישט אנשמעקן מיט פארפיומען (שם קי"ט).

ז) פינקט ווי ביי די מדה פין גאווה דארף מען זיך דערווייטערן ביז'ן צווייטען עק, אזוי אויך פין פרויען דארף מען זיך דערווייטערן די מערסטע וואס מעגליך, (אפי זוטרא סק"א, יפל"ל ח"ה או' א).

ח) א פרוי דארף זיך אויך זייער שטארק דערווייטערן פין מענער פינקט ווי א מאן פין פרויען, (יפל"ל שם).

ט) א מענטש דארף זיך אפהאלטען פין יעדע זאך וואס דער גוף איז נהנה, און פין אלעם וואס ברענגט צו הרהור, (כלבו סוסי' ס"ו, שיורי ברכה סי' כ"א).

י) דער רבינו יונה שרייבט אז דער וואס קיקט אויף פרויען הייסט א מומר לעבירה אחת, (שע"ת שער א' או' ו, ח, עבוה"ק, יוסף בסדר או' א, שיו"ב אה"ע כ"א).

יא) נישט נאר אויף קליידער פין נשים טאר מען נישט קיקען נאר גלייכצייטיג אויך אויף זייער צירונג, (חכ"א כלל קכ"ה סעי' ג').

יב) ווען מען גייט אויף דער גאס, ליגט א חיוב אראפציקיקען ווי ווייט מעגליך, (אגרות משה או"ח סי' מ').

יג) אויב מען האט בפירוש אינזינען נהנה צו זיין פין די רייד פין א אשה איז מען עובר א איסור (ח"א כלל ד' ס"ה).

יד) הערן זינגען פין א מאן און פרוי ציזאמען איז אויך אסור (באר יהודה על חרדים פ"ג מל"ת מד"ק).

טו) מען טאר נישט שלאפען נישט אויפען ריקען, נישט אויפען בויך, נאר אויף די זייט, (ברכות יג:, אה"ע כ"ג ג, רמב"ם ה' קר"ש פ"ב ה"ב, או"ח ס"ג סעי' א, וכ"כ להדיא במאירי נדה יד., חי' הרשב"ץ, מה פרק כל היד, אשכול ה' תפלת מנחה, קש"ע קנ"א ס"ב, סי' ע"א סעיף ה', סי' יעב"ץ אחר תפ"ע, ולבעל מסגה"ש (סי' ע"א) אישתמיטתי' דברי הראשונים הנ"ל דאסרו להדיא, ועל חנם תמה על היעב"ץ וקש"ע, ע"ש ותבין).

טז) אַ פרוי וואָס איז אין דער פרעמד, **אינטערוועגנס טאָר זי נישט טרינקען ווייַן, אָדער ברויפען, און אַלע אַנדערע געטראַנקען וואָס מאַכען שיכור**, (כתובות ס"ה, מ"א או"ח סי' ק"ע).

יז) עס איז אַ מצוה חתונה צי מאַכען **די זוהן ביי זיבעצן יאָר**, (משנה אבות פ"ה, רמב"ם פט"ו מה' אישות, ע"ש במגיד משנה ותבין, אה"ע א, ג, עי' ב"ש וח"מ, ובנידון שיעור של י"ג שנה למצוה מן המובחר, כמבואר ביבמות ס"ב, סנהדרין ע"ו, קידושין כט:, רמב"ם שם, וש"ע שם, עי' היטב בבר"י שם מובא בפת"ש, ובטעמי המצות לרדב"ז מובא במהר"ם שי"ק מצוה א', ובדפ"ק מצוה או וינעם לד), **און נאָכדעם ווי פריער** (ועי' מהר"ם שי"ק אה"ע סי' א').

**יז*) מאַכען אַ פאַרשטעלונג שפיעל, און פאַרשטעלן אַ יונגעל פאַר אַ מיידעל, אָדער פאַרקערט, כ"ש ערוואַקסענע האָט קיין שום היתר נישט**, (גם המתירים לא התירו רק בפורים, וגם שם רבו המחמירין, עי' באר הגולה, ובאה"ט סוף ה' מגילה), **און מאַכען אַ שפיעל פון מעשיות פון תנ"ך איז אַ איסור, און אַמאָל אַ סכנה**, (שו"ת מהרי"ץ דושינסקי סי' נ"ו).

יח) דער וואָס קיקט זיך נישט צופיל אים אין שטיב **אויף די קינדער און בני בית זיי צו וואָרענען, און זיי נאָכצישפּיאָנירען שטענדיג** צו וויסען **זיכער** אַז זיי זענען גאַנץ פין יעדן זינד **הייסט אַ חוטא (זינדיגער מענטש) אַזוי לערנען אונז די חז"ל** (סנהדרין ויבמות שם, רמב"ם ה' איסור ביאה פכ"א, אה"ע קע"ח, קש"ע קמ"ה).

## פרק יב

## עטליכע נייע הלכות, פין ס' דרך פקודיך

(להגה"ק מהרד"א מדינאב זצ"ל בע' בני יששכר)

[וואָס הגה"ק מרן רבינו מצאנז זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז זיינע חיבורים זענען געשריבען ברוח הקודש]

**א)** מען איז מחויב **דורכצילערנען די הלכות פין קורבה בעריות און אופטוהן נייע גדרים וסייגים**, (שם מל"ת ל"ה).

**ב)** מען דאַרף בעטן השי"ת **עס זאָל נישט צוקימען צו זיינע אויגען זאַכען וואָס מען טאָר נישט זעהן, (שם)**.

**ג)** מערסטע מענטשען מיינען **דאָס קיקען אויף פרויען איז בלויז אַ חסידות, וועגן דעם געבן זיי נישט אַכטונג, זאָלסטו וויסען אַז דאָס איז אַ רעכטע איסור מה"ת** (שם אר' ו).

**ד)** אַ ירא"ש זאָל געוואָרענט זיין ווען **ער רעדט צו אַ אשה צו קיקען אויף די זייט עס זאָל אויסזעהן ווי ער רעדט צו אַ צווייטען, און דאָס איז**

דער היתר פאַרוואָס מען גיט נישט אַזוי שטאַרק אַכטונג אָפּצוציילען יעדעס וואָרט בשעת מען רעדט צו אַ פרוי אפילו דאָס נויטיגסטע, כאָטש די חז״ל זאָגען אַז מען דאַרף, אָבער אומוויכטיגע זאַכען איז אַ איסור גמור צו רעדן, (שם).

ה) כאָטש די אחרונים זענען מקיל אַז נאָר אַ קול פין געזאַנג טאָר מען נישט הערן פינדעסטוועגן זענען אַסאַך ראשונים מחמיר נישט צו הערן פשוט רעדן, דעריבער זאָל מען זיך פאַרמיידען דערפון [אויסער ווען מען דאַרף] בפרט בשעת קר״ש, תורה, תפלה, און יעדער זאָל אויסלערנען אין שטיב מען זאָל רעדן שטיל נישט הויך, דאַמאָלטס וועט אים און זיי גיט זיין, (שם).

ו) אַ חידוש פלא שטייט ווייטער, פאָלגענד: כאָטש מען האָט מקיל געווען צו דאַווענען און לערנען קעגן האָר פין אַ מיידעל, פינדעסטוועגן דאַרף מען געוואָרענט זיין אויב מעגליך בשעת קר״ש, דאַווענען, לערנען תורה, (שם). און צימאַכען די אויגען, אָדער שטעלן עפּעס קעגן די אויגען איז גענוג (כנ״ל כי הפמ״ג סי׳ ע״ה מתיר אפילו שער האסורה מדינא, וע״ע בגר״ז, ח״א, שבילי דוד, פנמ״א, דע״ת א״א בטשאטש שמקילין בראיית האסורים עפ״י הדין או עכ״פ לדעת קצת פוסקים, דדי בעצימת עינים, וכ״ש בזה ודו״ק).

ז) סאַך מענטשען רעדן זיך איין אַז עס איז נאָר אַ חסידות נישט צו קיקען אָדער רעדן (אויסער ווען גאָר וויכטיג) צו נשים, ווי איז פאַר די מענטשען וואָס טוען זיך פאַראומגליקען, ווייל די אַלע זאַכען זענען עפ״י הדין אסור, (שם, וע״ע בקו׳ שלי המכונה שיח חסידות תמצא ביאור נכון ויפה על מקור מנהג העולם לקרות חסיד להמנהיג עצמו וביתו על יסודי ד׳ חלקי שלחן ערוך ולא יותר, ואקוה שבקרוב אי״ה להוציאו לאור).

ח) עס זענען פאַרהאַנען אַסאַך מענטשען וואָס זענען נישט געהעריג דערווייטערט, פין די אויבענדערמאָנטע זאַכען, טראַכטענדיג, אַז עס שאַדט זיי נישט, ווייל ביי זיי איז שוין דער יצה״ר בטל געוואָרען, פאַר זיי זאָג איך לאָמיר זאָגען זיי זענען גערעכט זיי האָבען שוין געהרג׳ט דעם יצה״ר וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי עובר צו זיין אויף די וואָרענונג פין די חז״ל, וועט דען אַ מענטש זאָגן אויף אַ גזירה וואָס די חכמים האָבן גוזר געווען מודא האָבענדיג מען זאָל נישט צוקימען צו אַ איסור, דאָס וויבאַלד ער ווייסט ביי זיך אַז ער וועט זיכער נישט עובר זיין דעם איסור דאַרף ער נישט היטען די גזירה, חס וחלילה אַזאַנס צו זאָגען!! נאָר וויבאַלד די חכמים האָבען דאָס געאַסר׳ט איז עס ביי אונז גלייך ווי חלב און עריות, (שם).

[און ציזאַמענהאַנג מיט די פסק הלכה פין הגה״ק מדינאב זצוק״ל, וועלען מיר ציטירען די רייד פין חינוך וואָס זענען געשריבען מיט׳ן זעלבן מאָטיוו, נאָר מיט אַ צווייטע ערקלערונג:]

ט) דער חינוך (מצוה קפ״ח) שרייבט: פין אלעם וואס די חז״ל האבען געאסר׳ט טאר מען זיך נישט אוועקרירען, און כאטש ער שפירט אז ער האט נישט קיין גרויס יצה״ר צו די זאכען זאל ער נישט זאגען וואס גייט מיך אן אויב איך וועל קיקען אויף פרויען איך ווייס ביי מיר זיכער אז דאס וועט נישט ערוועקן דעם יצה״ר! אסאך האבען שוין געזאגט אזוי און זענען געשטרויכעלט געווארען, און דאס וואס מען געפינט מעשיות אין גמרא וואס זעהט אויס ווי א סתירה צו די ווערטער, און מען געפינט אז אפילו זאכען וואס די חז״ל האבען געאסר׳ט ביי פרויען האבען טייל חכמים נישט חושש געווען דערויף, דאס איז ווייל זיי זענען געווען ווי מלאכים, וואס האבען קיין רגע נישט געטראכט עפעס אנדערש ווי תורה און מצות און די גאנצע וועלט האט געוויסט זייער הייליגע כוונה, און זיי האבען נישט געשפירט קיין שלעכט געפיל אין קיין שום זאך צוליב זייער אנגע־בינדענקייט אין תורה מיט מצות, אבער אונז היינט טאר׳ן נישט פורץ זיין אפילו דעם קלענסטן צוים ביי די זאכען, נאר אפציהיטען אלע דערווייטערונגען קלאר, ווי די חכמים האבען אונז געבאטען, ע״כ.

י) אומגעקערט מיר טרעפען אין רמב״ם (ה׳ איסורי ביאה פכ״א) אז חסידים הראשונים און גרויסע לייט האבען זיך אויפגעטוהן אז זיי האבען קיינמאל נישט געקיקט אפילו אויף די אייגענע אידענע, ע״ש. עכ״פ זעהן מיר אז טאקע די גרויסע לייט האבען נאך פיל מער מחמיר געווען, און ווער קען זיך צו זיי פארגלייכען.

יא) די וועלט איז שטארק מקיל אין איסור יחוד אפילו בעלי תורה און עס איז פאר זיי א שאנד אוועקצילויפען פין א שטיב וואס א פרוי איז דארט טראכטענדיג אז מען וועט זיי חושד זיין דאס זיי ווערן נתפעל פין א עבירה, דעריבער זענען זיי מקיל, וואלטען זיי קלוגער געווען, וואלטען זיי געוויסט אז יחוד אליין אהנע טוהן עפעס, איז א איסור גמור, (דפ״ק שם).

יב) יעדער דארף גיט קענען די הלכות פין יחוד און מחמיר זיין מער פין די הלכה, (שם).

יג) מען דארף שטענדיג מתפלל זיין צו השי״ת מען זאל ניצול ווערען פין שלעכטע זעהונגען און טראכטונגען (דפ״ק שם, עת לעשות ח״ב שאלה ל״ט).

## פרק יג

## געקליבענע הררכות — פין הייליגע ספרים

א) א מענטש טאר נישט זיין א לענגערע צייט אוועק פין דערהיים פון די משפחה (עת לעשות להגה״ק ר״ה קאלאמייער זצ״ל ח״ב שאלה מ׳, ובאמת ד״ז כבר נפתח מקדם כי הוא הדר״ג כדאי׳ בתשו׳ מהר״ם בסופו, ובכלבו, ובאה״ג יור״ד של״ז בסופו,

ועי' ש"ך עה"ת פ' שמות, וכ"נ בש"ס יבמות לז:,) און אַזוי שרייבט אויך הגה"ק מוהר"ר נחום מטשרנובל זצ"ל אַז מען זאָל נישט זיין אַוועק פין שטיב אַ שטיק צייט, (הנהגות ישרות הנדמ"ח בסו"ס מאור עינים, ע"ש).

ב) דאָס אַלעס איז געזאָגט אפילו אויב מען פאָרט פאַר פרנסה וועגן, ווייל דאָס פאָרען קען אים ברענגן מער שאָדען גייסטיש, ווי דער גאַנצער געלט פאַרדינסט, (עת לעשות, שם).

ג) עס ליגט אַ פליכט אויף אַ אידישע פרוי זי זאָל זיך דערווייטערן און נישט מאַכען קיין חברותא מיט אַזעלכע שלעכטע פרויען וואָס מען זעט ביי זיי אַרויס דאָס מינדעסטע פין זייערע האָר, (עת לעשות ח"ב, מא).

ד) מען דאַרף זיך דערווייטערן פין טרינקען זאַכען וואָס מאַכען שיכור, (שם מ"ב).

ה) מען זאָל נישט געוויינען די שכנים און גיט באַקאַנטע אַז זיי זאָלען מאַכען אָפטע באַזוכען ביי אים אין הויז, (שם).

## אויפפירונג אין שטיב

ה) אויב אַ אידענע מוסר'ט דעם מאַן אויף רוחניות'דיגע זאַכען איז ער מחויב מקבל צו זיין פין איר דאָס געהער צו מדת עניוות, און זי דאַרף וויסען אויב זי זעהט ביי אים אַ נישט פאַסיגע זאַך און זי זאָגט אים גאָרנישט ווערט זי געשטראָפט ווי עס שטיט אין די גמרא (ע"ז יח. ראשית חכמה שער הענוה).

ו) אויב די אידענע וויל אים אָפהאַלטען פין אַ מנהג און מדת חסידות זאָל ער נישט פאָלגען. און אַזוי אויך זאָל מען נישט מותר זיין אויף אידישקייט כדי צו הייסען אַ גיטער מאַן, אָדער אַ גיטער טאַטע, אָבער ביי אַנדערע שטיב זאַכען וואָס באַרירט נישט די יסודות פין תורה און אידישקייט טאָמער הארכט זי אים נישט, זאָל ער זיך נישט ויסענדיג מאַכען כ"ש קיין מחלוקת נישט מאַכען, נאָר אָהענגען אַז דאָס איז צוליב זיינע עבירות ווי די גמרא זאָגט, (יבמות ס"ג, זוה"ק ויקרא י"ט עב) אַז ווען דער מאַן זינדיגט געוועלטיגט די אידענע איבער אים, און אַזוי שטייט אין ס' חסד לאברהם (עין יעקב קמ"ח) אַ תלמיד חכם אַזוי ווי ער פירט זיך צום באַשעפער, אַזוי פירט זיך זיין אייגענע צו אים, (דעת הקדושה).

ז) עס איז אַ פליכט אויפען מאַן צו לערנען מיט'ן בני בית ספרי מוסר בפרט שבת און יו"ט ווען מען זיצט ביים טיש, דאַמאָלטס דאַרף ער זיי מדריך זיין צו צניעות, און אַנדערע מצות, און אַכטונג געבן שטאַרק זיי זאָלען ח"ו נישט פאַרכאַפט ווערן צו אומצניעות'דיגע קליידונג, (דעת הקדושה).

ח) אַ שטיב דאַרף זיך פירען לויטען מאַן נישט לויען פרוי, און וואויל דעם שטיב וואָס ווערט געפינט דורכ'ן מאַן ווייל יעדע שטיב וואָס פירט זיך לויט'ן מאַן איז פינקט ווי עס וואָלט זיך געפירט לויט מדת הרחמים, (חסל"א מען ד' נהר מ"ח).

ט) דער תנא דבי אליהו שרייבט (א"ר פ"ט, מובא ברמ"א אה"ע) אַ כשר'ע אידענע הייסט דער וועלכער טיט דעם ווילען פון מאַן.

י) אַ אידענע זאָל נישט גיין צום שכן נאָר אויב עס איז זייער וויכטיג, (דעת הקדושה).

יא) אַ פרוי דאַרף זיין שטאַרק בצניעות, און זיך אויסבאַהאַלטען פון יעדן מאַן אין דער וועלט ווי ווייט מעגליך, (של"ה שער האותיות — צניעות).

יב) די תורה וואָרענט אונז מיר זאָלן זיין ריין און אָפּגעשיידט פון המון (פּראָסטע מענטשען) וואָס פאַרשמירען זיך מיט איבריגס א.ד.ג. (רמב"ן ריש פ' קדושים).

## פרק יג ענף ב
## וויכטיגע עצות און סגולות

א) אויב עס איז צוגעקימען צו איינעם ח"ו אַז ער האָט געקיקט, אומווילענדיג, וואָס מען טאָר נישט, אָדער געדאַנקען וואָס מען טאָר נישט, זאָל ער באַלד מנדר זיין עפּעס פאַר צדקה, (אגרא דפירקא סי' ד"ק).

ב) אַ סגולה פטור צו ווערן פון אומאַנגענעמענע געדאַנקען ברענגט דער חיד"א אַ קבלה מען זאָל לערנען מסכת מכות, וואָס איז בגמ' „הרהורים" (דבש לפי מע' ה').

ב*) נאָך אַ סגולה, צו לערנען מסכת ידים, (ליקוטי מהר"ן).

[און הגה"ק משינעוו זצוק"ל האָט געזאָגט אַז לערנען מס' מגילה איז אַ סגולה צו יראת שמים, (דברי חנה, דברי יחזקאל החדש בסופו,].

[הגה"ק ר' שעפטיל דער זוהן פון של"ה הק' שרייבט אין די צוואה פאָלגענד: לערנען גמרא רש"י, תוס' איז אַ חיוב, פונקט ווי לייגען תפלין, לערנען מס' ברכות איז אַ גרויס ענין, מסכת שבת איז אַ שיין ענין, כתובות נעמט אריין גאַנץ ש"ס, חולין, ע"ז נדה איז אַ כלל גדול, (ברכ"י יור"ד רמ"ו),].

[לערנען מיט תפלין דר"ת איז מסוגל צו יראת שמים, [ר"ח שער היראה פט"ו].

[לערנען בהתמדה טור מיט ב"י איז מסוגל צו יראת שמים, [דברי יצחק בשם הגה"ק ר"ש מבעלז זצ"ל].

ג) אַ סגולה צו דאַווענען מיט קלאָרע געדאַנקען, צו דאַווענען פון אַ סידור (ס׳ בארות המים, ס׳ ימלט נפשו).

ד) אַ סגולה אויב מען האָט שלעכטע געדאַנגען צו קיקען אויף מזרח זייט, (רפואה וחיים).

ה) אַ גאַרטעל פון אַ צדיק איז מבטל שלעכטע געדאַנקען, (ליקוטי מהר״ן).

ו) דער העכסטע גרעסטע און בעסטע סגולה איז צו לערנען תורה מיט התמדה און טיעפקייט (רמב״ם ה׳ איסורי ביאה, ר״ח שער היראה פט״ו, נועם מגדים על התורה, ועוד ספה״ק).

## עצות זיך צו רייניגען די געדאַנגען — פין הייליגע מקורות

א) טראַכטען אַ תורה וואָס מען האָט מחדש געווען, (תהלים קי״ט, בלבי צפנתי וגו׳, עי׳ רש״י ב״ב טז. ד״ה ברא לו תורה סה״מ) אָדער אַנדערע דברי תורה וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק געלערנט (עי׳ מ״מ ותבין).

ב) עסען און טרינקען פאַרטרייבט די געדאַנגען, (ברכות י: רשב״א שם, סה״מ).

ג) מדת רחמנות צוברעכט די תאוות, (איוב כ, סה״מ).

ד) דער וואָס האָט הרהורי אמונה זאָל נישט טראָגען ביי זיך קיין שום גאָלד, (הושע ב׳, יומא פה. סה״מ).

ה) בטחון (פאַרזיכערונג אין באַשעפער) פאַרטרייבט די שלעכטע געדאַנגען, (סה״מ).

ו) קריצען מיט די ציין העלפט אויך, (שם).

ז) דורך ביקור חולים ווערט מען געראַטעוועט פון יצר הרע, (נדרים מ. סה״מ).

ח) אויב מען קיקט נישט איז נישטאָ קיין יצה״ר, (סוטה ט:, ס״ח בתחלתו, ר״ח שעה״ק, שם).

ט) אויב אַהנע טעם האָט מען נישט חתונה פאַר 20, מאַכט מען קאַליע די געדאַנגען אַ גאַנץ לעבן (קידושין כט:, ועי׳ שו״ת מהר״ם שי״ק אה״ע סי׳ א).

י) אויב איינער האָט שוין געטוהן אַן עבירה, און דערנאָך טראַכט ער נאָכאַמאָל צו טוהן ווערט ער געשטראָפט אויף די מחשבה אויך, (קידושין מ. רבינו יונה בשע״ת, סה״מ).

יא) אוועק צו שטויסען דעם יצה״ר זאָל מען זאָגען „יגער ד׳ בך השטן״ (קידושין פא. שם).

יב) אַ גאַרטעל איז אַ תיקון אויף מחשבות, (זבחים פח: סה״מ).

יג) דורך געבן מעשר ווערט מען פטור פון מחשבות, (סה״מ).

יד) ווען מען גייט אַרויס אויף די גאַס זאָל מען זאָגען דעם פסוק „הן אראלם צעקו חוצה" כו' וועט ער ניצול ווערן פון זעהן וואָס מען טאָר נישט, (סה"מ).

טו) נאָך אַ סגולה אַ שפּרינג אַוועק פון פלאַץ, (שם).

טז) אָפּצוהיטען אַ קינד פין אַ גיט אויג (בלס"ג) זאָל מען מאַכען אַ „ה'" פין זילבער אָדער אַנדערע מעטאַל און אויפהענגען אויפ'ן האַלז פין קינד, (חוסן ישועות סי' ל"ג, או' כ"א).

יז) אַ קינד וואָס כאַפּט נישט דאָס לערנען זאָל ער זאָגען די תפלה (יעדן טאָג) וואָס שטייט אין חכמת שלמה, (פון שלמה המלך ע"ה), דער נוסח איז אַזוי, „אנא ד' אלקי ואלקי אבותי קל רחום אשר בדברך עשית את כל המעשים, ואת האדם כוננת בתפלתך, למשול בכל נפש חי' אשר עשית, לשפוט תבל בצדק ולדון בישרת לב, תן לי חכמה היושבת לפני כסאך, כי בה יכונו ארחות יושבי תבל, וילמדו בני אדם לעשות הטוב בעיניך, ויהיו נושעים בחכמה", (שם סי' כ"ז או' ד').

## פרק יג

## התנהגות פאַר אידענעס — פין ראשית חכמה

א) פאַרוואָס האָט השי"ת געהייסען פאַר משרע"ה רעדן מיט די פרויען קודם (כמבואר בקרא כה תאמר לבית יעקב וגו' וכדאי' במדרש) ווייל זיי שיקען די קינדער אין חדר לערנען, און געבן אַכטונג זיי זאָלען לערנען, און טוען זיך דערבאַרעמען אויף זיי ווען זיי קימען צוריק פין חדר און היטען זיי אַז זיי זאָלען נישט מבטל פין לערנען, און לערנען זיי מורא צו האָבען פאַר אַ עבירה נאָך פין קינדוווייז, קימט אויס אַז די נשים צדקניות ברענגען די קינדער צו תורה און יראה, און דאָס זעלבע ווען די מענער קומען אַהיים פין די אַרבעט און זענען אָפּגעמוטשעט און מיז דערמאָנען זיי צו לערנען תורה און געבן צדקה, (ר"ח פ' דרך ארץ).

ב) די מוטער דאַרף נאָך איר דאַווענען בעטן פין השי"ת אויף אירע זוהן און טעכטער זיי זאָלען זיין יראי שמים, און עוסק זיין אין תורה ומצות, ווייל דער זכות פין אַ פרוי אויף יענע וועלט איז דאָס אירע קינדער זאָלען דינען השי"ת און טוהן זיין ווילען, און ווען זי איז שוין נישט אויף דעם עולם און אירע קינדער לערנען תורה און טוען מצות ווערט דאָס פאַרעכנט פאַר איר אַזוי ווי זי וואָלט געלעבט און געטוהן אַלע מצות, דורכדעם וועט זי זיין אויף די העכסטע מדריגות אויף יענע וועלט, (ר"ח שם).

ג) און ווען זי געט צדקה זאָל זי מתפלל זיין מיט ריינע הענט דאָס אירע קינדער זאָלען זיין יראי שמים, און באַגליקען אין תורה ומצות, און זי

זאָל אַרויסגיין פון שטיב נאָר אויב עס איז זייער וויכטיג, ווייל אַ פרוי וואָס גייט אַרויס אָפט זינדיגט און מאַכט זינדיגען אויך אַנדערע, (שם).

ד) אויב זי מיז אַרויסגיין פון שטיב זאָל זי נישט גיין אויף די גאַסען וואָס זענען באַלאַגערט מיט מענטשען נאָר אויף די געסלעך וואָס ווייניג מענטשען גייען דאָרט, (שם).

ה) זי טאָר נישט אַרויסגיין אָנגעשפריצט מיט פאַרשידענע ריחות, (שם).

## פרק טו

## געקליבענע הלכות, התעוררות, התחזקות

א) פינקט ווי ערליכע געזאַנג ברענגט דביקות צום באַשעפער, אַזוי אויך נישט ערליכע געזאַנג פון פרויען, רייסט אָפּ די נשמה פון בונד פון לעבן, (ראשית חכמה — שער אהבה, פ"י, וע"ע רוקח רי' ספרו, פיהמ"ש להרמב"ם אבות פ"א, ברכ"י או"ח תק"ס, וש"א).

ב) רבי מתיא בן חרש איז געזעסן אין ביהמ"ד און געלערנט תורה, און זיין פנים האָט געלויכטען ווי די מלאכי השרת ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געזען אַ פרוי, (מדרש אבכיר).

ג) דאָס וואָס עס שטייט מען זאָל איר זעהן פאַר די קידושין מיינט בלויז אַ קיק, (אהבת איתן פי' על עין יעקב ב"ב ט"ז).

ד) אַזוי ווי קיקען אויף הייליגע זאַכען הייליגט די אויגען, דאָס זעלבע אויב נישט דאַמאָלטס איז פאַרקערט, (קב הישר פ"ב, יסוד יוסף פ"ב).

ה) מען טאָר נישט קיקען אויף פרויען, אידישע און גוי'שע, און זייערע קליידער, און זייער בעט, א.ד.ג. (ר"ח שעה"ק בית אהרן — סדה"י להגה"ק ר"א מקרלין זצ"ל).

ו) אויך אין באָד (אָדער מקוה) זאָל מען אַכטונג געבן נישט צו קיקען אין ערגעץ, (ראשית חכמה, פ' צ"א, בית אהרן — שם, אורך אפים, טהרת הקודש) דערפאַר איז די עצה זיך אויסטוהן און אַנטוהן מיט'ן פנים צום וואַנט (אורך אפים), צווי זאַכען דאַרפען געטוהן ווערן זייער געשיקט, גיין אויפען גאַס, באָדען זיך, (בית אהרן, שם).

ז) זיך פאַרשטעלן דאָס בילד פון פאָטער ברענגט אַריין אַ כח קדושה און ראַטעוועט פון יצה"ר (דמ"א — בראשית).

ח) דער וואָס וויל הייליגען די געדאַנקען זאָל שטענדיג דערמאָנען די אבות הק' אברהם, יצחק, יעקב ע"ה.

ט) דער וואָס היט די אויגען וועלן זיינע קינדער לעבן, און וועט זיי אויפציען אָהנע צער, און דורכדעם ראַטעוועט ער זיי אָפּ פון טראַגעדיעס, (אמרי קדוש — סטרעליסק).

י) דאָס אויג איז רוחניות נישט ווי די גאַנצע גוף אַזוי ווי מען זעהט דאָס מען קען נישט לייגען די האַנט אָדער עפּעס אַנדערש אין אויג און דערפאַר אויב מען קיקט וואָס מען טאָר נישט ח״ו, ווירקט דאָס תיכף, דאָס זעלבע להבדיל ביי הייליגע זאַכען, און דערפאַר דאַרף מען שטענדיג אַכטונג געבן צו היטען די אויגען נישט צו קיקען אויף יעדע זאַך, כ״ש ווען מען גייט אויף די גאַסען וואָס עס געפינט זיך דאָרט, אַלע מינים שלעכטס, זאָל מען היטען די אויגען נישט צי קיקען ווי מען טאָר נישט, זאָל מען זיך טאַקע מאַכען אַ חשבון הנפש אויב מען פאַרדינט ביים האַנדלען אויף דער גאַס קעגן דעם שאָדען פין קיקען וואָס מען טאָר נישט.

ווייל אפילו מען זאָל פאַרדינען דאָס גאַנצע געלט פין די וועלט וועגט איין עבירה דאָס איבער, ווי עס שטייט אין שלחן ערוך (או״ח סו״ס תרנ״ו) אַז אויב מען צווינגט איינעם עובר צו זיין אַ עבירה איז ער מחויב אַהין צו געבן דאָס גאַנצע געלט, און נישט עובר זיין, (שער התפלה — שער ח׳).

יא) די צדיקים וואָס האָבען אויפען פנים דעם צלם אלקים, גיבען אַכטונג גענצליך אַוועקצודרייען דעם פנים פין דעם וואָס מען טאָר נישט זעהן און באַגעניגען זיך בלויז מיט פאַרמאַכטע אויגען, (אלשיך פ׳ נ״ח).

יב) דער וואָס היט די האַרץ און אויגען וועט נישט פאַרגעסן וואָס ער לערנט, (שערי הטהרה).

יג) דער ראשית חכמה שרייבט אַז אין היינטיגען דור דאַרף מען דערווייטערן די קינדער און אָפּהיטען זיי פין יעדע זאַך וואָס קען ברענגן אַ הרהור עבירה, (מקור מים חיים — בהקדמה).

יד) דער טאַטע דאַרף געוויינען דאָס קינד פון קליינערהייט צו שלאָפען דוקא אויף די זייט, און אָפּהיטען אים און וואָרענען פין רעדן וואָס מען טאָר נישט, (שם).

טו) מען דאַרף פיל מער געוואָרענט זיין וואָס מען רעדט אַרויס פין מויל, פאַר די קינדער, כ״ש וואָס מען טיט, (ר״ח פ׳ גידול בנים).

טז) עס איז נישט קיין צניעות זיך איינציבייגען שטייענדיג, צו נעמען עפּעס פין דער ערד, נאָר זיצענדיג.

יז) דער סמ״ק שרייבט אין די הקדמה: אַז די מצות וואָס גייט אָהן אויך ביי פרויען איז דאָס לערנען די הלכות ביי זיי פינקט ווי מענער לערנען.

יח) מען דאַרף אויסלערנען אַ טאָכטער פין קליינוואַז אַז צניעות איז צו זיין אין שטיב, (מגדל עוז בר״ש ב, ליעב״ץ).

יט) דער יעב״ץ שרייבט (סי׳ יעב״ץ שער הדלק) רוב מענטשען זענען זייערע אויגען געווענדט זיך צוציגלייכען צו די גוים גיין אין זייערע וועגן, און אויסלערנען זיך פין זייערע מעשים, אַנצוקליידען זיך מיט די אידענע, זוהן, טעכטער, פינקטליך ווי דער גוי, און ביי יעדע נייע מאָדע זענען זיי

מחמיר אויף זיך און מאכען עס נאך מער פינקטליך פון די וואס האבען עס ערפינדען, (ע"ש באורך).

כ) אויף די טעכטער דארפען מיר אכטונג געבן זייער שטארק, זיי צו געוואוינען נאך קליינערהייט אויף די וועגן פין צניעות, אבער נישט רעדן נארישקייטען אז זיי זענען נאך קליין, און מען דארף זיי נישט שווער מאכען אנציטאן אזוי ווי מען דארף, (מקו"ח בהקדמה).

כא) עס איז א פליכט מצד מדת צניעות נישט צו פארציילען פאר קיינעם וואס עס גייט פאר אין שטיב, (ראשית חכמה פ' דרך ארץ).

כב) מען טאר זיך נישט איבערטוהן די קליידער נאר אינטערן דאכענע (קאלדערע), (טוש"ע סי' ב, — רל"ט).

כג) אפילו זאקען דארף מען אויסטוהן אינטערן דעק (הגר"ז סי' ב', מ"ב, סי' יעב"ץ, ועוד).

כד) דער חזון איש זצ"ל האט געזאגט אז דער וואס טראגט ניילאן שטרימפ, אז פינקט ווי זי וואלט געגאנגען אהנע שטרימפ, להבחל"ח מרן אדמו"ר מסטמאר שליט"א פסק'ט אז עס איז נאך ערגער, (עי' חוק"י, וקו' מנחת יהודה מדור מדריך לצניעות).

כה) דער חזון איש זצ"ל האט געפסק'ט דאס סיי דער וואס נייט פריצות'דיגע קליידונג, און סיי דער וואס פארקויפט זיי ווערן אייניג באשטראפט מיט דעם וואס טראגט זיי, (חוק"י בשמו).

כו) די צירונגען זענען נישט געגעבן געווארען נאר כדי די אידענע זאל דאס אנטוהן אין שטיב, (מדרש תנחומא — וישלח, כה"ח ש"ג, פ"ח).

כז) [אינאיינוועגס איז וויכטיג דא מעורר צו זיין אז דער היתר פין אנטוהן צירונג שבת אין שטיב, בפרט ארויסגיין איז געבויט אויף פארשידענע לימודי זכות וואס די גרויס פוסקים האבען געזוכט צו פארענטפערן דעם מנהג פון המון, אבער א ירא"ש דארף מחמיר זיין], (הגר"ז, קש"ע, כה"ח, שם, וע"ע בנז"י בשם א"ר ושע"ש בענין התכשיטין שאסרו מטעם דלמא נפיל, וכן במ"ב וערוה"ש).

כח) א אידענע וואס גייט צניעות'דיג אויך אין שטיב, איז זי מכפר אויף אלע עבירות פין שטיב פינקט ווי א מזבח, (מד"ת פ' וישלח, שם).

כט) א אידענע וואס איז אין שטיב און דרייט זיך נישט אויף די גאס, נאר ביי זיך אין ווינקעל, וועט זי האבען קינדער וואס צייכענען זיך אויס אין אלע ווינקלען פין תורה, (תנא דבי אלי' פ' ח"י).

ל) אפילו די האלז דארף אויך זיין געהעריג צוגעדעקט, (יערות דבש דרוש י"ב, ועי' סי' יעב"ץ, ומחניך קדוש), ליידער אפילו מדקדקים געבן נישט געהעריג אכטונג אויף דעם, אז דער האלז זאל זיין צוגעדעקט, און די סיבה איז ווייל די פערטיג געקויפטע קליידער האבען דאס נישט און די גענייטע קליידער זענען צוגעשניטען לויטען פארעם און געשטעל וואס גוים האבען געמאכט און דארט געווענליך איז דאס אויך נישטא, וד"ל.

## פרק טז
## דיני פאה נכרית

# פאָרוואָרט

מיר געפינען פאר וויכטיג צו ציטירן אינעם אידישן היימישן שפראך די פילע צענדליגער פוסקים וואס דרוקן זיך אויס זייער שארף קעגן שייטלען טראגן, עס איז ליידער צום גרויס באדויערן וואס דאס צוים פון צניעות אין דעם געביט איז אזוי שטארק נאכגעלאזט, בפרט ביי די שטובער און משפחות וואס דורי דורות האבן זייערע באבעס און עלטער באבעס נישט געהאט די מינדעסטע השגה אנצוטאן א שייטל, נאר געגאנגען אן גארנישט מיט א שפיצל בלויז, און א גאר גרויס טייל פון די שטובער האבן גאר געהאט בצוואה נישט אנצוטאן קיין שייטל, און זייערע קינדס־קינדער האבן זיך גענצליך נאכגעלאזט דערפון.

א גאר גרויס וואנדער זענען די שטובער וואס די מענער זענען חסידים מדקדקים מהדרים במצות, וועלכע גייען אליין געקליידעט שטרענג חסידיש מיט אלע פיטשיווקעס, אבער די אידענע לאזן זיי אנטאן וואס זי וויל, וואס דאס אליין איז אויך א מכת מדינה און חוקת הגוי, אז קיינער מישט זיך נישט אין צווייטנס געשעפט, דער מאן מישט זיך נישט אין אירס, און זי נישט אין זיינעם.

אבער לא כאלה חלק יעקב די תורה פאר וועלכן אונזערע עלטער זיידעס האבן זיך געלאזט בראטן און שפיזן צוליב איר, נישט וועלנדיג אפנייגן א געדאנק פון אירע הייליגע וועגן, לערנט אונז אז א מאן טראגט די פולע אחריות פון שטוב אויפפירונג, און יעדע זאך וואס ווערט נישט געפירט דארט עפ״י תורה, ווערט ער געשטראפט אייניג מיטן בני בית כאטש ער פערזענליך פירט זיך ווי מען דארף (כל מי שיש בידו למחות באנשי ביתו כו׳ נתפס עליהם, שבת פ׳ במה בהמה בסופו), און פון צווייטן זייט, דער וואס גיט אכטונג אין שטוב אויפן צניעות, באקומט א אייניגן באלוינונג מיטן בני בית פאר אירע מעשים טובים.

מיר טרעפן אין די רייד פון די חז״ל נאך מער, אז דער מאן איז נישט יוצא בלויז מיט דעם וואס ער שטערט יעדע אנזעעדיגע פירצה וואס מאכט זיך אין שטוב, נאר ער איז גלייכצייטיג אויך באויפטראגט צו טראגן די אויפגאבע פון אומקוקן זיך און שטארק נאכקוקן די פרוי מיט די קינדער צו וויסן אויב זיי זענען ריין און גאנץ פון יעדן זינד און דער וואס טוט דאס נישט הייסט א חוטא (זינדיגער מענטש) [סנהדרין ע״ו, רמב״ם ה׳ א״ב פכ״א, אה״ע סי׳ א, קע״ח].

און די אידענע איז פון איר זייט אויך באפליכטעט מיט די זעלבע אויפגאבע, אויפצוציען אידישע דורות און אויסצוהיטן דעם מאן פון זינד דעריבער ווייטאגט דאס הארץ שטארק, פארוואס חשוב׳ע אידעלע יונגעלייט ת״ח וואס זייער ציל איז צו העכער און האבן השגה צו שטרעבן בלויז נאך עולם הבא, זאלן זיין בטל׳ניש און זיך ווייניג אומקוקן אין שטוב, אינדער־צייט וואס ער דארף זיין דער הויפט זייל פון פונדאמענט פון הויז, ווייל מיט שטילע איידעלע דברי תוכחה קען מען אלעס מיט דער צייט פועל׳ן, אבער מען מוז טאן דערצו, אן דעם גייט עס נישט.

און אזוי ווי איינס פון די הויפט סיבות (אורזאכן) פארוואס דער מאן דריקט נישט צו אין שטוב אז זי זאל נישט גיין אין שייטל איז צוליב אומ־וויסנדיג׳קייט פון איר הארבקייט, און דאס איז אונזער ציל יעצט, צו ווידמען דעם קומענדיגן פרק ארויסצוברענגען א פולשטענדיגע קלארקייט אינעם הינזיכט פון שייטלען טראגן, און גלייכצייטיג אלע ענליכעס.

מיר מוזן באטאנען אז דורכצופירן אין שטוב דאס נישט שייטלען טראגן איז נישט אלס אזוי לייכט אבער מייאש זיין זיך טאר מען נישט, נישט אלע אומשטענדן זענען אייניג, אמאל קען מען מיט סייעתא דשמיא איבערדרייען די שטוב פון א שייטל ביז גארנישט אויף איינמאל, און טיילמאל מוז דאס גיין צוביסלעך, קודם צו פארלאנגען מען זאל צודעקן דעם שייטל, נאכדעם צוביסלעך אלס קלענער און קלענער ביז עס בלייבט גארנישט.

נאך א זאך מוז באמערקט ווערן אז טיילמאל פאלן יונגעלייט צוריק צוליב ווייכהארציגקייט שפירנדיג דאס אנגעשטרענגטקייט פונ׳ם בני בית נאכצוקומען דעם פארלאנג, זאל זיך יעדער פאר זיך בארעכענען אז בעסער איז אין דעם פרט אויף דעם אופן צו זיין אן אכזר, ווי איידער צו פאלשע רחמנות, וואס צוליב דאס ביסל רחמנות דארף מען נאך הונדערט און צוואנציג יאר אפליידן אהנע שיעור און עק צרות יגון ואנחה, זאל זיך יעדער פארשטעלן ווי עס שטייען מלאכי חבלה און ווילן אים מיטן גאנצן שטוב פארצוקן און לאזן נישט אפ ווילאנג די אידענע נעמט נישט אראפ דעם

שייטל, ווער וועט אין אזא צייט שטיין מיט פארלייגטע הענט און טראכטן "רחמנות" און צו דען ווייל מען זעט דאס נישט מיט די פליישיגע אויגן טוישט דאס דעם לעבעדיגן פאקט?

צווייטנס, ווי זענען א גרויסע טייל פון די יונגעלייט ווען די אידענע איז אפגעמוטשעט אין שטוב, און טראכטן אפילו נישט צוצוהעלפן ווי איז דער רחמנות געפיל אהינגעקומען?

און ווי איז דער רחמנות אויף די בני בית? ווען דאס עסן איז נישט צוגעגרייט מיטן געהעריגן געשמאק, אדער אינגאנצן נאכנישט צוגעגרייט, און נישט רעכענענדיג זיך מיט איר שווערע פלאג פון א גאנצן טאג הויז ארבעט רעגט מען זיך פארוואס דאס עסן איז נאכנישט גרייט א.א.וו. פון דעם אלעם איז צו זען אז די אלע רחמנות'ן ווען עס האנדלט זיך ביי ענינים פון צניעות און אידישקייט זענען פארבלענדענישן פון יצה"ר.

אבער זעלבסטפארשטענדליך אז אויב מען פארלאנגט פון די בני בית א אידישקייט זאך פארלאנגט זיך דערצו עס זאל זיין אמת'דיג דברים היוצאים מן הלב, און זיינע מעשים זאלן דאס נישט סותר זיין, דאס מיינט אז אויב דער מאן פירט זיך נישט אויף ווי מען דארף מיט יר"ש און מדות טובות, איז פילפאכיג שווערער צו פועל'ן ביי איר עפעס, ווייל אויסער דעם וואס די חז"ל זאגן "כל מי שיש בו יר"ש דבריו נשמעים" אז נאר דער וואס פארמאגט יר"ש ווערן זיינע רייד אויסגעהערט, האט זי נישט קיין אינטערעס אים צו פאלגן, ערשטנס זי שפירט נישט אז ער זאל אזויפיל תענוג שעפן דערפון, צווייטנס טראכט זי אז ער איז א מחמיר אויף איר חשבון, וואס זי איז נישט גרייט דערצו, אבער ווען ער פירט זיך יא ווי מען דארף, דעמאלט לאזט זי זיך נאך מיט דערצייט און בייגט זיך אזוי ווי די חז"ל זאגן "זכה עזר לא זכה כנגדו" טוט א מענטש מצות ומעש"ט איז די בני בית א הילף פאר אים, אויב נישט דעמאלט פארקערט שטערט זי אים נאך.

באזונדערס צייכנט זיך אויס מיט גוי'שקייט די לאנגע שייטלען, פון דעם האט מען קיינמאל נישט געטראכט, און די געציילטע פוסקים וואס האבן געוואלט מתיר זיין שייטלען האבן דאס באשטימט נישט געמיינט, און נאכמער עס לאזט זיך ערנסט א טיפן קלער געבן, דאס ווען זיי זאלן וויסן וואס פאר א שייטלען עס וועלן נאך געמאכט ווערן פונקט ווי האר וואס אפילו ווען א מיידל גייט אזוי מיט די האר איז דאס א שרעקליכע פריצות עד אין לשער, אבי אויסצוקוקן להבדיל ווי דער נידערטרעכטיגער גוי, כ"ש א פרוי זאל האבן עזות אין זיך צוטראגן אזא חצופי'שן שייטל.

און צוליב דעם אליין אהן אנדערע טעמים איז אויך כדאי און עס פארלאנגט זיך אז אפילו די וואס גייען אין סתם שייטלען און ווילן זיך פארלאזן אויף געצווינגענע היתרים (כאטש די באבעס האבן זיך אנדערש געפירט, און אונזערע רבנים האבן אנדערש געפסק׳נט) פונדעסטוועגן דאך, אזוי ווי מען זעט שוין ליידער עפנטליך צו וואס דאס פירט, אנצוטאן אלע מיני פריצות׳דיגע שייטלען, איז כדאי מען זאל עס אויסטאן, ווייל אויב נישט די טעכטער (שנירן) וואס קליידען זיך אין מערסטע שטובער אזוי ווי די עלטערן, וועלן שטענדיג וויסן און געדענקען לדורות אז ביי זייערע עלטערן גייט מען מיט שייטלען, (כידוע שתולין דברים רמים במנהג בעלמא) און אויף דעם וועלן זיי זיך פארלאזן ווייטער אזוי צו טאן, אהנע קלערן און דענקען צופיל אז נישט מיט אזעלכע מאדערנע שייטלען זענען זייערע עלטערן געגאנגען.

יעצט וועלן מיר צוקומען און געבן די וועלטס מיינונג און געשפרעך וואס מען קען הערן פון צייט צו צייט, פון דא און דארט.

טייל זאגן אז דער עיקר איז, אז די אויפפירונג און די מצות זאלן זיין קודם אויסגעאיידלט אויב נישט איז גארנישט ווערט דאס נישט גיין מיט א שייטל, פיל תירוצים זענען דא אויף דעם.

1) די חז״ל זאגן לא עבירה מכבה מצוה, דאס באדייט אז די שלעכטע מעשים פונ׳ם מענטש טוען נישט אוועקנעמען די מצות וואס מען טוט, דעריבער האט קיין שום זין נישט די אויבן דערמאנטע רייד ווייל אויפן צניעות׳דיגן קלייד וועט מען יעדנס־פאל באלוינט ווערן נישט רעכענענדיג זיך מיט אנדערע זייטיגע חשבונות, ווי די ספרים הק׳ שרייבן אויספירליך אז נאכדעם וואס מען קומט אפ אלע שטראף פאר די עבירות באקומט מען שכר פאר די מצות, קומט אויס אז אויב מען טוט נאך תשובה אויפ׳ן פארגאנ־גענהייט און מען פארעכט אלע פעלערס, וועט מען אבער שאדן האבן די אלע יארן וואס מען איז נישט געגאנגען צניעות געקליידעט, ווייל תשובה (פשוטה) טוט נאר אפמעקן די עבירות נישט מער, אבער גיט נישט צו קיין מצות, (לבד תשובה מאהבה שמעטין זוכין לה).

צווייטנס, איז שוין אמאל בייגעפאלן פאר די זעלבע אידענע אויך צו דענקען אדער זאגן אז אויב מען האט נישט איידעלע מצות טאר מען נישט צינדן ליכט, אדער חלה נעמען, אדער זאגן א ברכה אויף עסנווארג? ניין! פארוואס? ווייל דאס קוקט מען אן ווי לעכערליך, דאס צוליב דעם וואס וועגן פארשידענע טעמים איז מען נאכלעסיג אין פארשידענע מצות זאל מען

נישט טאן קיין שום מצוה, און די זעלבע זאך איז דא ביי צניעות, דאס איז א מצוה פון די תורה פונקט ווי יעדע מצוה (עי׳ בה״ל ב׳, בשם סמ״ק) און געגעבן געווארן אייניג פאר אלע קלאסן פון פאלק מענער, פרויען, יונגע, אלטע, און וואס עפעס מוז די מצוה מער ליידן פון אנדערע מצות, צי דען ווייל דאס איז אויסער די עצם מצוה פון די הויפט זיילן פון יעדן אידישן שטוב? אדער ווייל די שכינה רוהט נישט אין שטוב נאר אויב עס איז דא פולשטענדיג צניעות? אדער ווייל דאס נישט צניעות׳דיגקייט ברענגט ארעמקייט מיט צרות פון פיצלעך קינדער (חפץ חיים באגרת) און אנדערע הארצרייסענדע טראגעדיעס?

און פארוואס איז נאך קיינעם נישט בייגעפאלן אז עס פאסט נישט מיט א מויל פול מיט לשה״ר, רכילות, שרים און אנדערע דברים בטלים, זיך צו שטעלן דאווענען! וואס דאס איז שוין מער פארשטענדליך.

און גלייכצייטיג איז דאס אויך א תירוץ קעגן די אלע וואס בארוהיגן זיך אז די בני בית איז א געוואלדיגע צדיקת בפנימיות (אינערליך) און דעריבער קימערט אים נישט אויב זי גייט מיט א שייטל אדער נישט, פארקערט, מען דרוקט זיך אויס, הלואי זאלן די וואס גייען אהן שייטלען זיין אזוי ווי זי!! אמת הדבר אז דאס איז וויכטיג און יעדער איז געצווינגען צו טאן אלע מצות פון באשעפער, אבער גלייכצייטיג לערנען אונז די חז״ל אז אפילו דער וואס גלייבט אין אלע מצות פון די תורה אויסער א קליינע מצוה, הייסט ער א כופר, און דער וואס האלט אלע מצות אויסער איין קליינע עבירה הייסט א מומר און מען האט נישט קיין חלק אין עולם הבא, דאס איז טייטש, אז דער וואס האלט מיט גרעסטן פונקטליכקייט אלע מצות, און איז אויסגעהיט פון אלע עבירות, און טוט נאר איבערטרעטן בקיבועות (שטענדיג) בלויז אויף איין מצוה, האט נישט קיין חלק לעוה״ב (רמב״ם ה׳ תשובה פ״ג ע״ש), קומט אויס אז אדרבה טאקע די פרוי וואס איז א צדקנית מיט אנדערע זאכן ווען זי זאל זיין אויסגעצייכנט מיט די מצוה פון צניעות אויך, שטייט זי דאך אין א גאר הויכע מדרגה וואס לאזט זיך גארנישט שילדערן מיט ווערטער בלויז, און צו איר איז קיין גלייכן נישטא, און אזוי דארף א אידישע טאכטער אויסזעהן. נאר א קליינעם ביישפיל, די חז״ל זאגן אז דער וואס גיט (אדער נעמט) עפעס איבער אין די האנט פון א פרוי און שפירט א הנאה דערביי אפילו ער איז אזוי גרויס ווי משה רבינו ע״ה וועט ער נישט פטור זיין פון גיהנם, און פארקערט אויף דעם זאגן טאקע די חז״ל אין מצוה מכבה עבירה, דאס מיינט אז מען קען זיך נישט ריינוואשן

פון אן עבירה צוליב דעם וואס מען טוט א מצוה, יעדעס איז א באזונדערע חשבון.

און כדי צו געדענקען דעם כלל און פונדאמענט פון די זאכן, ווען מיר ציטירן די ווערטער פונ'ם רמב"ם (ה' נשיאת כפים פט"ו ו') וואס שרייבט פאלגענד: א כהן כאטש ער איז נישט קיין חכם (מיינט מען, געלערנט) און נישט קיין אפגעהיטענער צו טאן מצות, אדער מענטשן בארעדן אים, אדער ער האנדלט נישט געשעפטליך מיט גערעכטיגקייט מעג ער דוכענען (ביים דאווענען) און מען טאר אים נישט צוריקהאלטן ווייל דאס איז א מצוה פון די תורה פאר יעדן כהן, און מען טאר נישט זאגן פאר א רשע טו נאך שלעכטס און האלט נישט קיין מצות. ע"כ.

עס איז ליידער צום באדויערן דאס עס געפינען זיך שטובער ווי די אידענע וואלט באשטאנען אויסצוטאן דעם שייטל נאר זיי טוען דאס נישט ווייל דער מאן האט דאס נישט פארלאנגט, אדער ווייל ער האט אויס־שליסלעך פארלאנגט דאס פארקערטע. עס איז צו שטוינען אויף אזעלכע סארט ערשיינונגען מען האט א גאלדענע געלעגנהייט מקיים צו זיין אזא געוואלדיגע מצוה וואס ברענגט שפע און גליק אין שטוב, און אויך אויף די קומענדיגע דורות, און מען פארציכטעט דערויף.

דאס זעלבע איז אויך א וואונדער אויף די וואס טראכטן אז עס איז צייט אויסצוטאן דעם שייטל אויף דער עלטער, הגם דאס איז אויך א געוואלדיגע זאך אבער אין הימל ווערט דאס זיכער פאררעכנט ווי מען וואלט געגאנגען אזוי א גאנץ לעבן, (דארט ווי דאס איז אזוי פלאנירט פון פאראויס), שטעלט זיך פאר ווען איינער זאל טראכטן אז עס איז צייט אנצוהייבן עסן מצה, אדער אין א סוכה, אדער לייגן תפלין ביי די 65 יאר ווי אזוי וואלט מען דאס אנגעקוקט.

ע"כ זאל זיך יעדער אומקוקן ביי זיך אין שטוב און אויף ווי ווייט זיין השפעה גייט און טאן ווי ווייט מעגליך דעמאלט וועט ער געבענטשט ווערן מיט שפע ברכה והצלחה און ערליכע הייליגע דורות, מיט אומגעהויער, אומבאשרייבליך געוואלדיגע שכר אויך אויף יענע וועלט.

מיר וועלן ציטירן צום אויספיר עטליכע אויסצוגן פון קונטרס הצוואה להגה"ק מהר"א ראטה זצוק"ל בעהמח"ס שומרי אמונים, וטהרת הקודש, מייסד פון תולדות אהרן. וואס ער שרייבט וועגן דעם ענין: וז"ל די פריערדיגע ספרים האבן נישט געברויכט אזוי מאריך צו זיין אין די זאכן ווייל עס האט נישט זייער געפעלט, צוליב דעם וואס אידישע קינדער זענען

שטענדיג געווען געקרוינט אין בושה, צניעות, וקדושה, נאר איצט אין די לעצטע צייטן האט זיך באנייט בעוה״ר א ניי דור וואס האָט אויפגעברענגט דאס פונסטערניש כו׳ מיט הפקירות ופריצות בעוה״ר, וואס האבן צוריק באנייט דאס דור המבול כו׳ און זייט די פריצות האבן זיך געשטארקט אויף די וועלט האבן זיי אראפגעברענגט כל מיני צרות, גזרות, שמדות בעוה״ר וכו׳.

טייערע אידישע קינדערלעך וועגן דעם וואס איר שעמט אייך פאר אפאר נארישע ווייבער, לייגט איר אייך אריין אין אזעלכע גרויסע סכנות ח״ו, נשים רחמניות בישלו ילדיהן, דאס רחמנות׳דיגע מאמעס וואס האבן רחמנות מצער זיין די קינדער עס איז הייס! מען קען היינט נישט ווי פארצייטנס! דאס קינד איז שוואך! די זעלבע מאמעס קאכן אפ זייערע קינדער.

איר זאלט וויסן דאס איר אליין וועט מוזן נעמען קאנען מיט פייער און אייערע קינדער פארברענען אויף יענע וועלט, ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליגע ספרים דאס די מאמע וועט דעם אייגענעם דין ומשפט אפגעבן וואס די טאכטער כו׳.

ע״כ טייערע קינדערלעך בעט איך אייך דאס איר זאלט נישט קיין חלק נעמען ח״ו אין דעם פינסטערן ביטערן דור החדש, דען זייט אידישע טעכטער האבן אנגעהויבן מקיל זיין אין צניעות איז דער דור אראפּ אין שאול תחתית רח״ל, און אנגעהויבן ארויס שפראצן די נשמות פון ערב רב עזי פנים שבדור וואס מאכן חרוב די גאנצע וועלט, און דאס איז אלעס אין דעם עון (זינד) פון די אידישע טעכטער וואס פירן זיך נישט בצניעות, וואס שעמט איר אייך פאר אזעלכע וואס זענען גערעכנט ממש פאר בהמות, אזוי ווי א בהמה שעמט זיך נישט האבן זיי אויך נישט קיין שום בושה.

צום ערשט דארף אן אשה געווארנט זיין בתכלית הזהירות (דאס ערשטע וואס קען זיין) דאס זי זאל נישט גיין ח״ו אין האר, אפילו איין האר ח״ו, דען פאַר עטלעכע הונדערט יאר צוריק האבן אונזערע הייליגע גאונים צדיקים מנהיגי הדור געמאכט אַ גדר חזק (שטארקן צוים) בכל מדינות אשכנזים דאס אַן אשה זאל גאר קיין האר טראגן ח״ו און זאל זיך אפשערן אינגאנצן די האר כו׳ שפעטער שוין נאהנט צו דעם פינסטערן ארעמען דור האט מען אנגעהויבן פורץ גדר זיין און האר טראגן, און שייטלען טראגן, און ביי-האר, און פון דאמאלט אָן איז דאס דור אויך אראפגעגאנגען בתכלית הירידה בעוה״ר.

דער הייליגער צדיק ר׳ פנחס קאריצער האט געזאגט אזוי: ווען משיח וועט קומען וועט מען זען די גאולה האט געהאנגען אין איין האר, און אין גוף כתב יד שטייט, דאס מיינט מען טאקע די האר טראגן וואס ווייבער זענען זיך מקיל רח״ל.

יעצט קינדערלעך זיסע וואס פאר א פנים וועט איר האבן פאר משיח צדקינו, און ווען אלע אבות ואמהות מיט אלע נשים צדקניות וועלן מיט־קומען מיט משיח׳ן און איר האט מעכב געוועזן די גאולה רח״ל, ווי וועט איר רח״ל פארוואָרפן ווערן.

ע״כ בעט איך, דאס יעדע אשה זאל ח״ו וח״ו גארנישט מקיל זיין קיין שום קולא כל דהוא, אין האר טראגן, שייטלען טראגן, אפילו איין טראפ האר, און ווער עס וועט אויף דעם עובר זיין, זיין פרוי אדער קינדער וואס ער האט ביכולת צו שאפן אפילו מיט מסירות נפש וועט נישט גערעכנט ווערן פון אונזערע תלמידים.

דען יעדער תלמיד מיינער מוז מסירות נפש האבן על כל מיני גדרים וסייגים של קדושה, הן מצדו, והן מצד אשתו ובניו, נישט גיין אין קיין האר, שייטלען, קארצע קליידער ח״ו, קאלירטע זאכן, כ״ש דורכזעעדיגע זאכן אפילו שווארצע, נאר זיי זאלן גיין אין געדכטע שווארצע זאכן, לאנגע קליידער, און די קינדער זאלען זיך פירן בצניעות, כו׳.

דען די אשה וואס גייט היינט בצניעות און זי מיינט לשם שמים איז זי מגין אויף א חלק פונעם דור און וועט זוכה זיין לעתיד וואס קיין גרויסע מלאכים וועלן נישט זוכה זיין צו דעם און אלע צרות ישראל בעוה״ר קומען וועגן די נשים פון זייער פריצות רח״ל.

ע״כ קינדערלעך זיסע טייערע גיט אכט איר זאלט נישט ח״ו פארפאלן בלייבן פוןביידע וועלטן און פאלגט מיינע ווערטער און פירט אייך בצניעות וקדושה, און יעדער מאן זאל אכטונג געבן אויף זיין ווייב, זי זאל זיך פירן בצניעות אויך יעדע פאטער און מוטער אויף די קינדער, כו׳.

זייט אייך מוסר נפש צו היטן די תקנות אין צניעות און האר, און בגדים, און גידול בנים, וועט אייך וואויל און לעבטיג זיין, ווען משיח צדקינו וועט קומען וועט איר שיינען און בליען ווי די ליכטיגקייט פון די זון, און די לבנה, און שטערן, און נאך מער, דען די שכר פון צניעות גייט איבער אלע מצות ומעשים טובים.

און די אשה וואס פירט זיך נישט אין צניעות מעג זיך אויפן קאפ שטעלן מיט אלע פרומקייטן פויעלט איר גארנישט און וועט רח"ל פארפאלן בלייבן אין שאול תחתית ח"ו.

דער הייליגער באשעפער זאל אונז מטהר זיין די הערצער מיר זאלן דינען דעם בוכ"ע מיטן רעכטן דעת, מיט אמת, קדושה, וצניעות, און עס זאל נתגלה ווערן דאס ליכטיגקייט פון משיח צדקינו בב"א.

◆◆◆◆◆

## יעצט ווען מיר ציטירן די פוסקים וואס אסר'ן דאס טראגן שייטלען, בעזה"י

בסדר א-ב

◆◆◆

(כדי להסר תלונות, ולסתום טענות, תיארתי כולם בתואר "גאון" בלבד)

א) הגאון ר' אברהם חיים איינהארן זצ"ל (בעמח"ס ברכת הבית, שערי טוהר, עצי עולה) שרייבט: וועגן דעם ענין וואס אידישע פרויען גייען אויף די גאס מיט שייטלען, האבן שוין ר' יעקב עמדין און דער דברי חיים געזאגט אז מען טאר נישט (שאלת יעב"ץ סי' ט, ד"ח ח"ב נ"ט), און דאס הייסט איבערגעטרעטן דעם אידישן דת, און אזוי זעט אויס פשוט אין שו"ע (אה"ע קט"ו ס"ד) נאך דערצו היינטיגע צייטן וואס מען מאכט אזוי די האר אַז עס זאל אויסזען ווי די פריצות איז עס זיכער אסור מן התורה אזוי ווי עס שטייט אין ד"ח ח"א ל, (בסוף ס' שערי טוהר ה' נדה).

ב) הגאון ר' אברהם פלאגי זצ"ל (מגדולי חכמי ספרד) ברענגט צו אין זיין ספר די פוסקים וואס אסר'ן שייטלען, און פירט אויס נאכדעם: זעלבסט־פארשטענדליך אז אין אונזערע פלעצער איז קיינמאל נישט געהערט אדער געזען געווארן דער מנהג אז פרויען זאלן גיין מיט א פארוק (שייטל) און אויב עס געפינט זיך איינס אין א שטאט איז זי פורץ גדר און ח"ו אז מען זאל זיך פון איר אפלערנען (ברך את אברהם בחקותי, מובא בשד"ח אספ"ד מע' צ').

ג) הגאון ר' אברהם תאומים זצ"ל (בן בתו של הגאון ר"י מליסא בעל חו"ד זצ"ל) שרייבט: דער מנהג וואס פרויען גייען מיט שייטלען דאס איז א זאך וואס אונזערע אבות האבן געהאלטן פאר אן איסור און פריצים האבן פארשוועכט דעם אידישן צוים, כו' חלילה דאס גרינג צו האלטן, כו' וואס איז דען א חילוק צווישן אייגענע האר אדער פרעמדע וואס זעט אויס ווי אייגענע עס איז אלעס איינס און אלע זענען אסור מן התורה.

דעריבער ווי ווייט עס איז דא די מעגליכקייט זאלסטו שטערן און צוימען די פירצה, און אפהאלטן ערליכע אידישע טעכטער פון ארויסגיין מיט שייטלען, דער וואס וועט הארכן וועט הארכן און דער וואס וועט עובר זיין וועט אליין טראגן זיין זינד, און מיר זענען ריין דערפון (שו"ת חסד לאברהם מהד"ת אה"ע פ"ז).

ד) הגאון ר' אהרן קריספין זצ"ל (בעמח"ס בית אהרן על שו"ע) ברענגט אין זיין ספר די וואס אסר'ן און וואס זענען מתיר און נאכדעם שרייבט ער: נוא יעצט ווער נעמט זיך אונטער מתיר צו זיין א שייטל קעגן די אלע לייבן וואס אסר'ן (בית אהרן אבה"ע מע' פ' אר' א').

ה) הגאון ר' אליהו מווילנא זצ"ל (הגר"א) [עי' שנות אלי' שבת פ"ו מ"ה, ובס' דת יהודית כהלכתה פ"א אר' ג, עמוד כ'].

ו) הגאון ר' אליהו דוד ראבינאוויץ תאומים (האדר"ת) שרייבט: צו א רב וואס פרעגט אים וועגן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, ענטפערט ער אים צווישן אנדערע אז די רביצין זאל נישט טראגן קיין שייטל (אגרות האדר"ת מכתב י"ג).

ז) הגאון ר' אליעזר זוסמאן סופר זצ"ל (בעמח"ס ילקוט אליעזר, עט סופר, המקנה, ועוד, אחי הגאון בעל שו"ת מחנה חיים זצ"ל) שרייבט אין די צוואה: אז די פרויען זאלן גיין בצניעות און אפילו שייטלען טראגן זאלן זיי געווארנט זיין (הצוואה נדפס בריש ספרו מלאה קטרת).

נאך שרייבט ער אין א בריעף צו זיין זון אז די פרוי זאל נישט גיין מיט א שייטל אדער קונסט האר ווייל עס איז אלעס א פריצות און יצה"ר (אגרת לבנו הגרש"ס זצ"ל נדפס בריש ס' מהר"ם סופר עה"ת).

ח) הגאון ר' אליעזר פלעקלעש זצ"ל (בעמח"ס תשובה מאהבה תלמיד מובהק לבעל נו"ב זצ"ל) שרייבט: אז צו מאכן א גאנצן שייטל האט קיינער פון די פוסקים נישט מתיר געווען און אפילו די פוסקים וואס זענען מקיל האבן נישט דאס געמיינט, דעריבער איז זיין מיינונג נישט

מקיל צו זיין (שו"ת תשובה מאהבה ח"א סי' מ"ח, ובענין מ"ש בקבוצות תלתלים על הפדחת, עי' משיב דברים ס' קכ"ז ח"ב).

ט) הגאון ר' אלעזר רוקח זצ"ל (בעמ"ח שמן רוקח) שרייבט: איך ווארן מיט זעקס הונדערט ווארענונגען פאר מיינע קינדער ביז אייביג, אז די פרויען זאלן ח"ו נישט גיין אין די וועגן פון די פריצות וואס גייען מיט שייטלען און אויפגעדעקטע הענט און עהנליך צו דעם, חלילה וחלילה פאר ענק אזוינס צו טאן נאר איר זאלט אייך פירן בצניעות אזוי ווי די געזעצן פון משה רבינו, און אזוי ווי די אידישע אויפפירונג (בצוואה נדפס בספר יבין שמועה על התורה).

י) הגאון ר' ארי' ליבוש הורוויץ זצ"ל (בעמ"ח שו"ת הרי בשמים), שרייבט צו איינעם פאלגענד: איך דאנק דיר זייער זעענדיג אז השי"ת האט ערוועקט אין דיר א גייסט אפצודריקן א קונטרס וואס ענטהאלט איסורים פון אלע חכמי הדור אסר'ן פרויען צו טראגן שייטלען, כו' שייטלען וואס זעט אויס ווי די אייגענע האר דארף מען מחמיר זיין (שו"ת הרי בשמים מהדו"ק ל"ו).

יא) הגאון ר' גרשון ליבוש ראזענבערג זצ"ל (בעמ"ח משיב דברים) שרייבט: חלילה צו גיין מיט א שייטל בלויז וואס דעקט צו דעם קאפ כו' (שו"ת משיב דברים ח"ב קכ"ז).

יב) הגאון ר' דוד בהר"ן זצ"ל (מעמודי התווך שביקירי קרתא דירושלים) האט זיך דערוואוסט אויף א חשוב'ע פרוי וואס איז געקומען פון חו"ל און טראגט א שייטל, און האט נישט געשפארט קיין מיה און צייט נאר אריבערגעגאנגען צו איר און גערעדט מיט איר אפאר שעה זי זאל אויסטאן דעם שייטל (דת יהודית כהלכתה, עמוד קכ"ב אר' ז').

יג) הגאון ר' דוד חיים קורינאלדו זצ"ל (בעמח"ס בית דוד על ששה סדרי משנה) שרייבט: אידישע פרויען גייט נישט ארויס מיט א אויפגעדעקטן קאפ האר, אפילו מיט א שייטל בלויז, א פרוי דארף נישט אויסזען ווי זי האט האר, (בית דוד שבת פ"ו מ"ב ד"ה פאה נכרית).

יד) הגאון ר' דוד ליב זילבערשטיין זצ"ל (בעמח"ס שבילי דוד על שו"ע) שרייבט: די וואס טוען ערלויבן שייטלען איז דאס נאר פאר די פלעצער ווי פרויען זענען קיינמאל דארט נישט געווארנט געווארן דערפון, אבער דארט ווי מען האט זיך שטענדיג געפירט נישט צו טראגן שייטלען איז עס זיכער נישט קיין צניעות (שבילי דוד או"ח סי' ב' סק"ב).

טז) הגאון ר' דוד מנחם מאניש באבא"ד זצ"ל (אבדק"ק טארנאפאל, ובעמח"ס שו"ת חבצלת השרון) שרייבט: אז דארט ווי דער מאן איז חושש אויף די פוסקים וואס אסר'ן שייטלען הייסט זיין ווייב ביי אים אזוי ווי א פרוי וואס טוט איבערטרעטן דעם אידישן געזעץ [עוברת על דת יהודית] (חבצלת השרון אה"ע סי' ד').

טז) הגאון ר' הלל קאלאמייער זצ"ל שרייבט: לויט מיין מיינונג קען מען זאגן אז עס איז דא ביי שייטלען טראגן אן איסור מן התורה (אבקת רוכל ח"ב כלל ב' פרט א').

נאך שרייבט ער: עס ליגט א פליכט אויפן מאן נישט צו לאזן זיין פרוי ארויסגיין אינדרויסן מיט א שייטל, וואס אויסער דעם וואס דאס איז אַ רעכטע איסור אפילו אין שטוב צו טראגן און דער מאן טאר נישט ארויסזאגן שמות (נעמען פון באשעפער) ביים בענטשן, אדער קידוש, אדער אנדערע ברכות, ווייל כאטש איר אייגענע האר איז פארדעקט מיטן שייטל, אבער פארן אויג קוקט זי אויס ווי זי גייט מיט די האר און דעריבער טאר זי אפילו אין א פארשטיפט פארשלאסן שטיבל נישט גיין דערמיט, אויסער דעם ברענגט דאס דערנאך אז מען זאל גיין מיט די אייגענע האר, אן א שייטל און דורכדעם שייטל דערקענט מען נישט צווישן א מיידל און א פרוי, וואס דאס איז אן איסור תורה, (מקרי דרדקי בראשית או' ל"ה).

אין נאך שרייבט ער: דער כח פון עמלק ליגט אויך אין אַנרעדן פרויען זיי זאלן זיך צירן מיט קליידער און צירונגען אזוי ווי די פריצות און האַרְנֶטֶעס, כאטש עס איז בלויז שטאלצע מלבושים און נישט צניעות'דיג און דאס ברענגט אנצוצינדן דעם יצה"ר אין הארץ פון די צוקוקערס, און דורכדעם פארקריכט מען צוביסלעך פון אידישקייט און צניעות, און קערט זיך אפ פון די וועגן פון די אמהות (מוטערס), אנצוטאן שייטלען, וואס דאס איז אסור מן הדין, און אלע פוסקים זענען מודה אז א גאנץ שייטל איז אסור, ווייל עס זעט אויס ווי די אייגענע האר און עס ברענגט מען זאל גיין מיט אייגענע האר און דער עיקר אז עס איז א פריצות און גרויס עזות ווייל דורכדעם דערקענט מען נישט צווישן א מיידל און א פרוי (שירי משכיל כלל ה' פרט ט').

יז) הגאון ר' יוסף האמבורג זצ"ל (בעהמח"ס שו"ת שמלת בנימין) שרייבט: עס איז נישטא קיין שום היתר ארויסצוגיין אויף די גאס מיט א שייטל (שמלת בנימין ח"א דף מ"ג).

יח) הגאון ר' חיים אלעזר שפירא זצ"ל (אבדק"ק מונקאטש בעהמח"ס שו"ת מנחת אלעזר, ועוד) שרייבט: אז דער אמת איז ווי די פוסקים וואס האלטן אז שייטלען טראגן איז אן איסור מן התורה, בפרט די וואס די עלטערן הייסן זיי אנדערש טאן (שו"ת מנח"א ח"א ל"ה מעותק בשלחן העזר ח"ב סי' ט' בשמלל"צ סקי"א).

נאך שרייבט ער אין די צוואה פאר זיין טאכטער ח"ו זי זאל גיין אין א פריזעט אפילו פון פע"ל (צוואה אר' ג').

די שוחטים פון מונקאטש זענען געווען אנגעזאגט נאך פון זיין פאטער בעל דרכי תשובה ז"ל מען זאל נישט לערנען די פאך פון שחיטה פאר איינעם וואס זיין פרוי טראגט א שייטל (עי' לקמן מאמרו של הג' ר"צ שפירא זצ"ל).

יט) הגאון ר' חיים בנבשתי זצ"ל (בעמח"ס כנסת הגדולה על שו"ע האלט לאיסור (עי' כנה"ג אה"ע כ"א, סק"ה, שד"ח אספ"ד מע' ד).

כ) הגאון ר' חיים האלבערשטאם זצ"ל (אבדק"ק צאנז, ובעמ"ח שו"ת ד"ח, ועוד) שרייבט: רוב פוסקים האלטן אז א שייטל טראגן איז אן איסור, נאכמער אין די ראשונים (ר"ן, ריטב"א כתובות, מובא באספ"ז) שטייט אז אפילו צו לייגן א שטיקל זיידן א.ד.ג. אויפן שטערן עס זאל אויסזען ווי האר איז אויך אסור ווייל דאס הייסט שוין איבערגעטרעטן דעם אידישן דין (דת יהודית), דעריבער טאר מען נישט ארויסגיין מיט א שייטל און עס הייסט דת יהודית (שו"ת דברי חיים ח"ב נ"ט).

נאך שרייבט ער: איך ווייס אויף זיכער אז ווען איך בין געווען ביי מיין שווער ז"ל [בעל ברוך טעם זצ"ל] אין מעהרי"ן לויט ווי איך האב דאמאלט געהערט איז נישט געווען אין גאנץ מדינת אשכנז (דייטשלאנד) קיין שום חשוב'ע פרוי וואס זאל גיין מיט האר, און שייטלען נאר אפאר פראסטאקעס וואס זענען געווען צו שאנד און שפאט, נאר בעוה"ר לעצטנס האט זיך צושפרייט דער מנהג פון די אפיקורסים, דעריבער ח"ו צו זאגן אז צוליב דעם מעגן אונזערע פרויען אויך אזוי גיין, און דער איסור שטייט אויף איר פלאץ און דער וואס איז עובר באקומט מכות מן התורה (ח"א יור"ד ל').

כא) הגאון ר' חיים חזקי' מדיני זצ"ל (בעמ"ח שדי חמד) נאכדעם וואס ער ברענגט צו די אלע פוסקים וואס אסר'ן, שרייבט ער אויף דעם וואס איז מתיר, פאלגענד: איך בין נישט איינשטימיג (צופרידן) מיט דעם

מיינונג, און זעלבסטפארשטענדליך אז אין אונזערע פלעצער וואס דער מנהג האט זיך נישט צושפרייט [צו טראגן שייטלען] האבן מיר שוין אנגענומען די דיעות וואס אסר'ן, און מען טאר נישט צוברעכן דעם צוים (שד"ח אספ"ד מערכת ד', דת יהודית).

כב) הגאון ר' חיים יוסף דוד אזולאי זצ"ל (דער חיד"א) זעט אויס אז ער נעמט אויך אן ווי די פוסקים וואס אסר'ן (עי' ברכ"י או"ח ש"ג ב', ומחזיק ברכה או"ח ע"ה ב').

כג) הגאון ר' חיים פלאגי זצ"ל (בעמ"ח כה"ח הקדמון, רו"ח, ועוד) שרייבט: אז די וואס קומען זיך באזעצן אויף טערקיי מוזן צודעקן אפילו א שייטל, ווייל אפילו ביי א שייטל אין זיידן איז דא א שטיקל איסור [כמ"ש הרב משא מלך בתורת המנהגות סי' י'] כ"ש איינער וואס וואוינט שוין דורות אין טערקיי אפילו ער נעמט א פרוי פון פראנקי"א (לכאורה הוא פרנקרייך שלנו, מדינת צרפת, הערת המו"ל) און באזעצט זיך אין טערקיי מוז זיך אודאי צודעקן אויך דעם שייטל [הערת המו"ל, אין הכוונה לכסות רק באמצע כמו בימינו אלא כולו וכמבואר בלשונו שם שמדמהו לשערות ממש] (רוח חיים אה"ע סי' כ"א).

כד) הגאון ר' יהודה אסאד זצ"ל שרייבט: מיר געפעלט צו אסר'ן שייטלען און גוזר זיין נישט אנצוטאן צוליב דעם וואס קומט ארויס דערפון ווייל מען זעט דאך וואס פאסירט שפעטער נאך ביזן היינטיגן טאג קומען פרויען צו דורכדעם צו גיין מיט אייגענען האר (שו"ת יהודה יעלה יור"ד שס"ו).

כה) הגאון ר' יהודה קצינלבויגן זצ"ל (בעמח"ס מהר"י מינץ) שרייבט: אז מיט אַ אויפגעדעקטע שייטל טאר מען נישט גיין, ווייל ווי קען דאס זיין אז מען זאל מעגן טראגן א שייטל וואס עס זעט אויס דורכדעם ווי מען וואלט געטראגן אייגענע האר און עובר געווען אויף די תורה (מובא בבאר שבע סי' י"ח).

נאך שרייבט ער: אונזערע טאטעס און זיידעס האבן געשטערט אין זייערע צייטן דאס מען זאל נישט טראגן אויפן קאפ אפילו א בינד פון זיידן וואס די פארב זעט אויס ווי האר (דרשות מהר"י מינץ סוף דרוש הראשון, מובא בעטרת זקנים או"ח ע"ה ג').

כו) הגאון ר' יוסף בן עזרא זצ"ל (בעמח"ס עצמות יוסף על קידושין) שרייבט: איך האב קיינמאל נישט געזען חתונה געהאטע פרויען מיט

אויפגעדעקטע האר, און זיי טראגן נישט קיין שום האר צו צירן זיך דערמיט נאר מיידלעך ביי זייערע עלטערן אין שטוב, דאס איז זייער א שיינע אויפפירונג, טייל פרויען נעמען א שטיקל שווארצע זיידן און טוען אן אויפן שטערן זיך אויסצופיצן דערמיט, און אפילו דאס איז מיר שלעכט געפאלן, ווייל מענטשן זענען זיך טועה און מיינען אז עס איז אייגענע האר (בספרו משא מלך ח״ז חקירה י׳, מובא בכנה״ג סי׳ כ״א, ז׳, ושכנה״ג יור״ד רי״ד).

כז) הגאון ר׳ יוסף חיים זאנענפעלד זצ״ל (הגאב״ד ירושלים תובב״א) איז אנגעפרעגט געווארן אויב מען מעג גיין מיט א שייטל, האט ער געענטפערט אז לויט זיין מיינונג איז עס זיכער אסור צוליב מראית עין (ווייל עס זעט אויס ווי אייגענע האר) (דת יהודית כהלכתה בשמו).

כח) הגאון ר׳ יוסף נסים בירלא זצ״ל (ראב״ד לספרדים בעיה״ק ירושלים) שרייבט אויך אז מען טאר נישט טראגן א שייטל, (שו״ת וישב יוסף יור״ד סי׳ ב׳).

כט) הגאון ר׳ יוסף צבי דושינסקי זצ״ל (הגאב״ד חוסט, וירושלים עיה״ק) שרייבט: אז דאס איז א מנהג נישט צו טראגן א שייטל און דערפאר איז דאס אסור מן התורה (שו״ת מהרי״ץ סי׳ קכ״ז).

ל) הגאון ר׳ יוסף ראזין זצ״ל (אב״ד טעלז) שרייבט: אז עס איז דא אן איסור מראית עין (עדות ביהוסף כ״ט ענף ג׳).

לא) הגאון ר׳ יוסף שאול נאטאנזאן זצ״ל (בעהמח״ס שו״ת שו״מ) שרייבט: אז עס איז דא אן איסור מראית העין (מגן גבודים או״ח סי׳ ע״ה, ע״ש באלה״מ, ובשלטי הגבורים).

לב) הגאון ר׳ יחזקאל שרגא האלבערשטאם זצ״ל (בעמח״ס דברי יחזקאל) שרייבט: איך מוז זאגן אז עס איז א גרויסער איסור פאר אידישע טעכטער צו גיין מיט פריצות׳דיגע קליידער, און מיט שייטלען, און יעדער איד איז מחויב דאס צו שטערן ביי זיך אין שטוב מיטן גאנצן כח (דברי יחזקאל עה״ת בדרוש לשבועות).

לג) הגאון ר׳ יחזקאל מיכל הובנר (אב״ד ניזנוב זצ״ל בעהמח״ס שו״ת משכנות הדועים) שדייבט: איך וויל נישט רעדן פון די וואס האבן מיט א גדויסן שטראם דודכגעבדאכן דעם אידישן צוים און גייען מיט אויפגע־דעקטע האר וואס בלי ספק זענען מיר נישט חייב באחריות אויף זיי, נאר איך שריי ביטערליך אויף די כשר׳ע וואס הייסן אידן, פונדעסטוועגן

זענען זיי מקיל און טראגן שייטלען און דער אמת איז אַז דאס אן איסור גמור צוליב מראית עין (משכנות הרועים ח״ש בקונטרס עת שלום דף י״ב).

לד) **הגאון ר׳ יעקב ארענשטיין זצ״ל** (בעהמח״ס ישועות יעקב) שרייבט: **עס קען גאר זיין אן איסור תורה ביים טראגן שייטלען** (ישועות יעקב או״ח סי׳ ע״ה ג׳).

לה) **הגאון ר׳ יעקב דידאווסקי זצ״ל** (מח״ס באר יעקב, מגדולי ירושלים עיה״ק) שרייבט: **אפילו די שייטלען וואס מען דערקענט אויף זיי אז עס איז א שייטל נישט האר, פונדעסטוועגן אויב איר מוטער גייט נישט מיט דעם טאר די טאכטער אדער אייניקל אויך נישט גיין מיט דעם אבער די שייטלען וואס זעט אויס ווי האר איז אסור פאר יעדן** (בספרו מחניך קדוש סי׳ ז׳, וכ׳ שם במקור הקדושה דמראית העין שמביא לידי גילוי עריות חמור משאר איסור דמראית העין וכדאי׳ בע״ז י״ב).

לו) **הגאון ר׳ יעקב ווייל זצ״ל** (נכד בעל קרבן נתנאל, ומח״ס תורת שבת על ה׳ שבת) שרייבט: **די פרויען וואס גייען מיט שייטלען אויף די גאס אדער אין בית מדרש זענען עובר אן איסור מן הדין, און די וואס גייען אין שטוב אדער אין הויף אויף זיי זאגט דער פסוק ״ופורץ גדר ישכנו נחש״ דער וואס ברעכט דעם צוים זאל אים בייסן א שלאנג, און אודאי די פרויען וואס דעקן אויף די אייגענע האר און גייען אין ביהמ״ד נישט נאר וואס זיי זענען עובר אן איסור צו לייענען קר״ש און דאווענען קעגן איר האר, און אלע קללות וואס ישעי׳ הנביא האט געשאלטן די פריצות׳דיגע פרויען וועלן רוען אויף איר, אבער די וואס פירן זיך בצניעות וועט רוען א ברכה איבער זיי** (ס׳ תורת שבת או״ח ש״ג י׳).

לז) **הגאון ר׳ יעקב עמדין זצ״ל** (הנקרא יעב״ץ) שרייבט: **אז מיט שייטלען איז אויך אסור ארויסצוגיין אויף די גאס** (שאילת יעבץ ח״א סי׳ ט׳, ועי״ש שדעתו להקל הנתונה למטה משכבה על פדחתה ובצדדים במקום שכלים שערותיה דלא הוי אלא כשאר תכשיטין שבחוץ, ועי״ע בח״ב סי׳ ז׳ח, ובמור״ק סי׳ ע״ה).

לח) **הגאון ר׳ יצחק אייזיק מספינקא זצ״ל** (בעהמח״ס חקל יצחק) שרייבט: **אז עס איז אן איסור צו טראגן א שייטל צוליב ״דת יהודית״ און אפשר מן התורה — און גיין און היטן אזוי ווי די גוים איז אויך אסור מן התורה — אדער מיט א הָאר הויב אהנע דעק איז א איסור דת יהודית — כל שכן מיט א זשיאָן אליינס איז א איסור מדת יהודית, און אפילו מיט א האר הויב אונטער דעם זשיאָן איז א איסור גמור, אבער אונטערן טיכל מעג מען** (שו״ת חקל יצחק סי׳ פ״א, וחושש שם לשיטת הד״ח יור״ד נ״ט,

דאפי׳ חתיכת משי על הפדחת שדומה לשער אסור דזהו דת יהודית כ״ש בהזשיאן שיש בו דמיון יותר לשער, ודאי איסור גמור לצאת בו בלי טיכל ע״ג, אבל תחת הטיכל אין איסור לצאת בו אע״פ שנראה קצת אצל המצח כיון שאינו נראה להדיא אין להחמיר כ״כ).

לט) הגאון ר׳ יצחק דוב הלוי במברגר זצ״ל (בעהמ״ח שו״ת יד הלוי) שרייבט: וויבאלד די גרויסע פוסקים אסר׳ן שייטלען איז אן שום ספק אז מיר קענען נישט מקיל זיין (שו״ת יד הלוי יור״ד קכ״ז).

מ) הגאון ר׳ יצחק זאב ידלר זצ״ל (בעהמ״ח ס׳ הנפלא תפארת צבי על מד״ר) פלעגט נישט אריינגיין אין א שטוב ווי די בעל הבית-טע איז געגאנגען מיט א שייטל ווייל ער האט דאס געהאלטן ווי האר ממש (טוב ירושלים לבנו הגה״צ ר׳ ב״צ ידלר מגיד מישרים דירושלים עיה״ק בימי רי״ח זונענפעלד זצ״ל).

מא) הגאון ר׳ זעקיל פאללאק זצ״ל (תלמיד מרן החת״ס זצ״ל ואבי בעל וידבר משה) האט דערציילט דעם סדר פון חת״ס זצ״ל ווען ער פלעגט דרש׳ן וועגן שייטלען: צום ערשט פלעגט ער בענטשן אלע וואס פאלגן צו גיין בצניעות אויפן וועג פון די פריערדיגע דורות די וועלן זוכה זיין צו ערליכע קינדער און וועלן געבענטשט ווערן מיט אלעם, נאכדעם האט ער געגעבן א דינערדיגן געשריי ״און די וואס טוען נישט אזוי וועלן האבן דאס פארקערטע״ און דעם גאנצן עולם האט אנגעכאפט א פארכט און א ציטער הערנדיג אזוינע שארפע רייד וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן כל נדרי ביינאכט מיט קדושה וטהרה (בס׳ זכרון למשה נדפס מכתב להגה״צ מהרי״ד דושינסקי זצ״ל ששמעה הנ״ל מרבו הנ״ל).

מב) הגאון ר׳ יצחק צבי לעבאוויטש זצ״ל (אב״ד טשאפ ומח״ס שלחן העזר ב״ח) שרייבט: רוב פוסקים אסר׳ן שייטלען אפילו פון קונסט-האר, און ערליכע אידן יראי ד׳ לאזן נישט זייערע פרויען נאר א דעק וואס איז נישט פון האר (בשלחן העזר ח״ב סי׳ ט״י, וע״ש בשמלל״צ ס״ק י, יא, יב, שהאריך בבירור דעת הפוסקים האוסרים).

מג) הגאון ר׳ יצחק שמעלקיש זצ״ל (בעמ״ח שו״ת בית יצחק) שרייבט: מען דארף חושש זיין צו די פוסקים וואס אסר׳ן שייטלען, און אויך ברענגט עס צו חילול שבת, און עס איז איבער געוויזן געווארן אז צוליב דעם וואס מען גייט מיט שייטלען איז מען שוין מקיל צו גיין מיט אייגענע האר אויך, און מען קומט צו א איסור דאורייתא, דערפאר זאל זיך יעדער דערווייטערן דערפון און יעדער ירא ד׳ זאל ווארענען זיין בני בית זיי זאלן זיך נישט פירן און די וועגן פון די פריצות׳דיגע

פרויען נאר מיט צניעות און נישט גיין מיט שייטלען, דורכדעם וועלן זיי זוכה זיין צו ערליכע קינדער "כהני משרתי עליון" (שו"ת בית יצחק או"ח י"ד).

מד) הגאון ר' יקותיאל יהודה טייטלבוים זצ"ל (אבדק"ק סיגעט ובעהמ"ח ייטב לב, שו"ת אבני צדק ועוד) שרייבט: אז מען טאר נישט גיין מיט גוי'שע קליידער, הויכע היטן, און שייטלען, די תורה האט זיי גע'אסר'ט צוזאמען מיט חמץ,ביידע דארף מען אויסרוימען פון שטוב (ייטב פנים מאמר זכר ליציאת מצרים או' י"ב, ותוכחת מוסר לי"ג מדות או' כ"ח, ומאמר דורש טוב או' ד' ע"ש).

מה) הגאון ר' ישעי' פיק זצ"ל (המפורסם לבקי נורא כמבואר בשו"ת נו"ב) שרייבט: אין אונזערע מדינות איז שייטלען אסור מיטן איסור פון "לא תסור" (בספר יש סדר למשנה שבת פ"ו מ"ה, וכותב דספרדיות שמקילין בכך נמשכין אחר הרמב"ם, אבל במדינתינו נאסר בלא תסור, עפ"י הפי' אשר בידינו נמסר, ע"כ).

מו) הגאון ר' ישראל יעקב אלגאזי זצ"ל (אבי מהרי"ט אלגאזי) שרייבט: שייטלען פון פרעמדע האר איז אסור פונקט ווי אייגענע האר (קהלת יעקב מענה לשון ח"ג ר"מ).

מז) הגאון ר' ישראל ליפשיץ זצ"ל (בעהמ"ח תפארת ישראל על משניות) שרייבט: שייטלען איז אסור צוליב מראית העין (תפא"י שבת פ"ו מ"ה).

מח) הגאון ר' ישכר בער איילינבורג זצ"ל (תלמיד הלבוש והסמ"ע) שרייבט: אז פרויען טארן נישט טראגן שייטלען (בס' באר שבע תשו' י"ח, והוא נמנה מראשוני האוסרים החולקין על הש"ג).

מט) הגאון ר' ישכר דוב רוקח זצ"ל (אבד"ק בעלזא) האט געזאגט: יעדער וואס לערנט שלחן ערוך מיט יראת שמים זעט קלאר אז עס איז נישטא קיין שום חילוק צווישן אייגענע האר און א שייטל, דער חת"ס זצ"ל פסק'ט אויך אזוי, דערפאר זאל יעדער אכטונג געבן ביי זיך און זיינע קינדער אויף דעם (דרשה הנדפסת בקונ' דיבורים קדושים).

נ) הגאון ר' מאיר א"ש זצ"ל (בעהמ"ח שו"ת אמרי אש, ותלמיד מרן החת"ס זצ"ל) האט באפוילן זיינע קינדער פארן שטארבן: איך באפעל אייך זייער שטרענג! איינצורייסן וועלטן מקיים צו זיין דעם קלענסטן מנהג און די פרויען זאלן נישט גיין מיט שייטלען ח"ו (ס' לב העברי ח"א דף פ"א).

נא) הגאון ר׳ מנחם מנדל מליובאוויטש זצ״ל (בעל צמח צדק) שרייבט: אז מען טאר נישט ארויסגיין אין גאס מיט א שייטל (צמח צדק משניות ברכות פ״ג).

נב) הגאון ר׳ מרדכי זאב אטינגא זצ״ל (בעהמ״ח מאמר מרדכי) שרייבט: מען דארף מחמיר זיין ביי שייטלען (מגן גבורים או״ח ע״ה, אלף המגן סק״ח).

נג) הגאון ר׳ מרדכי ליב ווינקלער זצ״ל (בעהמ״ח לבוש״מ) שרייבט: דאס בעסטע מען זאל נישט גיין מיט קיין שייטלען, אין דעם זכות פון צניעות׳דיגע פרויען וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן בקרוב (שו״ת לבוש״מ יור״ד מהד״ת קס״ח).

נד) הגאון ר׳ משה סופר זצ״ל (בעל החת״ס) שרייבט אין די צוואה פאלגענד: עטץ זאָלטץ אכטונג געבן חלילה חלילה נישט אויפדעקן איין טפח פון קערפער דורך קורצע מלבושים, צווישן מיינע שטוב מענטשן זאל זיך ח״ו נישט געפינען אזאנס, כל שכן עטץ זאלט געווארנט זיין פון באפריינדן זיך מיט שלעכטע פרויען וואס אפילו איין האר שטעקט זיך ארויס און אויך שייטלעך אסר איך ענק מיט אן איסור גמור! (צוואת החת״ס מועתק בס׳ לב העברי).

נה) הגאון ר׳ משה גרינוואלד זצ״ל (בעל ערוגת הבשם) שרייבט: איר זאלט געווארנט זיין שטארק אז אפילו איין האר זאל זיך נישט ארויסשטעקן, און אפילו שייטלען אסר איך אויף ענק און עטץ זאלט זוכה זיין צו ערליכע כשר׳ע קינדער (בצוואתו הנקרא הכנה דרבה או׳ י״ח).

נו) הגאון ר׳ עקיבא יוסף שלעזינגער זצ״ל (בעל לב העברי) שרייבט: וואויל פאר די וואס האלטן זיך אפ פון שייטלען, און טרעטן נישט אפ פון די וועגן פון די באבעס (לב העברי ח״א דף פ״א).

נז) הגאון ר׳ פנחס הורוויץ זצ״ל (בעל המקנה והפלא״ה) האט צוזאם מיט זיין בית דין אויסגערופן א חרם אין בית המדרש אויף די פרויען וואס טראגן שייטלען, כ״ש אייגענע האר (בס׳ לחמי תודה לבנו דף ד: שזה כמה שנים שיצא הכרוז בבה״כ מפי כבוד אאמו״ר הגאון זצללה״ה בצירוף שני ב״ד בחרם על לבישת נשים בפאה נכרית).

נח) הגאון ר׳ צבי הירש אורנשטיין זצ״ל (נכד בעל ישועת יעקב, בעל ברכת רצ״ה) שרייבט: גיין מיט א שייטל איז א פריצות און עס איז אסור מן הדין (ישועות יעקב אה״ע כ״א).

נט) הגאון ר׳ צבי הירש הורוויץ זצ״ל (בנו של הפלא״ה) שרייבט: איך האב שוין סאך מאל געמוסר׳ט וועגן דעם שלעכטן מנהג וואס איז בעוה״ר צושפרייט ביי טייל פרויען וואס טראגן שייטלען, בעוה״ר האט דאס מיט די צייט נאך צוגעברענגט מען זאל גיין מיט אייגענע האר (הוא בעהמ״ח שו״ת מחנה לוי, והנ״ל הוא בספרו לחמי תודה י״ט:).

ס) הגאון ר׳ צבי הירש חיות זצ״ל (בעל הגהות מהר״ץ חיות) שרייבט: אזוי ווי מען פירט זיך אין אונזערע מדינות געוואוינט צו זיין מיט דעם, ווען איך בין געוועזן א קינד האב איך נישט געהערט ווער עס זאל מקיל זיין אין דעם אין גאנץ פוילן, נאר לעצטנס האט מען אנגעהויבן פורץ זיין, עס איז ראוי דעריבער זיי אויס־צו־מוסרן און זיי צוריקברענגען צום פריערדיגן מנהג (שו״ת מהר״ץ סי׳ נ״ג).

סא) הגאון ר׳ צבי הירש שפירא זצ״ל (בעל דרכי תשובה) שרייבט: וועגן א שוחט וואס זיין פרוי טראגט א שייטל אפילו רוב שטאט מענטשן ווילן אים האבן און נאר איינציגע ווילן נישט, קענען זיי שטערן ווייל עס איז א גרויסע עבירה (עון פלילי) א שוחט דארף זיין א גרויסער ירא שמים און אויב ער איז מקיל אין דעם איז ער א קל — די שוחטים פון אונזער שטאט מונקאטש זענען באפוילן פון מיר זיי זאלן נישט אויסלערנען שחט׳ן איינעם וואס זיין פרוי טראגט א שייטל (בשו״ת הנדפס סו״ס תפארת בנים עה״ת סי׳ ב׳).

סב) הגאון ר׳ רפאל מילדולה זצ״ל (מו״צ באמסטערדאם) שרייבט: אז שייטל איז אסור (כ״נ בספרו מים רבים אה״ע ל״ו).

סג) הגאון ר׳ שלום מרדכי הכהן זצ״ל (בעל שו״ת מהרש״ם) שרייבט: מען דארף אכטונג געבן ביי קר״ש, בענטשן, און אנדערע ברכות נישט צו זאגן קעגן א פרוי וואס טראגט א שייטל נאר מיט פארמאכטע אויגן (דעת תורה או״ח סי׳ ע״ה).

סד) הגאון ר׳ שלמה אליעזר אליפנדרי זצ״ל (בעהמ״ח שו״ת סבא קדישא ג״ח) שרייבט: שייטלען איז אסור, און אויסער דעם איז דאס גורם א גרויסן חורבן אז מען זאל מקיל זיין אין אייגענע האר, (שו״ת סבא קדישא).

סה) הגאון ר׳ שלמה יודא טאבאק זצ״ל (דומ״ץ סיגעט, ומחבר שו״ת תשורת ש״י ב״ח) שרייבט: שייטלען איז אסור וועגן פריצות ווייל מען וויל אויסזען ווי די גוי׳טעס וואס גייען מיט האר, און די וואס זייערע

עלטערן אדער אור־עלטערן זענען נישט געגאנגען מיט דעם איז דא דערביי "אל תטוש תורת אמך" (משמרת ש"י סי' תק"ע).

סו) הגאון ר' שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט: שייטלען טראגן איז אסור (בס' קנאת סופרים סי' ע"ב, ובס' שנות חיים סי' שט"ז).

סז) הגאון ר' שמואל סלנט זצ"ל האט געלאזט רופן א רב וואס זיין רבי'צין האט פארלאנגט פון איר שניר זי זאל גיין מיט א שייטל, ווילאנג דער רב האט צוגעזאגט אז ער וועט דאס אפהאלטן (כן סיפר הרה"ג ר' נפתלי פרוש סופרו של הג' רש"ס, מובא בס' דת יהודית).

## פרק יז
## וויכטיגעווארענונגען
## וועגן דיקע שטרימפ (זאקען).

די טעג פון פסח קומען שוין בשעטומ"צ, אין דער אידישער מנהג איז צו רייניגען די גאַנצע הויז פין אַ משהו חמץ, ע"כ ווילען מיר אויך מעורר זיין וואָס די ספרים הקדושים (זוה"ק, אריז"ל, רדב"ז, דרפ"ק) שרייבען אַז גלייכצייטיג דאַרף מען אַראָפּרייבען אלע מדות רעות אין שלעכטע מעשים פין אַ גאַנצען יאָר, דעריבער געפינען מיר פאַר נויטיג צי דערמאָנען וואָס געפינט זיך בעוה"ר אין אונזערע צייטען, אין מיר זאָלן זיך מקבל זיין תשובה טוהן, אין דעם זכות וועלען מיר בקרוב אויסגעלייזט ווערן.

א. מיר ציטירען דאָ די ווערטער פין קוה"ק מרן אדמו"ר רשכבה"ג מסאטמר זצ"ל, וואָס האָט געשריגען מיט פלאַמעדיגע רייד 20 יאָר צוריק, געדריקט אין חידושי תורה תשט"ז, „עס איז ערגער צי גיין מיט שטרימף וואָס איז דורכגזיכטיג, ווי אָהנע שטרימף, אין יעדער וואָס זיין פרוי אָדער טאָכטער גייט מיט די שטרימף, **טאָר ער נישט מאַכען קידוש הבדלה, און קיין שום ברכה,** אין עס קימט אויס [אפילו ווען ער טיט יאָ דאָס אַלעס] אַז ער עסט שטענדיג אָהנע פאַר ברכה, אָהנע נאָך ברכה, אָהנע קידוש, אָהן הבדלה, אין חוץ אַלעם **איז אַ תקנה אין אינזער קהלה אַז מען טאָר נישט גיין אין דאָרכזיכטיגע קליידער.**

אויך אין די קאָנטריס פיהרט מען זיך גרינגער ווי אינדערהיים, איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס ווייל אפילו מען גייט אַוועק פין די חברותא, אָבער פין השי"ת גייט מען נישט אַוועק", ע"כ.

צים שלוס וועלען מיר אין קורצע שטריכען באַמערקען וואָס מען לערנט זיך אַרויס פין די געציילטע שטראק באלערנדע הייליגע רייד פין כ"ק אדמו"ר זצ"ל.

1) דאָס פאַרשטייט יעדער אַז ווען זי גייט אָהנע שטרימף וועט זי שטאַרק באַשטראָפט ווערען, אין יעדער מאַן אָדער טאַטע וועט זיכער האָבן מסירות נפש אויף דעם, אין נישט קיקען אויף אימבאלימפערטע שלום בית תירוצים ווייל דאָס איז באמת אַ גרויסע פירצה, סאַך ערגער פין דעם איז צי גיין אין דאָרכזיכטיגע שטרימף, סאַך גרעסער איז די שטראָף, אין מער מסירות נפש דאַרף מען אויף דעם, אין די שטראָף ציטיילען זיך די פרוי מיט איר מאַן (שבת נד:), [די חז"ל שרייבען שבת נו: אויף איינע פין די אידישע גרעסטע קעניגען אַז ווייל ער האָט נישט געשטערט זיינע ווייבער פין דינען עבודה זרה רח"ל, איז דאָס פאַרעכנט געוואָרען פינקט ווי ער אַליינס האָט געדינט עבודה זרה, אין אַזוי איז אויך מיט יעדע עבירה], דאָס זעלבע איז אויך ווען אַ פרוי זעהט ביי אַ פריינדין אָדער קרובה נישט אַ צניעות'דיגן מלבוש דאַרף זי דאָס באַלד מעורר זיין, אויב נישט טראָגט זי דעם זינד.

2) מען טאָר נישט דאַווענען, לערנען, מאַכען אַ ברכה, קידוש מאַכען הבדלה מאַכען, ווי אויך אַנדערע הייליגע רייד זאָגען אויף אַן אָרט ווי אַ אשה גייט אָנגעטאָן דורכזיכטיגע

## מדריך לצניעות

שטרימף, [דעריבער זאָל מען נישט זיין אָפגעווינדערט ווען אויפען עולם האמת וועט מען נישט טרעפען קיין קידוש, הבדלה, ברכות וכו׳, דאָס איז אַלעס וועגען דעם אויבנדערמאָנטען טעם].

יעדער טאַטע אָדער מאַמע גיט אַכטונג אַז דאָס קינד זאָל ח״ו נישט זאָגען דעם רבש״ע׳ס נאָמען אומזיסט, אויב יאָ גיט ער אים קלעפּ, אין מען פאַרגעסט אַז אויב מען גייט נישט געהעריג בצניעות טיט מען אַליינס שטענדיג די זעלבע, אפילו דער אייגענער מאַן אָדער קינד פין די מיטער, אָדער טאַטע מאַמע פין טאָכטער וכדומה, (אויך וועט ער שטאַרק באַשטראָפט ווערען פאַר עסען אין טרינקען אָהנע ברכות.

3) אויך האָט כ״ק אדמו״ר זצ״ל באַמערקט אַז ווער עס גיט נישט אַכטונג אויף דעם איז געוויסליך אויסגעשלאָסען פין זיין קהלה, [דאָס מיינט אַז ער האָט מיט כ״ק אדמו״ר זצ״ל נישט קיין שייכות בזה ובבא].

די סה״ק ברענגען אַז די שטראָף פאַר בגדי פריצות נאָך הינדערט אין צוואַנציג איז זייער האַרב, ד׳ ירחם, חוץ וואָס דאָס איז בעוה״ר גורם צער גידול בנים, אין דאָס איז געווען די זינד פון דור המבול (תדב״א פל״א).

ב. עס ווערט געהאלטן לייכט ביים ציבור אפילו ביי איידעלע יונגעלייט נישט אָנציטוהן געהעריג מיט בגדי צניעות אַ קינד פון 3 יאָר אין העכער וואָס דאָס איז געגענזייטיג מיט די הלכה לויט ווי די פוסקים שרייבען, (מ״ב בה״ל סי׳ עה, שו״ת שלמת חיים ח״ז א, דעת סופר או״ח יא, ועי׳ ש״ס ע״ז לז. ב״ח וקו״א אב״ע כא, ועוד).

**כ״ק אדמו״ר זצ״ל האָט אויך שטרענג פאַרבאָטן אין זיין שטאָט קרית יואל, מיידלעך העכער 3 יאָר צי גיין מיט קליידער העכער פין די קני.**

ג. מיר ברענגען דאָ דעם נוסח פין די תקנה וואָס איז אָפּגעדריקט געוואָרן אין קרית יואל נאָכדעם וואָס מען האָט איבערגעגעבן די אויבענדערמאָנטע באַפעל פין כ״ק אדמו״ר זצ״ל ביי אַ גרויסע אסיפה וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרען זינטאָג נאַכט פ׳ שמות;

**נוסח התקנה**

תמצית פין רי עגינים וואָס מען האט אַראָרך גרעט ביי רי גענעראל פארזאמלונג באור ליום ב׳ שמות העבר על״ט בבית מרדש קרית יואל יצ״ו, בהשתתפות רוב התושבים יחיו.

א. עס איז איבערגעגעבן געוואָרען רי רברות קורש פין כ״ק ארמו״ר זצ״ל, אז רי מיירלעך טאָרען נישט גיין מיט אזעלכע קליירער וואָס זענען העכער פין רי קני אין ראס איז ביי אלע מיירלעך פין 3 יאָר אין העכער, עס איז באטונט געוואָרען רי גרויסע זכי׳ וואס מיר האבען אז כ״ק ארמו״ר זצ״ל איז רער וועג ווייזער פרט בענין חינוך פין אונזערע קינדער שיחיו, אין מיר ראַרפען אלע דאָס אפ צו שאצען דעם גרויסען זכות

מדריך לצניעות
בישראל

# מדריך לצניעות

צו קענען ערציען די קינדער עפ"י הדרכתו והוראתו הק', אין בוודאי אויסצופאָלגען זיינע הייליגע אָנווייזונגען בשלימות, אין בזכות הצניעות וועט דער אייבישטער העלפען מיר זאָלען האבען נחת פין די קינדער אין זעהן בעזהי"ת דורות ישרים יבורך אמן.

דעריבער איז די פליכט פין יעדען טאַטע אין מאַמע צי פאָלגען די אָנווייזונגען פין כ"ק אדמו"ר זצ"ל אין ערציעהן די קינדער לויט דעם דאַן קען מען האָפען צי זעהן אַסאַך אידיש נחת לאַנגע דורות, ווייל ווער נאָך ווי דער צדיק הדור ווייסט דעם ריכטיגן תורה'דיגען וועג, אויך די טיטשערס אין שול דאַרפען אַסאַך אַרימצירעדען מיט די קינדער וועגען דעם האַרבען שטראָף פון אומצניעותדיגע קליידונג, זעלבסט פאַרשטענדליך אַז דער מוטער, ווי אויך דער לערערין דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר די קינדער וויאזוי מען דאַרף גיין אָנגעטוהן, ווייל אויב נישט קען מען בשום אופן נישט ערוואַרטען בעסער'ס פין די קינדער, ווי די הייליגע ספרים שרייבען.

## מוסר זאגען אין שטיב

ד. אויך איז פין די גרויסע וויכטיגקייט דער טאַטע זאָל מוסר'ן פרוי אין די קינדער מיט די שאַרפע רייד וואָס די ספה"ק ברענגען וועגען צניעות און פאָרליינען און ערקלערן די רייד פין כ"ק אדמו"ר זי"ע זצ"ל וואָס מיר האָבן אויבען דערמאָנט ווי אויך די בריעף פין כ"ק אדמו"ר זי"ע זצ"ל חקת תשכ"ט, וואָס דאָרט שרייבט ער אַז עס איז אַ איסור צי גיין מיט קורצע קליידער ווער עס ריפט זיך אַ איד, אין ווער עס גייט מיט דעם געקליידעט איז ער אָפגעשיידט, אין אָפגעזונדערט פין ערליכע אידען, ד' ישמרנו, מיר גלייבן אַז בלויז די ווערטער צי **זאָגען אין ערקלערען**, אין שטיב דאַרף האָבן די ריכטיגע ווירקונג.

ה. מיר מיזען אַביסעל ברייטער ערקלערן וואָס מיינט מוסר זאָגען פין לערערין פאַר תלמידות, ווי אויך טאַטע מאַמע פאַר קינדער, קודם דאַרף מען ערקלערן דעם גרויסען גן עדן פין די הייליגע אמהות, אין נשים צדקניות פין אַלע דורות וואָס האָבען זיך געפירט ערליך אין דערפאַר טועהן זיי געניסען תענוג וואָס מען קען זיך נישט פאָרשטעלן אויף דער וועלט, די זעלבע וועט אויך זוכה זיין יעדר פרוי אין טאָכטער וואָס פירט זיך אזוי, אין דעם גוואַלדיגן שכר פין אומענדליכען תענוג איז אַודאי אין אַודאי נישט כדאי צי פאַרלירען וועגען די הינדערט אין צוואַנציג יאָר פין דער וועלט וואָס לויפט דורך ווי אויגנבליק אָט איז מען הערשט געווען 10 יאָר אַלט, אין אָט 20, אויפאַמאָל 50, אין איידער מען דרייט זיך אויס שטייט מען שוין פאַרען ב"ד שלמעלה אָפגעבען דין וחשבון אויפען גאַנצען לעבען, אין עס שטייען צוויי וועגען גרייט האָט מען זיך אויפגעפירט ווי אַ אידישע טאָכטער דאַן פירט מען אין גן עדן, אין אויב נישט איז זייער ביטער, עס קימט דער שלעכטער מלאך אין וואַרפט אַריין אין דעם גיהנם, **אין דעמאָלטס העלפט נישט קיין שום געוויין עס איז פאַרפאַלען, יעצט איז די צייט תשובה טוהן נישט שפעטער**, אין אויב משיח קימט וועט שוין אויך זיין שפעט (כ"כ במהרי"ל) נאָר יעצט, אין אויף דעם אופן מיסערן טאָג טעגליך וועט מען מיט השי"ת'ס הילף זעהן די פרוכט פין די רייד.

קט

מדריך לצניעות בישראל

# מדריך לצניעות

אויך מיז באַטאָנט ווערען אַז מוסר האָט צוויי זייטען, איינס די אויבנדערמאָנטע וואָס דאָס מיינט אויפוועקען דעם אידישען פונק זיך דערנענטערן צום באַשעפער. די צווייטע „הדרכה" דאָס מיינט אַז נאָכדעם ווי מען איז מעורר קינדער אָדער ערוואַקסענע צי צניעות וכדומה, מיז מען אויפקלערען פינקטליך וואָס דאָס באַדייט דהיינו די לענג פין די קליידער לכה"פ 10 צענטימעטער, 4 אינטשעס, אַזוי ווי מיר ברענגען ווייטער דאָ דעם פסק דין פין די גדולים אין בני ברק, די ערבעל זאָלען גרייכען ביז די ערשטע קנייטש פין האַנט, די קליידער נישט רויט, ווייס, ליכטיג געל, שרייעדיק וכדומה, נישט דארכזיכטיגע שטרימף, נישט רעדען הויך אָדער שרייען אינמיטען די גאַס, נישט איינבייגען זיך, בפרט אויף דער גאַס, נישט געשניטען די האָר, ווי אַ יונגעל, דאָס איז אסור מה"ת (תוספתא ביכורים, רמב"ם ה' עכו"ם, יור"ד קפב, עי' שבילי דוד ש"ך, היכל הברכה תצא), אויך נישט לאַנגע צילאָזטע האָר; נישט דאָרכזיכטיגע שטרימף, וכדומה, דאָ ברענגען מיר דעם אויבענדערמאָנטען פסק דין.

# פסק דין תורה

**מודיעים אנו בזה ברבים את דעתנו, פסק דין תורה, כי שמלת אשה חייבת להיות באורך של 10 סנטימטר למטה מן הברך, כך שגב בזמן ישיבה ותנועות אחרות ישאר הברך מכוסה במלואו.**

**כל איש ואשה, חייבים לעזור ולהוכיח את בני משפחתם ואת כל מי שישעה לדבריהם על גודל האחריות אשר לוקחות על עצמן אלה המהססות לעשות כנ"ל בשעה גורלית זו, כשדם ישראל ניגר ר"ל, ומשפחות שכולות נאנקות ביסוריהן.**

**מי חכם וישמור אלה, ובזכות שמירת צניעות כהלכתה נכון מקום לשכינתו ית' ולביאת רוח אפינו משיח ה', אכי"ר.**

**יעקב לנדא**
אב"ד דבני־ברק

**שמואל הלוי ואזנר**
רב דזכרון מאיר ור"מ
דישיבת חכמי לובלין

**אברהם שלמה כ״ן**
רב דפרדס כ"ץ

**יחיאל מאיר וינגורט**
רב דחסידי גור

**יצחק שלמה אונגר**
רב דחוג חתם סופר

**נתן גשטטנר**
רב דשיכון אגוד"י

## מדריך לצניעות

ו. עצה טובה: מיר האַלטען פאַר אַ רעכטער שריט דאָס ערליכע איידעלע יונגעלייט זאָלען זיך ציזאַמענקימען אין איבערשמיסען אינאיינעם, די אַלע מאָדעס וואָס עקזיסטירען אַלס, וואָס איז אסור עפ״י התורה, וואָס איז מותר, און וואָס מען דאַרף מחמיר זיין הגם עס איז מותר, מיט די הדרכה פון אַ ת״ח ויר״ש מרבים, ווייל ווי עס ווייזט זיך אַרויס דאָס בילד זענען פיל יונגעלייט נישט מוחה אין שטיב וועגען פאַרשידענע צניעות ענינים, פשוט ווייל זיי זענען נישט אינפאָרמירט אַז דאָס איז אַ מאָדע, אָדער חקת הגוי, אָדער מענער מלבוש ביי גוים, און צוליב דעם ווערט די שטיב פאַרנאַכלעסיגט, פינקט ווי יעדער פאַרשטייט אַז ווען ער לערנט נישט ה׳ שבת, אָדער ה׳ פסח וכדומה ווייסט ער נישט וואָס מען טאָר נישט דאָס זעלבע איז מיט דעם, און עס טרעפט זיך שטיבער פין חשובע יונגעלייט וואָס מען קען קוים גלייבן אַז דאָס איז זייער שטיב צוליב מאָדערינזאַציע וואָס הערשט דאָרט, און דאָס איז אַ פליכט אויף די יונגעלייט, גלייכצייטיג אויף די מנהלי ישיבות וכוללים, צי טוהן אין דעם.

מדריך לצניעות

בקהי"ת, בינ"ז עמ' קש"י

# פסק הלכה

## שנתפרסם בשנת תרפ"ח

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
פעיה"ק ירושלים תובב"א

בנשיאות רבינו הגאכ"ר מרן יוסף חיים זאננפעלד שליט"א (זצוקי"ל)

פעיה"ק ירושלים ת"ו יום י"א לחדש אייר שנת תרפ"ח.

כאשר בעוה"ר פשתה המספחת של מלבושי שחץ, ופרצו גדרי הצניעות, סמל עמנו הקדוש, מאז ומעולם.
באופן מבהיל מאד ה' ירחם.

**ורבים מיראי ה' פונים אלינו להורות להם את הדין והדת.**

והנה אם כי המפורסמות אין צריכות ראי', אך מחמת דרשו בה רבים בעוה"ר.

**והורגלו במלבושים קצרים ובבתי יד קצרים, עד אשר הרבה מהמון עם נשכח מהם חומר האיסור ונעשה להם כהיתר ח"ו.**

על כן הננו להודיע בזה כי כל אשה ישראלית **חייבת ע"פ דין תוה"ק** ללבוש בגדי צניעות כאשר נהגו בנות ישראל הכשרות מאז ומעולם
בלא שום שינוי

**דהיינו במלבושים ארוכים עד קצה האחרון היותר אפשר,**

**ומצד הראש יכסה את כל בית הצואר כמנהג הצנועות ובבתי ידים ארוכות עד כפות הידים.**

וכן בשאר הבגדים חייבות לנהוג צניעות.

וחלילה ללבוש אנפלאות מנוקבות מעשה רשת אשר הרגל נראה מתוכן.

**או אנפלאות מגוון עור הגוף.**

כל אלה פגול הוא לנו אומה קדושה וטהורה מדור דור.

**וכמו כן כל אחד מחויב לחנך את בנותיו הקטנות בצניעות וקדושה שגם הן תלבשנה בגדי צניעות ולכל הפחות שהשמלה תכסה בארכה את רוב הרגל, ובתי ידים שיכסו את רוב היד.**

ובשכר זה יקויים בנו מקרא שכתוב והייתם לי סגולה מכל העמים וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, ונזכה לגאולה קרובה בב"א.

בד"צ לכל מקהלות האשכנזים

**נאם מרדכי ליב רובין** **נאם יצחק במוהר"א ז"ל פרנקיל** **נאם דוב צבי קארעלנשטיין**

ראיתי הכתוב מהרה"ג הבד"צ נ"י ויאשר כחם וחילם לתקן הפרצות. ובעה"ח המחכה לישועה קרובה **יוסף חיים זאננפלד**

---

דברי הגאונים הצדיקים הנ"ל תקיפי דארעא דישראל זצוק"ל אינם צריכים חיזוק, ובוודאי שמצוה רבה לשמוע בקולם ולהוסיף גדרים בדרכי הצניעות כמקובל לנו מדור דור וע"ז נאמר לא תסור מכל אשר יורוך ימין ושמאל וגדולה המצוה הזאת כי תגן עלינו בעקבתא דמשיחא ולזכותינו לראות בקרוב בביאת משיחנו בב"א.

הכו"ח טוב לחודש מרחשון תש"ל פעיה"ק ירושלים ת"ו

**נאם פנחס עפשטיין ראב"ד ירושלים עיה"ק תובב"א**

**נאם דוד הלוי יונגרייז**

**נאם הק' משה ארי' פריינד**

**נאם ישראל באאמו"ר הגה"ק מהרי"צ זצוק"ל דושינסקי**

# מדריך לצניעות

## אייגענע האר

ז. אייגענער האָר: הגם ב"ה אין דעם איז מען שטאַרק געוואָרענט, עס איז ראָך באַקאַנט פאר יעדען די שרעקליכע פאַסירונג וואָס איז פארלאָפען ביים ארי׳ צבי עילאי ווי מען האט געעפנט א קבר פין א פרוי וואס איז געגאנגען מיט די אייגענע האָר, אין רער גאַנצער קאָפּ איז געווען אָנגעלייגט מיט ווערעם מיט דעם זעלבען פאָרעם ווי זי פלעגט גיין מיט די האָר, דער הייליגער חת"ס האָט געזאָגט אין זיין דרשה (דרשות חת"ס) אַז ער זאָגט צי אַז די קינדער וואָס די מוטער טראָגט אייגענע האָר ווערען נישט בעסער זיין ווי רי עלטערן, וואָס יעדער ווינטשט דאָס פאַרקערטע, אין אַ גדול וואָס איז געזעסן דאָרט בשעת׳ן דרשה איז אויפגעשפרינגען אין געזאָגט, אַז שקצים אין פאַרדאָרבען רח"ל ווערען זיי זיין.

ח. אויך אויף ביי האָר איז קיין שום היתר נישטאָ, אין דער הייליגער חת"ם סופר שרייבט (או"ח ל"ו) אפילו אין שטיב טאָר קיין שום האָר נישט זיין אָפּגעדעקט, אין מען דאַרף אויך אַכטונג געבען אויף די האָר צווישען אויערען אין שטערן, ווייל דער זוה"ק זאָגט אַ קללה רח"ל פאַר דעם וואָס דעקט דאָס אויף, אין ווער עס וויל נישט געשעדיקט ווערען נאָר זוכה זיין די ברכות זאָל אַכטונג געבען אויף דעם, ע"כ.

**דעריבער דאַרף מען געוואָרנט זיין אַז מען זאָל נישט אַרויפלייגען די טיכעל העכער די אויערן נאָר צידעקן די אויערן.**

ט. עס איז אַ גרויסער איסור אָנצוטוהן מלבושים וואָס זענען אפילו נאָר אביסעל דורכזיכטיג, ווי אויך זאָקען, אין דער הייליגער ספר מחניך קדוש שרייבט אַז אפילו קליינע קינדער טאָר מען דאָס אויך נישט אָנטועהן.

י. שמאָלע ציגעפאַסטע קליידער זענען אויך פאַרבאָטען עפ"י התורה (ס׳ מחניך קדוש).

יא. דער יעבץ אין סידור, אין דער חפץ חיים אין אַ בריעף שרייבט אַז נישט גיין געקליידעט בצניעות שטעלט אין סכנה ח"ו די קליינע קינדער ד׳ ישמרנו, דער ס׳ שומר אמונים ברענגט אַ מוראדיגע מעשה ווי מען זעהט אַז די עלטערן שטעלען זיך מיט די קינדער אין געפאַר אויך נאָך 120 יאָר.

יב. די מעשה ווערט גיברענגט אין ס׳ שומר אמונים (מבוא השער פט"ז) וואָס ער האָט דאָס געהערט פין איינעם וואָס זיין פאָטער אָדער פעטער, האָט דאָס בייגעוואונט עס האָט אַמאָל פאַסירט ער איז געפאָרען אינטערוועגנס געשעפטליך מיט אַנדערע סוחרים, זענען זיי דאָרכגעפאָרען אַ פעלד פלוצלינג הערט מען שרעקליכע היסטערישע קולות אידען! אידען! האָט רחמנות אין העלפט אינז, זענען זיי אַריין אין שטיב פין ווי די קולות האָבען אַרויסגעשפאַרט טראַכטענדיג, דאָס דאָרטן שטייט אַ גזלן מיט אַ גרויסען האַק, אין וויל איינעם האַרגענען.

אָבער צום גרויס פאַרווינדערונג פין יעדען זעהן זיי גאָר אַ אינטערעסאַנט בילד, אַ

# מדריך לצניעות

גרויס פייער ברענט אויף דער ערד ביים פייער שטייט אַ גרויסען טאָפּ, אין דעם טאָפּ ליגען אַסאַך קליידער, אין דאָס טאָפּ האָט געקאָכט מיטן פוהלען טעמפּאָ, אַן עלטערע פרוי האָט אירע הענט אַריינגעשטעלט אין טאָפּ, אין אָנגעכאַפּט די ברענענדיגע קליידע אָנגעטוהן אויף אַ יונגע פרוי ביז עס האָט פאַברענט דעם קערפּער, אין זי האָט געיאָמערט מיט גרויס קולות, אַזוי האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערחזור'ן, האָבן די סוחרים פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין מענטשליכע זאַך, נאָר שטראָף פאַר זינדיגע נשמות, [שטייט ווייטער אויספירליך], עס שיינט אַז די עלטערע פרוי איז די מוטער פון די יונגע וואָס האָט נישט ערצויגן איר טאָכטער צי צניעות, אין דאָס איז איר שטראָף אַז די מוטער שטייט אין פאַרברענט די טאָכטער, ווייל אַזוי שטייט אין פסוק „ידי נשים רחמניות ילדיהן בישלו" די הענט פין מאַמעס וואָס האָבן פאלטש רחמנות אויף די קינדער, אין לאָזען זיי גיין געקליידעט ווי זיי ווילען, וועלען נאָך אַליינס אָפּקאָכען די קינדער ד' ישמרנו.

דעריבער דאַרף מען געוואָרנט זיין מען זאָל נישט רחמנות האָבן ווי צב"ש עס איז זייער הייס, מען קען גיין דינע קליידער, אָהנע זאָקען, קורצע קליידער, וכדומה, ווייל דאָס איז פאלטשע רחמנות.

יג. די עלטערען דאַרפען ערציעהן די טעכטער, אַז זיי זאָלען גיין אין אַ זייט ווען אַ מאַן וויל דורך גיין אויף די גאַס וכדומה, אַזוי ווי אינזערע באָבעס האָבן זיך געפירט אין דער אַמאָליגער היים טראָץ דעם וואָס זיי זענען געגאַנגען געקליידעט מער בצניעות.

יד. עס איז אַ געוואַלדיגע פירצה וואָס אידענעס קימען אַריין צי די מענער ביי חתונות זעהן ווי די מענער טאַנצן, עס איז אַ פליכט פין בעל שמחה צי זעהן אַז די שמחה זאָל זיין באַשיידען אין הייליג אַז די ויידעס פין יענעם עולם זאָלען זיך מיט פרייען, ווייל אויב נישט, איז ח"ו פאַרקערט, אויך די געסט זענען מחויב צי שטערן. [וכל מי שיש בידו למחות כו'].

(טו. עס איז דאָ אַ גרויסע איסור אין די תורה אויף מיידלעך וואָס שערען זיך די האָר, שטאַרק קורץ, [פין די מאָדעס פין בעל דבר], אַזוי שרייבט דער רמב"ן (ה' עכו"ם פי"ב, ה"י) אין שו"ע (קפ"ב) יעדער מאַן איז מחויב דאָס אָנזאָגען אין שטיב, מען זאָל דאָס נישט טוהן אפילו פאר קלענערע מיידלעך, ווייל נשים דעתן קלות.)

טז. די מכשולות פין פרויען וואָס גייען צי דאָקטוירים זענען געוואַלדיג גרויס דערפאַר דריקען מיר דאָ דעם נוסח וואָס דער בית דין אין ירושלים האָט מפרסם געווען 45 יאָר צוריק וועגן דעם ענין.

מדריך לצניעות בישראל

מדריך לצניעות

ב"ה

# לאפרושי מאיסורא

## מטעם הרבנים הגאונים
## הבד"צ לכל מקהלות האשכנזים שליט"א.

י"נ טבת תרצ"ב לפ"ק, פעה"ק ירושלים ת"ו.

כאשר רבים מיראי ה' התלוננו לפנינו על פרצה בדת הנעשית מבלי יודעים, שנשים הדורשות ברופאים מתיחדות עם הרופא בחדרו ועוברות על איסור דאורייתא. לזאת הננו לפרסם בזה דין תוה"ק שאסור לאשה להתיחד בחדר אחד עם איש אפילו אם הוא רופא ומעיין ברפואתה. ובנות ישראל הכשרות ישמרו עצמן מאיסור חמור הזה, ויעשו שאלת מורה צדק תחלה איך להנצל מאיסור יחוד בשעה שהן צריכות לדרוש בעצת הרופא.

ולהשומעים ינעם, והשי"ת ישמרנו מבשלון ח"ו וירים קרן תוה"ק ומצותיה.

בד"צ לכל מקהלות האשכנזים

נאם פנחס בהגרי"ז ז"ל עפשטיין

נאם שמחה בונם ווערנער

נאם דוד הלוי יונגרייז

(איבערזעצונג אויף אידיש)

אזוי וויא פיל יראים האבען זיך פארקלאגט פאר אונז אויף א פאר־שוועכונג פון אונזער הייליגע תורה. וואס ווערט געטהון ניט וויסענדיג. דורך דעם וואס פרויען וועלכע קורירען זיך ביי איין דאקטער זיינען מיט דעם דאקטער אליין אין זיין צימער. דארום זיינען מיר מודיע דעם דין התורה אז א פרוי טאר ניט זיין אליין אין איין צימער מיט א פרעמדען מאן אפילו ווען ער איז א דאקטער און קורירט איהר. דאריבער מוז יעדע פרוי פרעגען א שאלה ביי דעם רב וויא זיך צו באגיין ווען זיא דארף גיין צו א דאקטער, אום זיא זאל ניצול ווערען פון דיא עבירה פון יחוד.

# מדריך לצניעות

יז. אויך האַלט מען גרינג אָנצוטוהן אינגלעך זימער העמדער מיט קורצע ערמעל העכער די עלנבויגען וואָס דאָס איז נישט איינפאַרשטאַנדיג מיט די הלכה (עי' סי' ד' במ"א, וגר"ז סי' יעבץ ומ"ב), בפרט ווי די חז"ל זאָגען אַז די וועלט שטייט אויף זייער תורה דאַרף מען זעהן אַז דאָס זאָל געלערנט ווערען בקדושה ובטהרה, נישט צירירען העכער די עלינבויגען, וואָס איז אוממעגליך צו פאַרמיידען מיט קורצע ערמיל.

יח. אויך איז צישפרייט לידער צוליב נישט וויסען די האַרבקייט צי גיין אין געפאַרבטע שיך אין דער נודע ביהודה (דרושי צל"ח) וואָרענט שטאַרק געגען די פירצה.

יט. דער הייליגער ר"ר יהונתן אייבשיץ (יע"ד דרוש י"ב) שרייבט די פרוי וואָס איז נישט פאַרדעקט די האַלז [מיינט נישט נאָכען האַלז, נאָר די האַלז אַליין, וואָס ליידער כמעט קיינער גיט נישט אַכטונג] וועט נישט גערעטעט ווערען פון גיהנם און איר שטראָף איז אונגעהויער גרויס, ד' ירחם.

### טראגען העטס, (שו"ע יור"ד קפ"ב)

כ. דער ייטב פנים [פון הגה"ק בעל ייטב לב] שרייבט אין נאָמען פון זיין רבין [הגה"ק מהר"צ מרימינאב זצ"ל] אז פונקט ווי מען איז עובר אויף האַלטען חמץ אין שטיב פסח, ח"ו אזוי איז מען עובר אויף טראָגען אין האַלטען די העטס וואָס פרויען גייען, עהנליך שרייבט דער קדושת יו"ט (פ' אחרי, מטות) די וואָס גייען מיט די העטס זענען עובר פיל עבירות אין אַ פליכט ליגט אויפען מאן איהר צי זאָגען מוסר, און שטראָף רייד, וואָס ליידער ביי די זאַכען זאָגט מען שלום בית, און אויף עוה"ז טענה'ט מען יאָ (וע"ע שו"ת צ"ח ח"ב יור"ד).

### מסור

כא. לידער איז דאָס ענין פון מסור'ן זייער איינגעריסן געוואָרען טיילווייז ווייל מען ווייסט נישט דעם אינהאַלט פון וואָרט „מסור" און באַגרייפט נישט די האַרבקייט דערפון, דער באַדייטונג פון וואָרט מסור זאָגען אונז די חז"ל [חו"מ שפ"ח] אפילו איינער האָט בלויז געזאָגט אַז ער וועט מסר'ן הגם ער האָט דאָס נאָך נישט געטוהן, אפילו נאָר קליינע געלטער, באַקומט ער תיכף דעם טיטול „מסור" אין מען מעג אים הרג'ענען, אין ווער עס האַרגעט אים פריער דער האָט זוכה געווען אין די מצוה, [קאמענטארען זענען איבעריג], אין אַזוי ווי מיר לעבען בעוה"ר אין אַ דור וואָס מען פאַרקויפט זיך אינגאַנצען פאַרען געלט, איז וויכטיג איינציברענגען נאָך אין די יונגע קעפלעך, איידער מען האָט די נסיונות, די האַרבקייט פון מסר'ן, ווייל חוץ די אויבענדערמאָנטע זאָגט אויך דער רמב"ם אַז ער איז נישט זוכה צו עולם הבא, דאָס מיינט אַז נאָך הונדערט און צוואַנציג האָט ער נישט קיינע אויסזיכטען זיך צי טרעפען נאָכאַמאָל מיט די אייגענע אבות אין רבי'ס, אַלעס וועגן אַפּאָר דאָלאַר.

# מדריך לצניעות

## כבוד פאר אלטע

כב. עס איז שטאַרק נאָכגעלאָזט אפי' ביי אנשי מעשה זיך אויפצישטעלן ווען עס קומט אריין אַ עלטערער איד, וואָס לויטען דין דאַרף מען דאָס טוהן אפי' אינמיטען דאַוועגען (ברכ"י יור"ד רמ"ד, ועי' נחל קדומים, קדושים).

כג. לשון הרע רעדן: שטייט אין די ספרים (חובה"ל) אַז ער גיט איבער זיינע אַלע אויסגעפּאָלגטע און שווער אָנגעהאָרוועטע מצות פאַר יענעם, און נעמט איבער יענעמ'ס עבירות, אויסער דעם ווערט מען מגולגל אין אַ כלב.

כד. עס שטייט אין ש"ע (שג סי"ג, מ"א סקי"ג, פמ"ג, ש"ע הרב, מע"ר להגר"א) מען טאָר גאָרנישט האַלטען אין טאָש שבת אפילו אין שטיב, נאָר אין דע האַנט, און מענטשן זענען מקיל אין דעם.

כה. עפ"י הלכה דאַרף מען נזהר זיין נישט אריינשטיפען די ציצית אין די הויזען דער מ"ב שרייבט (סי' ח' קכ"ו) אַז דער וואָס טיט אַזוי, איז מבזה דעם באַשעפער'ס מצות אין וועלען אָפּגעבען דין וחשבון אויף דעם, במילא דאַרף מען די קינדער אויך געוויינען צי דעם.

כו. לידער איז שטאַרק איינגעריסן כמעט אין אַלע שטיבער צי הערען טעיפס (Tapes) וואָס שפּילען מוזיק, אין דעם איז אויך איינגעשלאָסען וואָס מען הערט חתונה טעיפּס וואָס דאָרט ווערט געהערט מוזיק, דאָס האָט נישט קיין שום היתר אין די הלכה (או"ח תק"ס, ואחרונים) אין די חכמים ז"ל זאָגען אַז אין די שטיב ווי געזאַנג ווערט געהערט איז די סוף אַז זי ווערט חרוב, (סוטה מח.) ממש שוידערליך.

כז. אויך גיט זיך אויס טעיפּס מיט ליצנות וואָס האָט אויך נישט קיין היתר צו הערען, און מען געוויינט די קינדער צי טרייבען ליצנות, וואָס קען ח"ו אַוועק שטויסען פין עולם הבא (תדא"ר כד). חוץ דעם וואָס דאָס איז אַ גרויסער גורם פון ביטול תורה, פאַר קליין אין גרויס.

כח. מיר ווייסען אַז געוויס האָט יעדער איד אַ שיעור קבוע צים לערנען, מיר ווילען נאָר באַמערקען אַז אפילו מבטל זיין איין טאָג אומוויכטיג, איז דער שאָדען אונשאַצבאַר, דער הייליגער ר' שעפטיל זצ"ל, זין פין של"ה הק' שרייבט אַז לערנען גמרא מיט תוספות, איז אַזוי וויכטיג ווי לייגען תפלין. דער הייליגער ר"ר אייזיקל קאָמאַרנער שרייבט (נתיב מצותיך, עמ' קא) אפילו אַ צדיק וואָס איז גרויס ווי משה רבינו אין ר' שמעון בר יוחאי, קען אויך נישט זיין איין טאָג אָן תורה.

כט. אין דעם הייליגען ספר „הגן ודרך משה" (יום ט"ו) שרייבט ער אַז יעדער איד וואָס הערט אַ ברכה פון אַ צווייטן איד מיז ענטפערן „אמן" אפילו ער הערט פון אַ פרוי אָדער אַ קליין קינד, אויב נישט איז ער ח"ו באַשטראָפט צים נישט לעבען, אויסערדעם איז

# מדריך לצניעות

יעדער איד מחויב צי זאָגען די ברכות הויעך כדי יעדער זאָל הערען אין זאָלען נאָכזאָגען אמן, ווייל אמן איז דער עדות אויף די ברכה אַז עס איז אמת.

נאָך שטייט אין דעם ספר (יום ט׳) אויב איר ווילט אייך ראַטעווען פין אַ מגיפה רח״ל אויך אייערע קליינע קינדער זאָלען ח״ו נישט געשעדיקט ווערען מיט גאָרנישט, נאָר זאָלען אויפוואַקסען געזינט אין שטאַרק היט אייך נישט צי רעדען אין בהמ״ד בפרט בשעת׳ן דאַווענען איבעריגע רייד, ווייל אויב יאָ איז ער געגליכען צי אַ רוצח, וואָס האַרגעט ח״ו קינדער קליינע [חוץ דעם וואָס ער האַרגעט זיי ברוחניות. ווייל זיי לערנען זיך אויך צי שמיעסןביים דאַווענען].

ל. אויב ביז היינט האָט ער נישט אַכטונג געגעבן אויף דעם ווי געהעריג, זאָל ער דאָס מתקן זיין אין שטערן אַנדערע פון שמיסען ביים דאַוונען.

לא. נאָך שטייט דאָרטען (יום ח׳) אַז יעדע קטרוג אין הימעל טיט דער אויבערשטער פאַרשווייגען אויסער אויב דער מלאך פאַרציילט אַז אידען רעדען ביים דאַווענען, אין תיכף גיט דער אויבערשטער רשות פאַרען שלעכטען מלאך, שאָדען צי טוהן אויף דער וועלט, רח״ל.

לב. דער וואָס זאָגט אמן יהא שמי׳ רבה הויך איז ער מציל נשמות פין זיידעס אין קרובים פין גיהנם אין כ״ש די אייגענע נשמה אויב ער זאָל ח״ו פאַרמשפט ווערען צי גיהנם (שו״א רנ״ח), [אויב דער טאַטע זאָגט נישט ווי געהעריג, זאָגט דאָס קינד אויך נישט].

לג. אינטערעסאַנט וואָס מען הערט שטענדיג פון דאָ און דאָרט, וועגען משיח׳ן צב״ש משיח מעג שוין קימען. עס איז שוין די העכסטע צייט, רבש״ע שיק שוין משיח׳ן, וכדומה, אין פאַרשטייט זיך אפילו דער וואָס זאָגט נישט האָפט יעדע רגע אַז ער זאָל שוין קימען, מיר זאָלען פטור ווערען פין צרות, אין דער עיקר צער השכינה, שכינתא בגלותא, יעצט שטעלט אייך פאָר ווען עס זאָל יעצט אָנקימען אַ חכם פין דערוויטענס אין געבען אַן עצה וויאַזוי אים צי ברענגען וואָלט דאָך יעדער נישט געשוויגען אין געאַרבייט מיט אַלע כחות, דאָס דורכצופירען, אין דאָ האָט איר די עצה פאַרטיג, צי זאָגען, אמן יהא שמי׳ רבה הויך, אין ציגעוויינען די קינדער צי דעם, ווי דער קדוש אלקי ר׳ ייבי פלעגט שטענדיג שרייען אַז דאָס איז דער גורם פינען לאַנגען גלות, אויך גזירות ת״ח איז געווען וועגען דעם, (שו״א מאמר פת״ש עמ׳ רנו).

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שישלח לנו במהרה את אליהו הנביא לבשרינו בשורת הגאולה השלימה ונודה לה׳ שיר חדש על גאולתינו ועל פדות נפשינו במהרה בימינו אמן.

# פרק יח
# ריקודי מצוה של חתן-כלה

ראיתי בספר עצי אלמוגים בליקוטים שבסוף הספר (דף כ׳ ד״ה וגם לשמח) ענין התעוררות בדבר הנהוג גם בזה״ז. ע״כ ראיתי לנכון להעתיקו כאן. וז״ל:

מידי דברי בענין שמחת חתן וכלה מעצור לרוחי לא אוכל מלהוכיח במתג שפתיים על המנהג (אותיות גהנום) שנשתרבב מקרוב אצל יראי ד׳ והיא פירצה גרועה מאוד אשר מקורו מאנשים עמי הארץ קלים ורקים שבשעת רקודין של מצוה כשרוקדין החתן והכלה אז סביב סביב יתהלכון אנשים במעגל ומרקדין סביבותיהן, לולא ראיתי לא האמנתי למראות עיני שהפירצה אחזה גם בגדולים וטובים המדקדקין במצות קלה כחמורה.

למותר למשוך בקסת הסופר בלשון מדברת גדולות כל הני איסורים ומכשולות המקושרים לזה. ראשית עוברים על איסור הסתכלות בפני הכלה שמבואר באה״ע (סי׳ ס״ד ס״ב). וגם גורמת הרהורים רעים שאיסורם מן התורה כמבואר בבית שמואל (סי׳ כ״א) והתוצאות מכשולות נוראות בענינים נשגבים שעליהן נענשו דור המבול.

מי יתן ויעבור רוח טהרה על אנשים טהורי לב מביני מדע ויעשו פעלים ומאמצים לבער הרעה הזאת מקרב ישראל והי׳ מחניך קדוש.

בלי ספק שאם „החרש יחרישון בעת הזאת" השקט לא יוכל הבעל דבר וירחיב גבולי הפירצה ועוד יוסיף כהנה וכהנה מבלי שישים איש על לב ואחריתם מי ישורנה רח״ל.

ראוי לכל הדואג דאגת מחר לשים ללבו שהדורות מתדלדלים ומה שלעת עתה נחשב לפירצה ואיסור חמור בעיני כל לדורות הבאים בניקל יהי׳ להיצר לפתות לב האדם כי מנהג כשר וישר הוא. וכמו שעשה אצל מנהג הנ״ל שגם הוא לא עלה על לב האדם בדורות הראשונים שיהא בו איזה סרך היתר. וכ״ש לקרותו מצוה. הבעל-דבר מצא בדורינו כר נרחב להתפשט ולהפיץ מנהגים אלו וכאלו, ומי יודע מה יולד יום.

לא נשאר לנו רק עצה יחידה לבלתי לזוז ולסור מדרכי הראשונים אפילו זיז כל שהוא ורעיון נשגב הלזה יורישו האבות לבנים והם לבניהם כי רק היא שעמדה לאבותינו ולנו לא להתמוטט ח״ו מדרך התורה המסורה לנו, עכלה״ק.

## (אידישע איבערזעצונג)

# דאס מצוה טאנץ פון חתן-וכלה

איך געפין פאר נויטיק אויפצוקלערן צו די ברייטע מאסן מיט ווייכע רייד וועגן די מורא'דיקע פירצה וועלכע עמי הארצים, קלים ורקים האבן אריינגעברענגט אין דעם ענין און עס האט זיך אויסגעשפרייט אפילו צווישן די גאר ערלעכע שטיבער. איך מיין דא טאקע, אז ווען חתן כלה טאנצן צוזאמען, טאנצן די מענער ארום זיי. ווען איך זע דאס נישט מיט מיינע אייגענע אויגן וואלט איך נישט געגלייבט ווי ווייט עס גייט. די טאנצערס ארום ווערן נכשל אין א איסור הסתכלות באשת איש (זע שולחן ערוך אבן העזר סימן ס"ד סעיף ב') וואס דאס ברענגט צו נישט ריינע מחשבות און דאס איז א איסור תורה (זע בית שמואל סימן כ"א) און ס'ברענגט צו גרויסע שטרויכלונגען וועלכע ווערן אנגערופן די זינד פון דור המבול.

הלוואי וואלטן זיך געפונען א פאר ערנסטע מענטשן וועלכע זאלן פארשטיין די ערנסטקייט פון דער זאך און באצייטנס אויסרוימען דעם דורכברוך אין דער אידישער געמיינדע.

טייערע אידן!!! דער בעל-דבר ארבעט מיט אלע כוחות חרוב צו מאכן די אידישע יוגנט. לויט ווי די דורות ווערן שוואכער פרובירט ער אריינצוברענגען נייע איבערברוכן אין דער אידישער פעסטונג. זאכן וואס זענען אמאל געווען פארשטענדלעך פארבאטן פאר יעדן און אפילו פאר דעם פשוט'ן איד איז היינט פאררעכנט פאר א מצוה (ווי די אויבנדערמאנטע טענץ). עס קען נאך קומען א צייט ווען דער דור וועט פאלן נאך נידריקער, און דאס וואס הייסט ביי אונז אן איסור וועט דער בעל דבר צופוצן מיט א שלאייער פון א מצוה.

ס'איז נאר דא איין עצה און וועג ווי אזוי דאס צו באקעמפן, זיך צו האלטן שטארק ווי שטאל ביי אונזערע עלטערנס טראדיציע און לעבנס שטייגער. דאס מיינט נישט איינצופירן קיין שום זאך וואס מען האט נישט געזען ביי די טאטעס און זיידעס. מיט דעם כוח האפנטלעך וועלן מיר קענען בעזר השי"ת ממשיך זיין אידישע דורות עד ביאת הגואל צדק.

(ציטירט פון ספר עצי אלמוגים, זייט 20)

בעזהי"ת ב"נ"ו עמ"י עש"ו

# בחוקותיהם לא תלכו
# השמר פן תנקש אחריהם!

ויקרא כ׳ ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי
רש"י אם אתם מובדלים מהם הרי אתם שלי, ואם לאו הרי אתם של נבוכדנצר וחבריו ותגלו מארץ הקדושה
רח"ל

## די אומגליקען וואס קומען פון „פוטער מאנטלען" און „גאַונס"

עס איז ליידער שטאַרק צעשפרייט געוואָרען ביי היימישע אידען שומרי תורה ומצות אַז זיי לאָזען די ווייבער זיך קליידען מיט טייערע פוטער „מאַנטלען" („Fur Coat") עס איז איבריג צו זאָגען אַז נאָך אין דער אַלטער היים אין אייראָפּע איז געווען באַוואוסט ביי אַלע אידען אַז דאָס איז אַ בגד של פריצים, און אַזוי איז געווען אָנגענומען אין אַלע אידישע קרייזען, דערפאַר קלינגט טאַקע אומגלויבלעך, אַז דאָ אין אַמעריקע האָט זיך דאָס רעדעל אַדריי געטוהען און די מאָדע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו גאָר היימישע אידען, נישט קיין חילוק אָרעם אָדער רייך.

שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס עס ווערט פאַרשווענדעט אויסגעהאָרוועטע אידישע געלטער אויף אַזעלכע איבריגע קליידונגען, וואָס מיט דעם געלט האָט מען געקענט מחי׳ זיין צענדליגער אידישע נפשות אין ארצנו הקדושה. וואָס גיין ממש אויס פון הונגער, און קוקען אַרויס נאָך יעדע פּרוטה וואָס מען שיקט זיי פון דאַנעט.

וויפיהל הערצער פון חתנים וכלות וואָלט מען געקענט דערפרייען מיט די געלטער, וואָס ווערען פאַרשווענדעט אויף די לוקסוס מאַנטלען? וואָס ליידער איז דאָס נישט קיין זעלטענע ערשיינונג אַז צוליב געלט מאַנגעל ווערען אָפּגע־שטופּט חתונות אויף חדשים און יאָרען.

הונדערטער ליידענדע וואָס קענען נישט צוקומען צו די נויטיגע מעדעצינישע הילף און קענען זיך נישט ערלויבען אונטערזוכט צו ווערען דורך פּראָפעסאָרען, וואָס פעלט זיי אויס ממש צו דערהאַלטען דאָס לעבען, אַלעס צוליב זייער געדריקטען געלט מצב.

וויפיל עלטערען מוזען שיקען די קינדער אַרבעטען פריצייטיג און רייסען זיי אָפּ מיט געוואַלד פון דער גמרא, שיקן זיי אַוועק פאַרשוואַרצט צו ווערען ביי דער אַרבעט, ווייל די עלטערען זענען צעבראָכען, און קענען נישט אויסהאַלטען דעם ריזיגען דעפיציט?

וויפיל כולל יונגעלייט האָבען געמוזט צומאַכען די גמרא און גיין אַרבעטן, כדי צו קענען נאָכקומען דאָס לוקסוס שטייגער לעבען וואָס די יודענע וויל נישט פארציכטען, וואָס אין דעם נעמט דער „פאר קויט" דעם גרעסטען טייל, פון די טויזענטער דאָלערס וואָס מ'באַצאָלט פאַר אַ „פאָר קאויט", וואָס פון דעם געלט וואָלט אַ כולל יונגערמאַן געקענט זיך אויסלעבען בהרחבה אַ קיילעכדיגען יאָר.

דערפאַר חשובע אידען פאַרגעסט נישט דעם עיקר תכלית פון לעבען אַרויסצוהעלפען אַנדערע אידען אין זייער נויט, צו ערמעגליכען עלטערען חתונה מאַכען זייערע קינדער, און מחי' צו זיין צובראָכענע הערצער וואָס האָבען נישט פון וואו דורכצושטופען זייער טאָג טעגליכען בחדשעט. און דער הויפט אייער אייגענעם לעבען און געזונט וואָס ווערט רואינירט דורך אָנשטרענגען זיך און אַרבעטען ווי אַ פערד מיט „אָווער־טיים" כדי צו קענען נאָכקומען אַלע וואַבערישע פאַרלאַנגען.

מיר קענען אויסרעכענען פאַרשידענע אומגליקען וואָס האָבען פּאַסירט די לעצטע פּאָר צענדליג יאָר, מענטשען האָבען געליטען פון שווערע האַרץ אַטאַקעס, דורכען אָנשטרענגען זיך מיט אַרבעטען אָווער־טיים צו קענען נאָכ־קומען די לוקסוס פון „פּאָר קויטס" וואָס די יודענע האָט נישט געוואָלט פאַרציכטען, צענדליגער שלום בית'ער זענען צושטערט געוואָרען דורכען לוקסוס געיאג, צענדליגער יאָרען זענען אָפּגעשניטען געוואָרען פון מענטשען'ס לעבען דורך רעגעניש און האַרץ עסעניש וואָס די „פּאָר קאויטס" האָבען פאַראורזאַכט.

דעריבער אויב איהר ווילט אָנפירען אַ רואיג כשר אידיש לעבען מיט געזונט און לאַנגע יאָרען פון אמת'דיגע פרייד און זעהען אידיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, איז דער איינציגער וועג צו פאַרציכטען אויף די „פּאָר קויטס" און אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע מותרות.

אויסער די אַלע אויבענדערמאָנטע סיבות נישט צו טראָגען קיין „פּאָר קאויטס" מוזען מיר באַמערקען אַז גלייכצייטיג איז דאָס אויך פאַרבאָטען לויט דער הלכה, אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ת דברי חיים (ח"א יו"ד סי' ל') אַז אַ פרוי וואָס גייט מיט דעם לבוש איז עובר אַן איסור פון דער תורה הק', אין די צייטען פון בית המקדש וואָלט זי באַקומען 39 קלעפּ מיטען לעדערנעם קאַנטשיק.

נאָך שרייבט דער צאַנזער צדיק זצ"ל (שו"ת דברי חיים ח"ב יו"ד סי' נ"ח) מיט שאַרפע ווערטער אַז אַ פּריצות'דיג בגד טאָר אַ אידישע טאָכטער נישט גיין געקליידעט מיט דעם.

דער הייליגער דזשיקעווער זצ"ל שרייבט (שו"ת אמרי נועם יו"ד ח"ב סי' ט"ז) דאָס מען זעהט בשיינפירליך אַז דאָס גאַנצע אידישקייט הענגט פאָלקום אויף דעם.

דאָס זעלבע שרייבען אויך אַנדערע גאונים וצדיקים זצ"ל (שו"ת משיב הלכה יו"ד סי' ז' וסי' ח', ערך ש"י יו"ד סי' קע"ח) דערפאַר דאַרפען וויסען די אַלע

וואָס טראָגען די „פאָר קאָויטס" אַז דאָס אחריות פון עקזיסטענץ פון אידענטום ליגט אויף זייערע פּלייצעס.

געדענקט ברידער! אַלע אומגליקען קומען פון פריצות (חפץ חיים באגרת, ר"ה קאלאמאייער בכל ספריו, ספר מחנ"ק), און נאָר דורכען זכות פון צניעות ווערט מען באַשאָנקען פון הימעל מיט גליק און פרידען און אַסאַך אידיש נחת.

## „גאונס"

עס איז ליידער גיט באקאנט פארען ברייטען חרידישען ציבור די געוואלדיגע גרויסע פירצה וואס האט זיך אריינגעכאפט אין היימישע שטיבער, צי טראגען לאנגע קליידער ביז דער ערד המכונה „גאו'ן" (Gown), אויף אידישע שמחות!

מורי ורבותי! לאָמיר זיך אליין באטראכטען ווי מיר האלטען! דאס ווייסט יעדער אז פאר אסאך יארען צוריק האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלען אינעם ווילדסטען חלום אז מיט אזא מין לבוש וואס דער בעל דבר האָט ערפינדען אין פּאַריז (פונקט ווי אלע אנדערע מאדעס) אין צישפרייט ביי די גוים להבדיל, זאל זיך א כשר'ע אידישע טאכטער, א אייניקעל פון אונזערע הייליגע אבות אברהם, יצחק, ויעקב, זיך קענען מיט דעם אָנקליידען, אין דערפאַר ווען מען האט געזען איינעם אזוי געקליידעט איז דאָס נישט געווען מער קיין צווייפעל אז דאס מיז זיין א גויטע, גיט א קיק ווי ווייט מען איז געזינקען אז מען שעמט זיך נישט צי גיין מיט דעם, בפרט אויף שמחות, עס איז זייער באוואַוסט דאָס הייליג וואָרט פין גארליצער רב זי"ע וואס פלעגט זאגען, וויאזוי ווערט באַשאַפן א מאדע? דער בעל דבר איז ממציא א פריצות'דיגען לבוש, און טיט זיך אָהן מיט דעם, און שפּאצירט אדארך די פאריזער גאַסען, אין א טאָג שפּעטער איז דאס שוין צישפרייט אין די גאנצע וועלט, דאס הייסט מאדע!

היינט שטעלט אייך פאר ווי מיר האלטען אויף די וועלט! מיט די מלבושים ווערען געקליידעט אידישע טעכטער פין גאר היימישע שטיבער, אין טאקע אויף אידישע שמחות, שומו שמים!! יעדער זיכט דאך אוודאי אז ביי זיין שמחה אין חתונה זאלען ערשיינען זיינע זיידעס (כמבואר בזוה"ק ובשאר ספה"ק) היינט ווי קענט איר זיך פארשטעלען אז די הייליגע געלייטערטע זיידעס פין יענע וועלט וואס זענען אומגעקימען אויף קידוש השם טאַקע פין די גוים רוצחים בני עשיו, זאלען קענען שטיין רוהיג אין ציקיקן ווי אלע מחתונת'טעס אין אנדערע געסט זענען גוי'ש געקליידעט לויט די מאדע וואס מען האט זיך אָפּגעלערנט פין די גוים אין רשעים וואס האבען זיי אומגעברענגט.

איז קיין קלער נישט דאָ אז די עלטערן פין יענעם עולם דרייען זיך אויס און גייען אוועק, פוהל מיט עגמת נפש אין צער טראַכטענדיג דאָס זענען אונזערע פירות? דאס זענען טאקע אונזערע קינדער? איז דאס טאקע די קינדער וואס מיר האבען זיך נאָך זיי געטרייסט ווען מען האָט אונז לעבעדיגערהייט פּאַרברענט אויף די שטייער הויפנס? טראכטענדיג אז עפּעס א אנדענק וועט כאטש איבערבלייבען!

וואָלט מען געהאַט הייליגע אויגען וואָלט מען געזען קלאר דאס גאנצע בילד אין דאָס וואָלט זיכער צישטערט די גאנצע פרייד פין די מחותנים, נאר מיר האָבען נישט די זכי׳ דאס צי זעהן, אָבער גלייבען גלייבט יעדער אז די הייליגע אבות וואָס האָבען זיך מוסר נפש ביי זייער לעבען אויף יעדען דקדוק קל של דברי סופרים, כ״ש אויף א לבוש וואס איז אסור מכח חוקת הגוי, וואס דער הייליגער חת״ס אין אנדער ספרים שרייבען **אז דאס ברענגט רח״ל צו שמד, און צי ווערען גוים**, השם ישמרנו. האבען פון דעם געוואלדיגען צער.

דער גאון וצדיק ר׳ שלמה קלוגער שרייבט (שו״ת טוטו״ד קמא קפ״ח) אז די וואס טראגען גוי׳שע מלבושים ווערען פארעכנט **פונקט ווי גוים**, דער שו״ת בית שלמה (ח״א יור״ד קצו) שרייבט אז דאס איז דער ערשטער גורם מען זאל ווערען אויסגעמישט צווישען גוים רח״ל.

מיר ווילען ערקלערן דא א ווינדערליכע רעטעניש וואס ערליכע אידען פלאגן זיך שוין לאנג צי פארענטפערן פארוואס געוויסע נשים צדקניות האלטען נישט ביים אנטוהן ערליכע באשיידענע מלבושים, וויפיל דער מאן זאל בעטען בתחנונים, אפילו מען זאל איר איבערצייגען פיהל מאל אז זי קויפט איין פאר זיך און די קומענדיגע דורות עולם הבא [ווייל די קינדער וואקסען נאך די עלטערן געוועגליך] אלעס העלפט נישט, קוים ווערט דאס א מאדע, דארף מען אפלו איין ווארט נישט זאגען אין אליינס טיט מען זיך מיט דעם קליידען??

דער ענטפער וועלען מיר געבען, ווילאנג דאס איז נישט א מאדע לאזט נישט דער יצה״ר, אט ווערט דאס א מאדע בעט זיך דער יצה״ר מען זאל דאס אנטוהן!

נאר דער קשיא בלייבט נאך אלץ שווער וואס פאר א הנאה האט דער בעל דבר צי מאכען פין א ערליכען לבוש א מאדע? דער תירוץ לערנען אונז די חז״ל (ב״ב פ״א), דער בעל דבר האט געוואלדיג גרויס אינטערעס אין דעם ווייל דארך דעם ווערט דער קטרוג אסאך גרעסער אין הימעל, מיט די טענה הייתכן ביז יעצט האט מען נישט געקענט? נאר אלס מאדע קען מען?

אויסער דעם האָט דאָס אַן אַנדער באַדייטונג, צי פארבלענדען די אויגען, אז דער מאדע באדייט נישט אלס פריצות (שוחט משום מאי מחייב? משום צובע!, כל שקר שאי״ב קצת אמת, אינו מתקיים!)

יעצט בארעכנט אייך אידישע טעכטער וואָס דארפען ציעהן די הייליגע קייט, פין די פריערדיגע דורות וואָס פארא פנים וועט מען האבען נאך הינדערט צוואנציג יאר פאַר די אייגענע עלטערן אין צדיקים, זיי וועלען דאָך נישט קענען קיקען אין פנים אריין, וואָס מען האָט זיי פאַרשעמט אַזוי שטאַרק זייענדיג אויף דעם עולם, אַוועקגעטריבען מיט די אייגענע הענט פין די שמחות, אין מצער געווען זייער נשמות, חוץ דעם וואס מען היט אָפּ פאר די קינדער אזוי ווי דער חפץ חיים ז״ל שרייבט אז אַלע צרות פין קליינע קינדער נעמט זיך פין דעם.

דערפאַר דאַרף מען וויסען יעדע פרוי וואָס גייט מיט די סאָרט קליידער אָדער קירצע קליידער, נעמט אַ חלק אין די אומגליקען וואָס פאַסירטליידער לעצטענס זייער אָפט, מיט קליידער קינדער ד׳ ירחם.

אין דעם זכות וואָס מיר וועלען מקבל זיין זיך אויפציפירען ערליך אידיש בצניעות, וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען בקרוב.

בעזהי"ת

# ספר

# קדושת ישראל

והוא

# הלכות יחוד השלם

- ליקוט גדול המקיף כל דיני יחוד מדברי הפוסקים ראשונים ואחרונים הנוגעים לכל יהודי מאיש ועד אשה, מקטן ועד גדול.
- עוד בו אוסף אנקי של עשיריות דוגמאות מהמציאות היום יומית שנכשלים באיסור יחוד, והדרכות האיך להתנהג בבית ובמקום עבודה, ואצל הרופא ובביקור אצל קרובים ועוד.
- **מי שאינו בקי בדינים המבוארים בספר הלזו ברור ומוחלט שמוכרח במשך הזמן להכשל בלי שיעור פעמים באיסור יחוד החמור כמבואר בפנים.**
- **ידוע מה שכתבו הפוסקים כי יחוד היא אביזרייהו דג"ע ולדעת הרבה פוסקים הוא ביהרג ואל יעבור** (שו"ת טוטו"ד מהדו"ק סי' קצ"ב ושו"ת שם ארי' סי' ל"ה ובספר פסקי תשובה סי' ע"ה בהערה).

כ"ז לקטתי בעזר צורי וגואלי מדברי חז"ל בש"ס בבלי וירושלמי, מדרשים זוה"ק תיקונים וספרי הראשונים, ומספרי מוסר מגדולי האחרונים זלל"ה, ודבריהם הקדושים חוצבים בלהבת אש, מלהיבים נפש האדם לשמור מאד לברוח ולהסתלק אפילו מן הספק, כאשר יראה הרואה בפנים הספר. תקותי כי דבריהם הקדושים יעשו רושם בלבות בני ישראל, וזה יהי' פרי עמלי להסיר המכשלה הזאת מבתי בני ישראל בכל מקום שהם.

— ברוקלין, יצ"ו שנת תשמ"ב —
יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

קכה

נדפס בשנת תשמ"ב, ולאח"ז נדפס בא"י בשנת תשמ"ה
בתוך סעט שמירת המצות ד' חלקים.
גודל המקורי 128 עמודים 6x9 אינטש

בעזהי"ת

ספר

# אור הצניעות בישראל

הספר הזה נעשה ונגמר לזכות הרבים הנכשלים בלי יודעים באיסור יחוד החמור, אצל רופאים המיוחדים לצרכי נשים, וגם שאר רופאים קלים ופושעים שעלולים לקלקל צניעות וקדושת בנות ישראל. ערו ערו עד היסוד, וידענו שרבים מאחנו בני ישראל משתוקקים לידע דרך הישר לילך בה והמעשה אשר יעשו להנצל מאיסור יחוד ושאר מכשולות הנוראות.

גם הוספנו כל דיני יחוד עם עכו"ם, ונפק"מ גם לאנשים כמבואר בפנים.

עוד ספחנו כל פרטי דיני יחוד לחתן וכלה אחר החופה, ואקוה בעזר השי"ת שהמעיין בספרי זה ירוה צמאון השתוקקותו האיך לנהוג עפ"י התורה.

— ברוקלין, יצ"ו • שנת תשמ"ב —
יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים



נדפס בשנת תשמ"ב, ולאח"ז נדפס בא"י בשנת תשמ"ה
בתוך סעט שמירת המצות ד' חלקים.

בעזהי"ת

ספר

# צניעות ישראל כהלכתה

(לבית דוד)

בספר הלזה קיבצתי פסקי גאוני ורוזני ארץ מדור הישן ומרורנו, שכל אשה תהרר ותתאמץ לילך לאשה הרופאת נשים ולא לאיש כרי להינצל מאיסורי יחור ושאר מכשולות המתרחשים יום יום.

גם העתקתי מעיתונים האמת שהורו הרופאים ע"ע בלי בושת, כי ררכם להכשיל הרבים בתועבותיהם ואין מעצור להם, ואין רואים בזה שום חסרון, אררבה מתפארים בזה.

גם העתקתי נוסח קול קורא'ס שונות שנתפרסמו ע"פ חוצות ופעלו גרולות ונצורות לתקן פירצה זו.

— ברוקלין, יצ"ו • שנת תשמ"ב —
יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים



נדפס בשנת תשמ"ב, ולאח"ז נדפס בא"י בשנת תשמ"ה
בתוך סעט שמירת המצות ד' חלקים.

# מכון להוצאת
# ספרי יהודה וישראל

## בנשיאות מרן הגאון מוה"ר שלום יהודה גראס שליט"א
## האבדק"ק האלמין ור"מ דכולל בית ישעיה

### חדשות בעולם התורני

**הופיע ויצא לאור**

**ספרי**

### "שמירת המצוות כהלכתן"

ארבעה ברכים מהודרים
מכיל קרוב ל-2000 עמודים

**מאת**

הגאון הנודע בשערים מוהר"ר

### רבי שלום יודא גראס שליט"א

הסעט הוא יחיד במינו בכל העולם כולו נסדר במומחיות גדולה חלק ההלכה משולב למעשה לפי סדרי החיים שבזמננו בכל מכמני החורה הנהוגים יום יום ומהם: ה' ציצית, ס"ת, תפילין, ומזוזות, שבת, וצניעות - דיני ביהכ"נ דיני תפלה - קרה"ת - גיטין - צורת יהודי - יחוד - צדקה - הכנסת אורחים - ועוד.

בחו"ל כבר נדפסו הרבה פעמים פעם אחר פעם וממש נחטפו מן השוק לגודל יקר חביבותם.

**בעת אפשר להשיגם בארץ ישראל במספר מצומצם של עותקים וכל הקודם זכה**

**מחיר הספרים $28.00**

### הכנס אוצר בלום לביתך !

### הופיע

### אינטערנאציאנאלער נייעס

ווי אַ בליץ אין העלען טאָג האט געטראפען יעדען חרדישען איד די פריליכע ידיעה פון דעם נייעם סעט ספרים.

### ספרי

### "שמירת המצוות כהלכתן"

**בארבעה חלקים מהודרים**

דער דאזיגער סעט קוים ער האט זיך ארויסגעוויזען אויף די שיין פון די וועלט איז צובאפט געווארען.

דאס צוכאפעניש איז געווען ער ברי כך אז רוב טיילען פון דעם סעט האבען שוין געמיזט איבעגעדריקט ווערן 4-5 מאל און א טייל 7-10 מאל כאטש עס איז בלויז עטליכע יאר פון איר ערשיינען.

פון וואו נעמט זיך די אוסטערלישע הצלחה צו דעם סעט ספרים ???

לויטן מיינונג פון מבינים און דענקער איז דאס צוליב דעם ווייל דער מחבר באנעמט זיך נישט מיט לומדות און פלפולים נאר מיט ציטירען אלע נויטיגע רינים פאר אַ אידישע שטיב!

ווי מיר זעהן אין די ספרים איז דער מחבר אַ זעלטען — טאלאנטפולער מענטש באשאנקען מיט אהנע שיעור פעהיגקייטען

ער דרינגט אריין אין אלע פאר בארגענע־ווינקלען פון אידישען שטיב און ברענגט ארויס די מאקסימאלסטע מאָס דינים וועלכע פארלאנגען זיך צו וויסן צו קענען אנגיין מיט שמירת החורה והמצוח ווי מען דארף.

מיר וועלען ציטירען עטליכע געביטען מיט וועלכען דער סעט ספרים באפאסט זיך.

1) הלכות ציצית — ווי אזוי איינצוקיפען נישט באשווינדעלט צו ווערן — ווי אזוי דאס מקיים צו זיין כהלכה.

2) ה' תפילין ומזוזות — ווי אזוי צו קויפען ווי אזוי מקיים צו זיין —

3) ה' יחוד — ווי אזוי זיך צו פירען.

4) ה' תפלה — הלכות פון דאווענען ווי אזוי מחנך זיין קינדער צום דאווענען.

5) ה' בהכ"נ — דינים פון אמן יהא שמיה רבה.

6) חלב ישראל — אַ הערליך איבערכליק איבער כאנוץ פון מילעך פראדוקטען.

**דאס אלעס פאר אייער כאנוץ אין שטיב !**

**און וואס טיט זיך אין די גאס ?**

7) מדריך לצניעות — אַ שלל מיט הלכות און אנווייזונגען וועגן צניעות.

8) מדריך לרופאים — וויכטיגע אויפקלערונגען וועגן באזוכען אין זיך לאזען אונטערזוכען ביי דאקטוירים.

9) אהלי ישראל — אַ אוצר מיט דינים און עצות ווען מען פארט אויף אפרוה אדער קאנטרי א.ד.ג.

10) תיקוני עירובין — וועגען עירובין היינט צו טאג אין אלע שטעט און שטעטלעך.

11) זקן ישראל — וועגען אידישע צורה און כאָרד.

און וואס וועגן בין אדם-לחבירו ?

12) המשפט בישראל — וועגען דין חורה'ס הלכות - עצות - און ערקלערונגען.

13) דבר משה — וועגען גניבה — שקר — לשון הדע — צדקה — אונאה.

### דאס אלעס און נאך טרעפט איר אין דעם סעט

ווייסט איד אבער פארוואס די ספרים גייען נישט אראפ פון טיש פון די קונים ??

ווייל דער מחבר באגענוגט זיך נישט מיטן בלויזן צושטעלען טרוקען די הלכה ער פלעכט צוזאם די הלכה מיט פראקטיק, ער שטעלט אייך אהער אלע גענויע אנווייזונגען ווי אזוי אין היינטיגען וועלט פון הפקרות זאלט איר קענען מיט אַ רוהיגען געמיט לייגען תפלין מיט מזוזות און מקיים זיין אנדערע דינים און מנהגים וויסענדיג אז איר טיט דאס ריכטיגע סיי אין שטיב סיי אויף די גאס.

און דערפאר איז נישט קיין ווינדער וואס דער סעט ווערט אויך באנוצט דורך רבנים און ראשי ישיבות ווי דער וועג-ווייזער פאר שמירת המצוות און תורת היהדות. און דאס אלעס אויסער די צענדליגע טויזענטער קאסטומער'ס פון אלע טיילען וועלט וועלבע שיקען אריין ארדערס טעגליך.

דער סטיל פון סעט איז א יחיד במינו, און עס איז שטארק אנזעהדיג אויף דעם גרויסען פארלאנג. דער סטעף וועלכע באנעמט זיך מיט דריקען און פארשפרייטען די ספרים איז פארנומען מיט ארבעט 18 שעה יערן מעת לעת. פינעף טעג אַ וואך (אויך ערבי שבתות און ימים טובים) אַ גאנץ יאר. און דאך איז די ארבעט ריקשטעליג לויטען דינאמישען פארלאנג פון חרדישען צבור.

ווארט ! מיר האבען פארגעסען אַ וויכטיגען פונקט

שלום בית — און גיטין

אין די ספרים געפינט איר ערקלערונגען מיט עצות אויב ח"ו מען מיז אנקומען צו גיטין ווי אזוי זיך צו פירען מיט די איינצעלהייטען. דער סעט איז געדרוקט אין פיער (4) דעלוקס בענדער און ענהאלט נאנט צו 2000 עמודים

## פרייז $28.00

עקסטרע הנחה פאר ישיבה לייט

להשיג בחנויות הספרים

הפצה ראשית בא"י: 03-705714

בחו"ל:

MOSAD BRUCHA TOVA
P.O.B. 331 Brooklyn N.Y. 11219
Tel. 718-436-8086

נ.ב. אויב עס וויטיגט אייך אַ פירצה אדער נאכלעסיגקייט אין אַ געוויסע מצוה און איר ווילט אויפקלערן די דינים פאר די מאסען לעילוי נשמת אייערע נאנטע ולזכות הרבים. ביטע רופט: 718-436-8086